STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02092

EYROPEISHE SHTRIKHN

A. M. Orzhitzer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייראפּעאישע שטריכן

פון

אברהם מ. אַרזשיצער

ISBN:0-657-02092-3
Old Call No.,97-439 v.

לאָנדאָן

1941

פערלאַג און דרוקערײַ פון י. נאַראָדיצקי,
131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

היליע פון ס. פאַלמע

מיינע טייערע עלטערן און שוועסטער

א מתנה

אינהאלט

זייט

בולוואַר בעלוויל (אַ שטיק יידיש עמיגראַנט'ן לעבן אין פּאַריז 1934) 9
ווייטשעפּל (לאָנדאָן טאָג־איין טאָג־אויס 1936) 12
פּאַריז־זשענעווע, 1937 (רייזע פראַגמענטן פון מיין טאָג־בוך) 18
שאַמאָניקס (פראַנקרייך) 22
מילאַן (דער וואָקזאַל) 27
רוים 29
דער וועג פון רוים ביז וועניס 34
ווענעציע 35
קיין ווין 40
ווין 41
פּראַג 44
בערלין 46
וואַרשע (פּוילן 1937) 51
דער וועג פון וואַרשע ביז פּאַריז 55
לאָנדאָן טאָג־איין, טאָג־אויס 57
הייד־פּאַרק דער פּאַרק פון „פריהייט״ (1937) 61
שטריכן פון אַ רייזע 1938 (בריסל) 67
אַנטווערפּן 69
האָלאַנד, אַמסטערדאַם 70
קיין האַמבורג 72
האַמבורג 73
קאָפּענהאַגען (דענמאַרק) 76
שטאָקהאָלם 79
אָסלאָ 82
קיין בערגען 85
פון בערגען ביז ניוקאַסל 87
די ליבליכע שטאָט פּאַריז (יאַנואַר 1939) 89
אייראָפּעאישע שטריכן: צווייטער טייל 99
דורך לענדער און שטעט (1939) 101
ליעזש (בעלגיע) 102
קיין לוקסעמבורג 104
לוקסעמבורג 105
מעץ (פראַנצויזישע שטעט) 106
דיזשאָן 108
ליאָן (די שטאָט פון זייד) 110

אינהאלט

זייט

מאַרסעיל (אַ שטאָט פוס־אַרויף און פוס־אַראָפּ) 113
פון מאַרסעיל קיין קאַן 116
קאַן אַ שטאָט וואָס באַדינט 117
ניצע 121
מאָנאַקאָ 124
מאָנטע־קאַרלאָ 125
פון ניצע קיין טריעסט 127
אַ נאַכט אין וואַגאָן 128
טריעסט 130
פון טריעסט קיין בודאַפּעסט 133
בודאַפּעסט אין פּאַנטאַסטיש 135
לעמבערג (פּוילישע שטעט 1939) 141
קראָקע 144
לאָדזש 147
די בזשעזשינער „שניידעריי־מלוכה“ קעגן ענטוישן 151
וואַרשע 153
מיין שטעטל אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק 155
פון אָסטראָוו ביז וואַרשע 158
וואַרשע איז רואיק און פּיבערט 160
דער וועג פון וואַרשע ביז ריגע 161
ריגע 164
מאַללין 166
קיין שטאָקהאָלם 167
קיין אָסלאָ 170
אין אָסלאָ, קיין בערגען 171
טעג אין בערגען 172
צוריק קיין ענגלאַנד (שיף קראַנקהייט).. 175
אין מלחמה לאַנד אַריין 178
אין לאָנדאָן 179
לאָנדאָן (לאָנדאָן טאָג־איין טאָג־אויס 1939) 180
לאָנדאָנער פּראָנט (לאָנדאָן טאָג־איין טאָג־אויס 1940־41) .. 189

באמערקטע דרוקגרייזן

זייט	
60	די 10־טע און 11־טע שורות זענען איבעריק.
198	אנשטאָט קריסטליך דאַרף שטיין קריסטליכע.
204	דאַרף שטיין אַזעלכע גרויסע פאַרבינדעטע.

עטליכע שטריכן וועגן זיך, כמעט ווי א פארווארט

רייזע איינדרוקן און רעפּאַרטאַזשן. כ׳בין ניט קיין „געבוירענער שרייבער״ און ניט קיין „געבוירענער״ רייזענדער, צופעליק האָב איך גענומען פאַרצייכענען און אַט זענען פראַגמענטן פון מיינע טאָג־ביכער פאַרצייכענונגען, אין אַ בוך־פאָרם.

אַ ריי פון צופעליקייטן. אַט די צופעליקייט פון געבוירן ווערן ביי יידיש־חסידישע עלטערן אין אַ קלענערער שטאָט פון קאָנגרעס פוילן, אַט די „צופעליקייט״ פון שטרענגער אָרטאָדאָקסישער ערציהונג און נאָך מלחמה׳דיקן פוילן, ווי דאָס יידישע קליינבירגערטום האָט נאָך אַלץ געקוקט קרום אויף „שוסטערס און שניידערס, אַלס ניט קיין מענשן״, און אַט די „צופעליקייט״ פון יידישער אָפּגעזונדערטקייט פון אַרומיקע גוים, פון וועלכע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, און פיל ניט זיסע זאַכן צו דערציילן. אַט פון די ערשטע „צופעליקייטן״ אין מיין קינדהייט לעבן, האָבן זיך גענומען פאַרמירן געוויסע שטימונגען און איינדרוקן, וועלכע זענען מיט מיר מיטגעגאַנגען אויפן ווייטערדיקן וועג פון מיין יוגנט לעבן.

מיינע עלטערן, אָנגעזעענע בעל־הבתישע סוחרישע מענטשן וועל־כע שטאַמען פון סוחריש רעליגיעזע פאַמיליע, האָבן געוואָלט פון זייער איינציקן זון כאָטש אַ רב מאַכן, און מיר האָט דווקא געצויגן צו מער פרייע באַוועגונגען און שפּילערייען, ווי מער לופטיקערע און באַקוועמע קליידונג און פרייערע האַלטונג איז געווען צו זען ביי די יונגלעך וועלכע האָבן מיט זייער עלעגאַנט פאַרקעמטן לערער דורכגעמאַרשירט די ישיבה גאַס, ניט ווייט פון זייער „שקאָלע־פּאָווּשעכנע״ ווי נאָר זיך מיט מיר צו רייצן. איך האָב געמוזט זיצן מיט פיל עלטערע פאַר מיר יונגלעך, אי־בער דער גמרא גטין און קדושין.

אַט אַרום דעם איז שוין פאָרגעקומען דער ערשטער שטרייט פון זון און פאָטער ווו סיי דער יונגער זון און סיי דער האַלב פאַנאַטישער פאָטער און גאַנץ פאַנאַטישע מוטער האָבן געמוזט איינגיין אויף קאָמ־פּראָמיסן: האַלבער טאָג שקאָלע און האַלבער טאָג גמרא...

*

* *

די יידישע ביבליאָטעק אין שטעטל קריגט אַ נאָמען אַלס ערציהונגס שולע, ווי ס׳קומען אַראָפּ רעפערענטן פון דער גרויסער שטאָט, און ווי עס זאַמלען זיך באַוווסטזיניקע מענטשן. עפּעס ווערט מען גרעסער ווען מ׳ברענגט אַהיים אַ בוך, אַט ערשט ניט לאַנג אַרויס אויפן ביכער מאַרק...

מאַקסים גאָרקי, אויפּטאָן סינקלער, און עמיל זאָלאַ, וועקן און רייצן די פאַנטאַזיע מיט גרויסשטאָטישע קאַמפן און דאַנגלעגישן פון מיליאָניקע לעבנס־צענטרען, אַזעלכע אָנציהענדע בילדער פון גרויסע רירעוודיקע לעבנס־באַוועגונגען, צווישן וועלכע מ׳קען אויסוואַקסן קלוג און ערפאַרן, אפילו די נויט, דער הונגער, פאַרמאָגט אַזוי פיל שיינקייט, ווי אַזוי קומט מען אַהין, צו דער גרויסער שטאָט?

אַ געמיש פון פאַרשידענע ביכער, פון יידישע און פרעמדע ליטעראַטורן וועלכע רעדן אַזוי מאָדערנע, קלערן אויף אַזוי לאָגיש, איבער „אַנטשטייאונג פון פאַמיליע" און „פרוי און סאָציאַליזם", אָפּהאַנדלונגען איבער דער יידישער, און אַלע אַנדערע רעליגיעס, און דאָ אַזעלכע שווער־פאַרטראָגענדע לאַנגע קליידער, און שטיקענדע באַגרענעצונגען פון „טאָר" און „טאָר ניט", אַ גאַנצע תורה מיט אַ גלות אַ צולאָג אויף די פלייצעס, ווייל טאַטעס און זיידעס האָבן זיך אַזוי געפירט...

די „פאָרשעכנע שולע" ניט פאַרענדיקט. מיט דעם ביסל פויליש און אַ שפּאָר ביסל יידיש לייענען, קלויב איך אויס וואָס מיין פאָטער האַלט פאַר פראַקטיש, ווי באַלד ניט קיין ישיבה, און וואָס מיין מוטער נעמט אָן אַלס בושה, אַ בעל מלאכה אין דער משפחה... (איך האָב געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר...) נאָך זייער אַ קורצער צייט אין שטעטל, דערגרייך איך מיין ציל פון לעבן זעלבסטשטענדיק, ניט דאַרפן אָנקומען צו מיינע ביירגערליך געשטימטע פאַרמעגליכע עלטערן, צו 17־18 יאָר לייד איך צוביסלעך נויט אין וואַרשע אָבער מיט שטאָלץ און סאַטיספאַקציע. איך קען זיך אַליין אויסהאַלטן!

וואַרשע אַ גרויסע שטאָט פון שאַרפע קעגנזאַצן, וואַרשע ווו די יידישע אַרבעטער גאַס טומלט, רוישט און באַוועגט זיך, מיט שאַרפע פאָליטישע דיסקוסיעס, שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, און רעפּעראַטן, די שטאָט מאַכט שנעל רייף אַ ערנסט פאַרשנדיקן יוגנטליכן, און די רייפקייט ווערט אויסגעשמידט, פאַרוואַנדלט אין האַס צו די אָנפירענדע קלאַסן אויף דער פוילישער גאַס, ווי אויך ניט מיט קיין ליבע צו די רייכערע יידישע גאַסן.

דער דראַנג און נויטווענדיקייט פון יידיש־פוילישער אויסוואַנדערונג צוליב עקאָנאָמישע און פאָליטישע טעמים שלעפּט מיך אויך אַריין איבנדערמיט, הגם ביי מיינע עלטערן האָב איך נאָך געקאָנט האָבן אָפּצועסן און ביי דער פוילישער פאָליציי בין איך נאָך ניט געוועזן פון די גרויסע פאָליטישע פאַרברעכער. פאַריז די שטאָט פון ליכט, און פון רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, ווערט מיין היים אַלס „טוריסט", ווי כ׳ווער געיאָגט ווי פיל אַנדערע טויזנטער עמיגראַנטן, וועלכע ווילן פאַרדינען זייער לעבן פון ערליכער אַרבעט.

נאָך עטליכע יאָר אַנטוישונגען אין יידיש רעוואָלוציאָנערן לעבן אין פאַריז, און שוועריקייטן צוליב עמיגראַנטן פאַרפאָלגונגען, געלונגט מיר

אַריינצוקומען אין פֿאַרשלאָסענעם ענגלאַנד, ווי די יידישע סביבה פֿאַרמאָגט נאָך וועניקער אַנציהונגס־קראַפֿט. דער לעבנס פּולס אַ געלאַסענער, די געדאַנקען רואיקער, נאָר זיך צו זוכן „אַ שטענדיקן פּאָסטן“, אָנזאַמלען עטליכע הונדערט פֿונט, און אויפֿגעבן קאַרל מאַרקס תורה...

*

* *

דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, פּוילן, כינע, שפּאַניע, עס טומלט, עס גרייט זיך, מ׳קעמפֿט, מען מאַכט איבערקערענישן, אייראָפּעאישע שטעט, מיליאָנען מענטשן, אָט די ערטער ווי עס באַוועגט זיך מיט לעבן, פֿון וועלכע איך האָב געהערט פֿריהער, און פֿון פֿרישע ביכער, דאָס אַלץ האַלט ביי צוזאַמענשטויסן. די סטרוקטור פֿון פּריוואַט אייגענטום, פֿון אָרים און רייך אין איטאַליע און דייטשלאַנד, האָט אָנגענומען „נייע“ מאָדערנע פֿאָרמען, אַזוי גוט ווי דאָס אָפּגעשאַפֿענע פּריוואַט־אייגענטום אין רוסלאַנד ווערט רעגירט אין קעגנזעצליכע פֿאָרמען, אייראָפּע האַלט ביי פֿאַרניכטונג!

אָפּגעשפּאָרט, און איינגעשפּאָרט, צוזאַמענגעשטעלט אַ פּאָר שילינג, אין די יאָרן 1937 און 9־1938 האָב איך פּרובירט נעמען אָפּרו, פֿון לאָנדאָנער אייַנטאָניקע שניידעריי־פֿאַבריקן, יעדן זומער האָב איך עטליכע אייראָפּעאישע לענדער גענומען דורכשפּאַנען און געמאַכט נאָטיצן.

נייך, ניט קיין אויסערגעוויינליכע נייעסן האָב איך אַנטדעקט, געפֿונען, וואָס אַנדערע אייראָפּעאישע רייזענדער האָבן ניט געקאָנט געפֿינען, ניט אַזעלכעס וואָס מיין פֿאַנטאַזיע האָט זיך ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן האָב איך געטראָפֿן אין אייראָפּעאישע שטעט, כ׳האָב נאָר געוואָלט באַשטעטיקן אין וואָס כ׳האָב געגלויבט, אַז די וועלט איז שיין און פֿילפֿאַרביק, געזונט, און רייצנד, ווען אָט די צוויי שאַרפֿע קעגנזאַצן פֿון אָרים און רייך זאָלן ניט זיין.

פֿיל נאַטור בילדער האָבן איבעראַשט מיין פֿאַנטאַזיע מיט זייערע שיינקייטן, און פֿיל אָרימקייט, שמוץ און האָרעוואַניע האָבן מיר געמאַכט פֿיינט האָבן דעם אומגערעכטן סיסטעם פֿון פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, אומגלייכהייט אויפֿן שויס פֿון אָט אַזאַ שיינער אייראָפּעאישער נאַטור.

טענדענציעז, זיכער טענדענציעז איז אַזאַ אַרט שרייבן, אָבער ווער מיט אַ געפֿיל פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿון מענטש צו מענטש, קען פֿאַרזען גאַסן אין וואַרשע, לאָדזש, פּאַריז, מאַרסעיל, רוים, האַמבורג, מאָנטע־קאַרלאָ, ניצע, טריעסט און קאַן אָדער לאָנדאָן, וועלכע שרייען מיט טענדענציעזע קולות: „זעט מענטשן, וואָסערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיסטעמען, זעט הונגער, שרעק, קראַנקהייטן און שמוץ, צווישן רייכקייט, פֿאַרגעניגן, זנות און איבערפּרעסיקייט“...

*
* *

דאָס איז מיין ערשט בוך, כ׳האָב ניט אונטער זיך קיין „ליטעראַרישן יחוס״ ווי אַחוץ ווי כ׳האָב אַנטייל גענומען אין אַ יוגנט קאָנקורס פון יידיש וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט אין ווילנע און באַקומען אַ בוך אַלס מתנה, און ווי כ׳פלעג פון צייט צו צייט לאָזן אָפדרוקן רעפּאָרטאַזשן און רייזע באַשרייבונגען אין אַ פּאַריזער יידישער צייטונג „נייע־פּרעסע״. איך לאָז אָפדרוקן די פראַגמענטן ווי אַזוי כ׳האָב זיי פאַרצייכנט אין 1934 און 1936 פון יידיש פּאַריזער בעלוויל און יידיש לאָנדאָנער ווייטשעפּל ווי אויך די איבעריקע רעפּאָרטאַזשן און רייזע באַשרייבונגען ווי כ׳האָב זיי צענויפגעשטעלט לויט די דאַטעס. פיל זאַכן אין אַלגעמיינעם לעבן, פיל דערשיינונגען אין יידישן לעבן זען היינט אויס פיל, פיל שוואַרצער, פיל מער טענדענציעז אין איראָפּע אונטער דער הערשאַפט פון נאַצי־דייטשלאַנד, אָבער איך האָף צו זען איראָפּעאישע לענדער און שטעט באַפרייטע אָן די צווייי שאַרפע קעגנזאַצן פון אָרים און רייך!...

א. מ. א.

ערשטער טייל

בולוואר — בעלוויל

(אַ שטיק יידיש עמיגראַנטן לעבן אין פּאַריז, 1934)

אַ לאַנגער ברייטער בולוואַר ווי אַ סך בולוואַרן אין פּאַריז, אָבער דער מענטשן־מאַטעריאַל איז ניט דערזעלבער. די אַלע גאַסן און געסלעך וועלכע שלענגלען זיך אַריין באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ אין בולוואַר בעלוויל, זענען אין אַ גרויסער מאָס באַוווינט פון יידן וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך די לעצטע יאָרן. כאָטש די פראַנצויזן זענען אין דער גרעסטער מערהייט פאַרטרעטן אין דער קאַרטיע (געגנט), דאָך מיינט מען אַז די יידן האָבן פאַרנומען דעם בעלוויל, ווייל די יידישע שפּראַך, יידישע אויסגעשריען הערט מען אויף טריט און שריט, אויף וועלכעס דער פראַנצויזישער אַרבעטער און קליינבירגער לייגט ווייניק אַכט, ווייל ער איז שוין דערצו צוגעוווינט.

בייטאָג ווען אַלע פּאַריזער אַרבעטס־געסלעך און בולוואַרן זענען האַלב ליידיק איז דער בעלוויל אויך ניט געפּאַקט, נאָר די קאַפעען זענען מער רוישיק ווי אומעטום. דאָ זיצן מער שפּילערס, מער מענטשן, וועלכע דערהאַלטן זייער פיזישן און גייסטיקן פאַרגעניגן ביי אַ „דערדל" און פּאַרטיע ביליאַרד.

אין דער פּאָפּולערער „ביוראָ־טאַבאַק" זיצן די סראָקערס, מענטשן מיט פעסטע הענט און ברייטע פּלייצעס וועלכע זענען שוין לענגער אין פראַנקרייך. טייל פאַרמאָגן פראַנצויזישע בירגערשאַפט, ווייל זיי האָבן זיך געשלאָגן מיטן שונא פאַר פראַנקרייך... זיי גייט אָן דאָס „דערדל" מער ווי אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געשעענישן ווייל דאָס גיט זיי באַלדיקן פאַרגעניגן און אָפטמאָל אַ באַלדיקן 10־ער פראַנק. די „ביוראָ־טאַבאַק" איז זייער צענטער ווו זיי לעבן זיך אויס נאָך אַ טאָג אַרבעט ביים פרעס־אייזן, ביים האַנדל מיט אַלטוואַרג אָדער טאַקי ווי אַ סך אַרבעטן דאָ פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. פאַרעקשנט מיט הנאה גייט דאָ אָן די קאָרטן־שפּיל.

אין די מער „לייטישע" קאַפעען זיצן די „גרינע", לעצטנס איינגעוואַנדערטע יונגעלייט וועלכע האַלטן זיך שוין פאַר אויפגעקלערטע און אפילו רעוואָלוציאָנערן. קאַפע „אַרשאַווסקי", ווו דער בעל־הבית, אַ ייד מיט אַ אויסגעקרומט פּנים זיצט אויבן אָן, איז דער צענטער פון די אַקטיוויסטן וועלכע פאַרשפּרייטן די אַרבעטער צייטונג און וועלכע קומען אין אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. דאָ שפּילט מען בלויז אויף „גלעזלעך",

דאָ קען מען זיין סתם אַ זיצער, דאָ הערט מען פאַרשידענע דיסקוסיעס און מיינונגען איבער פּאָליטיק און עקאָנאָמישע געשעענישן עפּעס ווי דאָ וואָלט ניט דאָמינירט דער אויסגעלאָסענער קאַפע־גייסט, אָבער צווישן אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערע פראַזן און לאָזונגען כאַפּט זיך אַריין אַ באַנאַלע גאַסן־שפּראַך וואָס באַפאַרבט די לינקע שטימונגען און דער־מאָנט אַז דאָס איז פאָרט אַ קאַפע מיט קאָרטן־שפּילער...

פאַרשידנאַרטיק זענען די טיפּן רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פאַרקויפן לינקע צייטונגען, קלעפּן פּלאַקאַטן, און טיילן אויפרופן. אַ טייל לינקע נאָך פון דערהיים וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פּוילן צוליב שווערע עקאָ־נאָמישע און אַנטיסעמיטישע באַדינגונגען. זיי ציהען זייער יחוס פון אומ־לעגאַלע אַרבעט, פון מאַסוווקעס פון פראַפ. פאַריין אַרבעט און אפילו פון טורמע, און אַ טייל וואָס פאַרמאָגן ניט אַזאַ יחוס, זיי זענען לינק גע־שטימט צוליב עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווו מ׳דאַרף אין סעזאָן „געבן אַ־פּלייצע״ און דערנאָך 4־3 מאָנאַטן צוהונגערן, אָדער צוליב „פּאַפּירן־פראַגע״, ווו זיי האָבן ניט קיין רעכט אויף אַרבעט, די פראַנצויזישע רע־גירונג גיט זיי בלויז רעכט צו וווינען און זיצן און שפּילן אין קאָרטן...

די אַלע האָבן כמעט ווי איבערגעריסן מיט דער אַלטער היים, מיט זייערע פאַמיליעס. בלויז פון צייט צו צייט שרייבט מען אַ קאַרטל: „עס איז ניט לייכט צו לעבן אין דעם פּאַריז״...

טיילמאָל פילן זיי זיך אַ ביסל פאַרשעמט מיט דעם אָנבליק פון גע־דאַנק ווען דאָס שטעטל אין אַלערליי פאָרמען שטעלט פאַר רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעט, גלויבן, אויפריכטיקייט און ריינע שפּראַך — אַ סביבה מיט היימישע פריידן און ליידן, און איצט בלויז פראַזן־דערעשעריי, מאַסקירט, פאַרגרעבט און פרייד ביי גאַסן־פרויען...

* * *

טייל ענדערן זיך צוביסלעך מיט דער צייט. עטליכע יאָר לעבן אין די קאַפעען, האָטעלן און רעסטאָראַנען, עטליכע יאָר איינזאַמקייט אָן אַ פאַמיליע, אָן גוטע פריינט ווירקט ניט גוט, און פיל יונגעלייט נעמען זוכן מיידלעך אַלס פאַרטנערנס און ניט האָבענדיק פיל „צוטרוי״ צו פראַנצויזיש־יידישע מיידלעך, אָדער פראַנצויזקעס, דערמאָנט מען זיך אין עפּעס אַ יוגנט־פלירט, אָדער שטילע סימפּאַטיע, אין פאַרוואָרפענעם שטעטל וועלכע בענקט אָנצוקוקן פּאַריז, און אַזוי אַרום וווינט יאָסל, משה׳ל און כאַצקל מיט אַ פרוי אין אַ „גרעסערן״ האָטעל צימער, אָדער גאָר מעשה בעל הבית אין אַ צימערל אָדער צווי פּיצינקע צימערלעך, אין אַ שמאָלן פּאַסאַזש מיט אייגענער בעט און שטולן.

די קאַפע ציט פאָרט. נאָך די האָניק־וואָכן נעמען זיך חברה פאַר־בענקען נאָך אַ „פּירהענטיקס״ אָדער סתם זען ווער עס איז אויף גרע־

סערע צרות. מוזן די יונגע ווייבלעך קומען זוכן זייערע באַשערטע אין די קאַפּעען. ווי מיט אַ שנעל־מאַשין טראָגן זיך די ווייבלעך אַרום מיט יאַטלעך אויף די הענט, פּיל שטופּן וועגעלעך און אַ פּאָר צו מיט די ווע־געלעך צו די קאָרטן־קאַפּעען, ווי צו ווייזן די קינדער צו גיין אין די דרכים פון זייערע טאַטעס....

מיט שטאָלץ טראָגן די מאַמעס זייערע קינדער, ווייל אַ קינד גע־בוירן אין פראַנקרייך הייסט מער רעכט. אַ קינד קען אָפּטמאָל אָפּשרייען די גזירה פון „אויסווייז", ווי דער יידישער שניידער אָדער טריקאָטאַזש עמיגראַנט קריגט אַ רויט, אַ בלאָ אָדער אַ ווייס צעטל צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אויסגעוויזן פאַר אַרבעטן אָן אַרבעטס־רעכט...

און ביי אַ טייל וואַקסט דער אַפּעטיט מיטן עסן. מ'נעמט צום ערשט איינשפּאַנען די ווייב, מ'נעמט אַרבעטן „פאַר זיך". דאָס שמאָלע האָטעל צימערל איז פאַרלייגט מיט אַרבעט, מ'אַרבעט און מען „ליוועט", מען „ליווערט" (אָפּטראָגן די פאַרטיקע אַרבעט) און מען אַרבעט ביז וואַנעט מען דינגט צוויי דריי צימערן און מען שטעלט אַריין מעבל, מ'שטעלט אַריין נאָך מאַשינען און ביים דינגען אַ דירה פרעגט מען דעם קאָנ־סיערזש (הויז־אויפזעער) „מ'קען אַרבעטן?" און דער קאָנסיערזש ווייס שוין אַז אַרבעטן מיינט ביז 12 ביינאַכט, ווייל צאָלן דירה־געלט און פאַר די מעבל דאַרף מען, פאַר די מאַשינען דאַרף מען, און די קאָנקורענץ איז גרויס, איז ווי אַזוי קען מען קומען צו אַ פּאָר פראַנק אויב ניט צו־נעמען לאַנדסלייט אָן „פּאַפּירן" (טאָן זיי אַ טובה) און יאָגן, שנעל יאָגן, ווייל מ'דאַרף „ליווערן" און דער סעזאָן איז אַזוי קורץ...

זונטיק אין בולוואר בעלוויל

אַחוץ די בעלווילער איינוווינער זעט מען די וועלכע זענען צע שפּרייט איבער אַלע טיילן פון גרויסן פּאַריז. מ'קומט צו באַקאַנטע, צו לאַנדסלייט איבערעדן, אויספרעגן וועגן דירה־געלט, מאַשינען, סעזאָן, א.אַ.וו. די מענער צאָלן איינער דעם צווייטן אַ גלעזל. די ווייבער באַ־קוקן זיך איינע די אַנדערע און מ'נעמט שפּאַצירן הין און צוריק אי־בערן ברייטן בולוואַר. די ענגשאַפט איז גרויס, די ברייטהאַרציקע פרויען זיצן אויף די בענק לענג־אויס דעם בולוואַר, מ'רעדט, מ'שרייט, מ'פּליאַטקעוועט און מען באַרעדט פון יענעמס מאַן און ווייב. טייל אויפגעקנעפּלט זויגן אָן זייערע קינדער. עפּעס אַ מין דושנע היימישקייט און טומלעריי ווי אין קאַסרילעווקע באַר אין אַ צעבראָכענעם יידיש. עס נעמט אָן אַ חלשות צו הערן. גייען דורך פראַנצויזן שטופּן זיי מיט די עלנבויגנס און באַטראַכטן אומסימפּאַטיש די „פרעמדע יידן" וואָס פוצן זיך אַזוי און לעבן צופרידן, און טייל פראַנצויזן קוקן אויף זיי ווי אויף קנעכט וועלכע זענען צופרידן צו אַרבעטן 15־14 שעה אַ טאָג...

* * *

אין אַלגעמיין אַ מער קערענדיקער עלעמענט ווי דער וואָס לעבט אין אַלטן יידישן קוואַרטאַל „פלעצל“. די בעלווילער פאַרשטיקען מער־זהעניק זייער לאַגע, אָבער קענען זיך ניט העלפן. מען וויל אָניאָגן די פאַרהונגערטע טעג אין פוילן, מען וויל זיך פריי אַרויסרעדן, צוזאַמענ־טרעפן, ווו די פוילישע פאָליציי לאָזט ניט גיין דריי יידן אויפן טראָ־טואַר. אמת מען ווערט אַ ביסל פאַרגרעבט ביים יאָגן און דעריאָגן די מאַנטלען, הויזן און פולאָווערן, עס שאַפט זיך אַ מין בעלווילער יידישער טיפ וועלכער טאַפטשעט זיך אין אַ בלאָטע פון עם הארצות און סאָ־סיטעטעס ווי דאָס אויסלעבן זיך איז אין קליינליכע אַמביציעס פון ווערן אַ סאָסיעטעטע פרעזידענט און ווערן פאַרזאָרגט מיט אַ שטיקל ערד נאָכן טויט, אַ מין גייסט פון באַגרעבעניש. אָבער מער און מער קומען צו יונגערע בעסערע אויפגעקלערטע יונגלעך פון פוילן און מיט דער צייט וועט דער בעלוויל צוקריגן אַ שענערן גייסטיקערן פנים ווו ניט דאָס מיאוסע און פאַרגרעבטע פון פראָנצויזיש לעבן וועט זיין דאָמינירנד נאָר טאָקי דאָס עכטע פון פראָנצויזישן און דאָס בעסערע פון יידישן פוילן וועט נעמען די אויבערהאַנט.

ווײַטשעפּל

(לאָנדאָן טאָג־איין טאָג־אויס, 1936)

ווייטשעפל (ווסע קירכע) איז שוואַרץ און גראָ, שטייט ווי אַן אָרעמע יתומה און קוקט אַריבער צו די לאַנגע ברייטע טראָטואַרן און דורכגייער, מיט די יידישע פנים׳ער, וועלכע באַנוצן זיך מיט איר נאָ־מען ווען זי איז נאָך געווען יונג און ווייס.

שיין־פאַרפוצטע העמדער־ און שיך־געשעפטן, וועלכע לייכטן ביי־נאַכט מיט נאַכגעמאַלטע גרינע, רויטע רעקלאַמע־פייערן, אָפענע ליכ־טיקע שפיל־פּלעצער, וועלכע ווירקן מיט פייערן און קוויטשן מיט ראַדיאָפאָנען, נעבן וועלכע עס קלאַמערן זיך מיסיאָנערן־פענסטער מיט פסוקים פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, וואָס רופן „יידישע נשמות“ צום „באַפרייער“ אויף ענגליש און דייטשמערישן יידיש, „סאַלווייזאַן־אַדמי“ (אַרמעי דע סאלי) מיט „אַ ביליקן בעט“ און „געשמאַקן עסן“, עטלעכע יידישע פאַרפוצטע „בשר“־רעסטאָראַנען און היימישע וורשט־

געשעפטן, אַ ריזיקער שפּיטאָל (לאַנדאָן האָספּיטאַל) און פיל קליינע גראַשנדיקע קאַפּעען אין אַלע ווינקלען — דאָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם סקעלעט פון פּראַנטאָון ווייטשעפּל.

* * *

פון פרי ביז אָוונט איז גאַנץ שטיל אין ווייטשעפּל. אין די אונטער־געסלעך, שטענדיק מיט מיסט און ווילגאַטנער פּייכטקייט, פאָרן זיך יידן ביי ניי־מאַשינען און פרעס־אייזנס. שפּייז־געוועלבלעך און פּרוכטן זאָגן דעם ערשטן גוט־מאָרגן דער פּראַנטאָווער גאַס. דאָס פאַרווײַלונג־ווייטשעפּל עפנט טיר און טויער ניט פריער ווי 9 אָוונט. מיטן ערשטן רעקלאַם־פייער און עלעקטרישן לאָמפּ באַווייזן זיך יונגע קעפּלעך פון דערוואַכטע יונגלעך מיט מיידלעך, וועלכע גרופּירן זיך נעבן שוי־פענ־סטער און סינעמאַס, טומלען, לאַכן, וויצלען זיך, גייען אַרויף און אַראָפּ לענג־אויס די טראָטואַרן ביז האַלבער נאַכט.

די פּנים׳ער און באַוועגונגען פון די שלאַנקע בחורים׳לעך און מיידלעך זענען אַ געמיש פון אַלטער און נייער היים. אָט, דאַכט זיך, יידישע יונגעלייט פון זאַמבראָוו, אָסטראָווע, בראָק און טשיזשעווע, מיט די זעלבע מאַניערן, הענט־אויסדרוקן, אָבער מיט שייןפאַרקעמטע קעפּ־לעך, בעסער אויפגעניייטע מאַרינאַרקעס און מיט אַ פרעמדער שפּראַך אין מויל.

די יונגע האַנטניירערנס, אונטערמאַשינערס און אונטערפּרעסערס באַזיצן פיל קולטורעלע שטריכן און העפלעכע מאַניערן, איינגעזאַפּט פון פאָלקס־שולע, און ווירקן סימפּאַטיש. דאָ גרופּירן זיך אויך עלטערע יידן און מיטל־יעריקע, די טאַטעס פון אָט די יונגע, וואָס פאַרמאָגן היימי־שערע שטריכן און אַ שטיק מאַמע־לשון אין מויל, רעדן אַרום די לעצטע פּאָליטישע נייעס.

טייל האַלטן זיך פאַר אַזוי דערפאַרן און באַהאַוונט אין פּאָליטיק, באַטש זיי האָבן אין דער אַלטער היים ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען די שוואַרצע פּינטעלעך, ניט אין יידיש און ניט אין „גויאיש“, אָבער דאָס, וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט די לעצטע מלחמה אַלס ענגלישע זעלנער, דאָס גיט זיי מאָס צו מעסטן „יעקעס“ גבורה...

פּאָליטיק און גאַס

טייל „בלינדע“ געסלעך אָדער סתם טרעפּלדיקע געסלעך, ווו מען קען ניט דורכפאָרן, דינען פאַר מיטינגען, ווו חברה פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי אָדער אַרבעטלאָזער באַוועגונג לאָזן הערן זייערע פּראָ־טעסטן קעגן דער טשעמבערליין־רעגירונג. עלטערע און טייל יונגע־רע הערן זיך צו צו די היימישע רעדנער. פּרובירן טיילמאָל די קאָנסער־

וואַטאָרן רעדן צו די ווייטשעפּלער יידן און קריסטן, ווערן זיי פאַר־וואָרפן מיט אַזוי פיל פראַגן און צווישנרופן, אַז זיי קענען זיך קיין עצה ניט געבן.

פּרובירט אַמאָל אַ מיסיאָנער פאַרגלאָצן זיינע אויגן צום הימל, האַלטנדיק זיינע הענט אויפן בויך — רעדן צו די וואַלקנס, און וואַרט אויף צוהערער, לויפט אונטער אַ יאַט און רוקט אים אין האַנט אַריין אַ בלעטל פון קאָמוניסטישן מיטינג.

שפּעט ביינאַכט גייען יונגע חברה אַרום מיט קעסלען ווייסע קאַלך און מען פּענזלט די ווייטשעפּלער טראָטואַרן מיט מעלדונגען און לאָזונ־גען וועגן מיטינגען און קעגן קאָנסערוואַטיווער הערשאַפט: „סעניאָר בעווין טשעמבערליין מוז אָפּטרעטן".

טויזנטער מענטשן לייענען די לאָזונגען און מעלדונגען, הערוויסן זיך ווו און ווען צו קומען צו מיטינגען, אַזוי אַז די טראָטואַרן זענען אַ גוט אַגיטאַציע־מיטל.

גרייט גאַרדן סטריט (גרויס־גאַרטן גאַס)

די גאַס פירט ניט צו קיין גרויסן און ניט קיין קליינעם גאָרטן אַחוץ די פינסטערע שמאָלע שטויביקע געסלעך. דאָך קלינגט דער נאָמען פון דער גאַס אַפּ צווישן טויזנטער יידישע דאַמען־שניידער אין ווייט־טשעפּל.

דער פאַריין פון יידישע דאַמען־שניידער געפינט זיך באַלד אין די ערשטע נומערן. שטייען הונדערטער דאַמען־שניידערס נעבן פאַריין, עטלעכע צענדליק זיצן אויבן.

קומען קליינע מייסטערלעך זוכן מאַשינערס, שניידערס אָדער פרעסער, קומען זיי אונטן, ניט אויבן.

קומען פאַסאַניערס זוכן אונטער־מאַשינערס, אונטער־שניידערס און אונטער־פרעסערס (אַזאַ סיסטעם אין לאָנדאָן ביי דאַמען־אַרבעט), קומען זיי נעבן דער יוניאָן (סינדיקאַט), גיבן אַ וואָרף אַ וואָרט צווישן אַ גרופּע: שניידער? מאַשינער? פרעסער? איינער פון דער גרופּע לויפט אונטער, פאַרהאַנדלט, פרעגט אויס, און וויבאַלד אַנגענומען, גיט מען האַנט־געלט — די שער אָדער עטלעכע שילינג. אַז מען וועט קו־מען. אַרבעט ביי דאַמען־סעזאָן האַלט אַן 6־9 חדשים אין יאָר. דאָ שטייען אָבער יונגערע און עלטערע דאַמען־שניידער אַ גאַנץ יאָר פון 8 פרי ביז 9 אָוונט מיט אַן איבעררייס פון אַהיים גיין צום וויב אָדער טאַ־טע־מאַמע אָפּעסן מיטאָג, אָדער אין די „פיקטשעס" (סינעמאַ).

די גאַז־קאָמפּאַניע און די געוועלבער נעבן גרעיט גאַרדן סטריט קלאָגן זיך פאַר פּאָליציי, אַז זיי ווערן פאַרשטעלט דורך שניידערשע

פּלייצעס. נו, קומען אַלע ווילע אָן פּאָליציי און יאָגן, דער עולם צע־לויפט זיך.

פונקט ווי אויף דער שמאָלער מילע גאַס ווערט צווישן די גרינס־הענדלער איבערגעגעבן: „אַ קנעפּל גייט", און דאָס גייט איבער פון מויל צו מויל, צוגלייך ווי ביי די וואַרשעווער בייגל־הענדלער, אַזוי גייט דאָ איבער פון מויל צו מויל: אַ כאַפּער, אַ כאַפּער...

אַזוי ווערט אַמאָל אַ שניידערישער שמועס פון שטעפּן און פּרעסן איבערגעריסן צוליב אַ „כאַפּער", און אָפטמאָל בלייבן הענגען האַלבע שטיקלעך אַרבעט אין דער לופטן.

טיילמאָל געלונגט טאַקע צו כאַפּן אַ האַלב־פאַרשלאָפענעם שניי־דער, וועלכער האָט אפשר ניט דערזען די הויכע פּאָליציייִשע היטל. נו, באַלד אויף צומאַרגנס פּסק'נט דער ריכטער צוויי און אַ האַלבן פונט „פּאַר שטערן דעם עפנטלעכן דורכגאַנג".

פאַרשידענע מיינונגען קען מען הערן פאַרוואָס מן ווערט ניט קיין מיטגלידער אין פאַריין, אָבער אַ מערהייט ענטפערט: ווייל די ביוראָ־קראַטיע קעמפט ניט פאַר די אַרבעטער.

לעצטנס, ווען אַ יונגע ענערגישע פאַרוואַלטונג האָט איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון דאַמען־פאַריין, זעט מען פיל מער אויבן, ווי אונטן, דאָך וועט די טראַדיציע פון אַ דזשאַב אונטערן פרייען הימל נעבן גרעיט גאַרדן סטריט אַזוי שנעל ניט אונטערגיין...

די וועלכע האָבן בעסערע און „שטענדיקע" דזשאָבס, קוקן אויף די „אויטסיידערס" (דרויסנדיקע) מיט אַ גרינגשעצונג: שלים־מזל'ס, ניט קיין בעלי מלאכות...

די פאַרפּוצטע מיידלעך, וועלכע גייען פאַרביי און באַטראַכטן די יונגעלייט מיט כלה'שער מבינות, באַטראַכטן אויך די „לײדיק־גייערס" מיט גרינגשעצונג: אַזעלכע טויגן ניט פאַר חתנים אפילו, „אויסנעמען" אַ מיידל אין פיקטשעס און געבן איר „אַ גוד טיים" (גוטע צייט) טויגן זיי אויך ניט...

שבת לענג־אויס ווייטשעפּל איז די יידישע רעדאַקציע „צייט" גע־שלאָסן און אַלע „כשר" רעסטאָראַנען סערווירן אונטן אַרום. שמשים, דבנים און אַנדערע כלי־קודש זענען שבת'דיק אָנגעטאָן, די שולן אין די זייטיקע געסלעך זענען באַלויכטן, אָבער די האַנדלס־גאַס איז ביזי (פאַרנומען).

אויסער די פּראָנטאַווע יידישע געשעפטן וועלכע לייזן גאַנץ גע־שמאַק פון יידן און קריסטן, איז אויך אויסגעשטעלט אויף איין זייט טראָטואַר אַזאַ מין „מאַרקעט" ווו אַחוץ די געוויינלעכע פרוכטן־שטעלן פון אַ גאַנצע וואָך שטייען פיל פרישע „שבת'דיקע" מיט אַלערליי אַלטע

און נייע העמדער, שיך, אַלט און ניי מעבל און פאַרשידענע ביליקע ביכער מיט שרייענדיקע קפּלעך.

דער יריד הויבט זיך אָן שטופּנוויז 9־10 פרי און דערגרייכט זיין גלאַנץ ערשט נאָכמיטאָג ווען די גרעסטע טייל יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער האָבן פאַרענדיקט זייער וואָך אַרבעט און באַטראַכטן די אויסגעשטעלטע סחורות מיט באַגער. טייל שפּאַצירן זיך דורך מיט וויב און קינד סתם אָנקוקן טאָמער מאַכט זיך עפּעס „ביליקס״, נעמט מען עס אַהיים.

דאָס יונגוואַרג, אַ טייל בעסערע פאַרדינערס, פאַרן אַראָפּ פאַר־ברייננגען אין דער „וועסט ענד״, ווו זיי טרעפן זיך מיט יונגען און מוידן פון אַלע עקן לאָנדאָן אין די מער פּאַרפוצטע, מער דזשאַז־שרייענדע טאַנץ־לאָקאַלן, און די גאָר יונגע אָדער קלענערע פאַרדינערס פאַר־ברייננגען ביז נאָך האַלבער נאַכט אין לאָקאַלע טאַנץ־פּלעצער, ביליאַרד קלובן אָדער שפּאַצירן אין ווייטשעפּל.

זונטיק פרי איז ווייטשעפּל אַזוי שטיל ווי אַ קריסטליך געגנט. אַחוץ עטלעכע איילנדיקע צו דער אַרבעט וועלכע האַלטן אָן שבת און אַרבעטן זונטיק פרי, איז ווייטשעפּל פאַרשלאָפן. ביסלעכוויז האַלב פויל נעמען איינציקע אַרויסקומען מיט געגעצן, כאַפּן אַ בליק צו די שרייענדיקע קעפּלעך פון די זונטיק צייטונגען.

צווישן אָרימע שמאָלע ברודיקע געסלעך זעט מען פאַרבלאָנדזשען גלאַנציקע אויטאָמאָבילן. דאָ קומען רייכערע זין און טעכטער באַזוכן זייערע עלטערן וועלכע שטעקן נאָך אין ווייטשעפּלער געטאָ. זיי, די זין און טעכטער, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, זענען געבוירן און ערצויגן אין ענגלאַנד, טויגן זיך בעסער אויס און קומען מיט אַ סענטימענט צום „גריבעם״ טאָמן אָהער דערקוויקן זיך מיט אַ יידיש שטיקל פיש און יידי־שע וורשט אין רעסטאָראַן ווו זיי וואַרפן אַריין עטלעכע יידישע ווער־טער און שפּירן זיך ווי יידן...

די בייגל־הענדלערנס אין בריק־ליין וועלכע שעלטן זיך מיט היי־מישע קללות אַ גאַנצע וואָך נעבן דעם באָרימטן וורשטן־געשעפט פון „בלום״, רייסן איבער זונטיק זייער „וואָך־פּאָלעמיק״ און קוקן נאָך די פאַרפוצטע יונגעלייט און מיידלעך וועלכע זיי געדענקען מיטן העמדל אַרויס...

די אָפענע טירן מיט ליכטיקע שפּיל־קעסטלעך זענען שבת און זונטיק צאַלרייך באַזוכט. יונג און אַלט פּרובירט „גליק״ ביים וועלן אַרויסשלעפּן זייגערס, ראַזיר־מאַשינקעס און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן פאַר פעניס, און אַזוי פעניסוויז פאַרלירן זיי שילינגען, ווו די באַדינער דרייען זיך אַרום מיט בייטלען קליינגעלט אויסצוטוישן.

שבת און זונטיק, אַזוי ווי אַ גאַנצע וואָך, לויפן יונגען אין קורצע

ווייסע הויזן און העמדלעך איינציקווייז, זאַלבעצווייט און אין גרופּן, ווי אין אַ געיעג מיט די אויטאָבוסן. זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט ספּאָרט, מיט קיין שום אַנדער זאַך, ווי מעסטן די מוסקולן. זיי טרייבן ספּאָרט...

דאָס ערשטע וואָס די ווייטשעפּלער ספּאָרטלער גיבן אַ קוק אין די צייטונגען איז די ספּאָרט־נייעס.

זונטיק שפּעט ביינאַכט ווען די לעצטע אָפּגעשפּילטע ביליאַרד־פּאַרטיעס זענען פאַרענדיקט און מ׳לויפט שנעל אַהיים, ווייל מ׳דאַרף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט, הערטראָגט זיך אַ עכאָ פון „ספּאָרט־פאַרקויפער", פאַרשידענע צעקנייטשט־פּנים׳דיקע טיפּן שרייען אויס: „אָלל דאָגס" (אַלע הינט). זיי פאַרקויפן שמאָלינקע פּאַסיקלעך פּאַפּיר מיט רעזולטאַטן פון הינט־געיעגן און אַלץ פאַר איין פּעני...

* * *

אין אַלגעמיין מאַכט די יידישע יוגנט אין ווייטשעפּל אַ געזונט־קערפּערליכן איינדרוק.

איין דור עטוואָס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פרייהייט האָט גע־ווירקט צום גונסטן פאַר די אַנטלאָפענע יידישע שניידערס און קליינ־הענדלער פון פוילן, רוסלאַנד און רומעניע, וועלכע זענען געקומען קיין ענגלאַנד מיט 30־40 יאָר צוריק און טראָגן נאָך געבויגענע פּלייצעס פון דער אַלטער היים.

הגם קיין יידישע אינטעליגענץ איז אין לאָנדאָן ניט פאַרבליבן צו געבן דעם יונגען יידישן דור אַ שענע קולטורעלע באַציאונג צו יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור, דאָך איז די גרעסטע טייל פון דער יידי־שער יוגנט אין ווייטשעפּל מיט מענטשליכער שטאָלצקייט וועלכע וועלן דעם רוקן פאַר רעאַקציאָנערער פּאַשיסטישער הערשאַפט ניט בויגן, וועלכעס דער 4־טער אָקטאָבער 1936 האָט באַוויזן ווען זיי האָבן די בלינדע פּאַשיסטן מיט מאָזלי׳ן בראש ניט דורכגעלאָזט דורכמאַרשירן, פּראָוואָצירן די יידישע געגנט, און דער אינערן מיניסטער האָט געמוזט דעם מאַרש אָפּרופן. וואָס די יידישע יוגנט אין ווייטשעפּל זאָל ניט זיין, אָבער קיין מה־יפית יידעלעך זענען זיי ניט.

פאַריז — זשענעווע, 1937

(רייזע־פראַגמענטן פון מיין טאָג־בוך)

דער וועג פון פאַריז ביז דיזשאָן איז שיין. פעלדער, בערגלעך, טאָלן און וואַסערלעך און דערצו אַ גאָלדענע זון מיט שטראַלן. וואָס טענטער צו שווייצאַריע אַלץ מער באַוועגן זיך אַרויף און אַראָפּ די טעלעפאָן־דראָטן וועלכע ווילן די באַן אין שפּינוועבס פאַרוועבן און ווי דער צוג וואָלט געטאַנצט כדי זיך ניט צו לאָזן פאַנגען. בערג קריכן איינער אויפן צווייטן, די שפּיצן ווערן אַלץ העכער און דער צוג יאָגט שנעל דורך צוויי שורות צעניפגעשמאָלצענע וואַנט פון בוימען־בלעטער, וועלכע מאַכט פריי דעם וועג.

אַ סך אַזעלכע בערג. גלייכע שטייפע אָנגעשטעלט האַרט נעבן די וואַגאָנען־פענסטער קוקן אַריין מיט האַרטקייט און שטאָלץ, און אַ סך זיך פאַנאַנדערגערוקט, כדי דורכצולאָזן דעם באַוועגליכן „שלאַנג“ וואָס באַשטייט פון האָלץ, אייזן שטאָל, קוילן און לעבעדיקע מענטשעלעך, נאָכדעם ווי דער „לויפער“ וועט דורכלויפן גייען די בערג זיך צושאַרן, צוריק ווערן איינס.

הייזער און שטיבעלעך. טייל קריכן אַרויף, בלייבן שטיין אויבן, און קוקן אַרונטער צופרידענע, זיי זען פון אויבן בעסער, און טייל שטייען ווי מיט איין פוס אַרויף, איינעם אַראָפּ, טאָמער נעמט מען פון אויבן יאָגן, האָבן זיי ניט אַזוי טיף צו לויפן, און טייל שטיבלעך און הייזער האָבן צוגעשפּאַצירט, און קוקן אַרויף, וואַרטן, אַז ברודער־הייזער זאָלן עדרלאַנגען אַ האַנט, וועלן זיי אַרויפשלעפּן די ליימיקע בייכער, אַנדערש קריכן זיי ניט.

אין אַלגעמיין זענען אַלע הייזער אָנגעוואָרפן, קרום, אַנאַרכיש, ווי אָנגעלאָפענע אָן אַ פירער, אָן דיסציפּלין. טאָלן. טייל בערג מאַכן פלאַץ פאַר אַ ניי־צוגעקומענעם באַרג וועלכער קומט אָן. זיי רוקן זיך פאַנאַנדער און דער פרישער איילט זיך ניט, קוקט זיך אַרום אָדער בלייבט ערגעץ שטיין, בלייבט הערווייל אַ שטיק פלאַץ ליידיק און עס שאַפט אַזאַ מין טאָל.

טונעלן. בערג עפענען מיילער, פּרובירן איינשלינגען שטאָל און אייזן מיט צעשראָקענע מנטשליכע פּנימער, אָבער ווייזט אויס אַז שווער אַזעלכעס צו צעקייען, לאָזן זיי די באַנען צוריק אַרויס גאַנצע, און בלייבן שטיין מיט פינסטער הונגעריק אָפענע מיילער... הייזער, ביימער, פעלדער און בערג, לויפן נאָך אַ גאַנצן וועג ווי זיי אַלע וואָלטן געמאָנט צוריק טיילן פון זייערע קערפּערס וועלכע לויפן ווי לעבעדיקע מחבלים.

אין מיין וואַגאָן אַ פּאָר פּאָלק מיט צוויי קינדער, בלאָע און ברוינע שיינע אויגעלעך. די קליינבירגערליך זאַטע מאַמע שטריקט אַ יאַקעלע פאַר איר מיידעלעס ליאַלקע.

אַ פּאָר פּאָלק מיט אַ זון מיט אַ לאַנגען קערפּער און לאַנגע הענט, שטרעקט אַלעמאָל אויס אַזאַ לאַנגע האַנט, און די מאַמע לייגט אַריין עפּל, באַרנעס, שטיקער ברויט און טעפּלעך וואַסער. אַ יונג פון אַ יאָר 30 וואָס שלעפּט, רייסט פון דער מאַמען ווי אַ קליין קינד. די מוטער זעט אויס בלאַס און נערוועז. ער לאָזט איר קיין ביסן ניט נעמען.

פּונקטליך 5 נ. מ. בלייבט דער צוג שטיין אונטער אַ דאַך פון אַ וואָקזאַל־געביידע, וווּ מענטשן מיט בלאָע אוניפאָרמען, וועלכע זען אויס סימפּאַטיש, קאָנטראָלירן בילעטן און פּאַספּאָרטן, מ׳קוקט דורך די פּעק און וואַליזעס, און דאָס הייסט מ׳איז אין שווייצאַריע, ווייל די ווענט אין וואָקזאַל שרייען אַראָפּ מיט שיינע נאַטור בילדער, שטיקער מאָלעריי פון נייען לאַנד.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן קומט מיר אַנטקעגן אַ פּאַרביקער באַרג וועלכער פירט ביי די הענט אַ בלאָען הימל, און אַ קרישטאָלענעם וואַסער, און הייזער, בריקן און געסלעך לויפן נאָך.

איך ווער פאַרכאַפּט, באַגייסטערט פון אָנבליק. אַזאַ שיינער קבלת־פּנים!

די פראַנצויזישע שפּראַך, מיט אַ מילדן קלאַנג, קלינגט אין די אויערן אַ היימישקייט ווי אין פּאַריז. כ׳נעם פרעגן דורכגייער און פּאָלי־ציי אויף אַ ביליקן האָטעל, ווי כ׳געפין צום סוף אַ פּריוואַט־צימער ביי אַ פּאַמיליע ווו אַ פרוי מיט זילבערנע האָר און סימפּאַטיש געזיכט פאַר־דינגט פאַר אַ ביליקערן פּרייז ווי אין אַ האָטעל, און דער אָונט־ברויט אין אַ באַשיידן ריין רעסטאָראַנדל ווו אַ זיס־שמייכלדיק מיידל דער־לאַנגט פרישע עסנס, און באַלד שלעפּן די פיס און אויגן, איבער דער שטאָט ווו אַלץ ליגט אַזוי אויסגעשפּרייט פאַר אַ נייען גאַסט.

קאַפּעען, און קאַפּעען, אויפן פאַריזער אָפענעם לופטיקן שטייגער אין אַלע זייטן, און פאַרפלאַכטענע פאַרוואָרפענע בריקן איבערן בלאָען וואַסער טיילן פאַנאַנדער געסלעך, און גאַסן מיט פּרעכטיקע האָטעלן, זייגער געשעפטן, פאַבריקן, און פרוכט געשעפטן. פּרייזן זענען פיל טייערער ווי אין פראַנקרייך, נאַטור פּראָדוקטן אויך פיל טייערער, ווייזט אויס אַז שווייצאַריע איז מיט פיל עסנוואַרג ניט באַשאָנקען.

בייטאָק אויף דער פּליאַזשע באָדן זיך רייכע און האַלב רייכע לייי־דיקגייער, יונגעלייט און מיידלעך פון זשענעווע און יונגע מענטשן פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. אַ לאַכעריי און שטיפעריי אין פאַרשידענע שפּראַכן. אַ צופרידן בירגערליך פליסקעריי אין „לייק דע זשענעוו“.

ביינאַכט איז זשענעווע איינגעהילט אין שטילקייט. פון די רייכע אָפענע קאַפעען דערטראָגן זיך מוזיק־קלאַנגען און מאַנאָלאָגן פון אַר־טיסטן, די „בעסערע" מענטשהייט זיצט ברייט מיטן פּנים צום הימל און גאַס, און די גראָערע אין אַרבעטער־קליידער שלינגט שטיקער מוזיק שטייענדיק מיטן פּנים צו די אויסגעזעצטע טישלעך און שמייכלנדיקע קעלנער. זיי, די הונדערטער אַרבעטער, געניסן פון די קאָנצערטן „אויף גאַפּע" אפילו אָן „פור־באָאַר" (טרינק געלט). די נאַכט שאַרט זיך אַלץ מער, בידערט פון באַרג אין שטאָט אַריין, און דער זשענעווער „לייק" ווערט פון גאָלדען־בלאָ, אַלץ טונקעלער, וואַרפט זיך פריש און צאַפּל־דיק, מורמלט אַזוי סודותדיק, ווי די אַלייען, ווילעס, פּרעכטיקע געביי־דעס, אַרום. אַזעלכע צאַנקענדע פייערלעך פינקלען פון אַלע זייטן האַלב שוואַרצן־באַרג עפּעס ווי שאָטנס וועלכע פירן צו שליאַכן פול מיט צו־ציהונגס־קראַפט, צו ערגעץ נאָך מער רואיקע דרימלענדיקע לעבעדיקע נעסטן.

פּרויען שפּאַצירן לאַנגזאַם, שלייכן זיך דורך אין העלע קליידער אָן זאָקן און טייל גליטשן זיך דורך, קוקן זיך ניט אום אויף מענער. אַ סימפּאַטיש געזונטע יוגנט, ריין אָנגעטאָן, שיינע פולע מאַסיווע קער־פּערס ביי יונגע פּרויען, און אַ קלוגער אויסדרוק, אויף שיינענדיקע פּנימער ביי זילבער־קעפּיקע עלטערע פּרויען.

ווו ניט ווו אין זייטיקע געסלעך שטייען האַלב מיאוסע פּרויען און קוקן מענער מיט „באַשיידנקייט" אין די אויגן אַריין. זיי הערמאָנען אַז אין זשענעווע, צוגלייך מיט גרויסע ליאַרמדיקע שטעט, ווערט „ליבע" פאַרקויפט אין גאַס.

קאָנסולאַטן, אוניווערזיטעטן און מאָנומענטן, אַלץ מיט אינטערנאַ־ציאָנאַלע נעמען, עפּעס ווי די גאַנצע וועלט נאַציאָנען וואָלטן געקומען פאַרברייגגען אין זשענעווע, און זשאַן זשאַק רוססאָ זיצט אינמיטן מאַרק (מאָנומענט), דאַרף אַלע אויסלענדער ווייזן ווו איבערצונעכטיקן.

* * *

א איטאליענישער זשורנאליסט אין פעלקער־ליגע

אַ אויטאָבוס פירט צו פּאַר עטליכע סאַנטים און פּאַר קליין געלט קריגט מען די ערלויבניש צו באַזוכן די פּראַכטפולע געביידע, די אַזוי גערופענע „נאַציאָנען־ליגע". אַזוי ווי אויסערליך, גלייכער סטיל און עסטעטיש, אַזוי אינעווייניק פּרעכטיק לופטיקע זאַלן, ווו בערג, הימל און וואַסער קוקן אַריין, ווילן דערזען די שיינע מאַלערייען פון שפּאַנישע מאַלער אין קאָנפערענץ־זאַל, און די ספּעציעל קינסטלעריש פאַרכאַפּנדע (אָדער פאַרייסנדיקע) בילדער פון „פעלקער־פאַרברודערונג" און „צי־

וויליזאַציע" וועלכע זענען אַרויפגעקראָכן אויפן סופּיט...

איינער גיט ערקלערונגען פון די פאַרשידענע טיילן, אין 10 מיליאָ־ניקן פאַרנעם, ווי אַ פילם ווערט באַנוצט וויזנדיק „די ליגע ביי דער אַרבעט"....

טוריסטן נעמען קוקן מיט ליבשאַפט איינער אויפן צווייטן, און ביי אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלן בליק טרעף איך זיך אָן מיט איינעם אויך גאַנץ אַליין אָן אַ פריינד, אָן אַ מיידל און אָן אַ קאָדאַק.

מיט גיט קיין שלעכטן פראַנצויזיש וויל ער דערגיין צי כ'בין אַ פראַנצויז אָדער גאָר זיינס אַ לאַנדסמאַן, אַ איטאַליענער? ער שטעלט זיך פאָר אַלס מיטאַרבעטער פון מילאַנער צייטונגען (איבער קונסט) און איך, אַלס ייד. סאָציאַליסט, פון אומעטום... ער רעדט ווי אַ אינטעליגענט מיט ערנסטע פנים שטריכן, בשעת ער פאַרטיידיגט האַלב און האַלב אי־טאַליענישן פאַשיזם, „ווי עס דיסציפּלינירט די אַנאַרכיש געשטימטע נאַ־טורן אין איטאַליע, אָבער די אינטעליגענץ (גייסטיקע אַרבעטער) ניט גוט באַצאָלט, און צוליב עטוואָס פרייהייט פון דענקען איז ער ניט אין דער פאַשיסטישער פאַרטיי"...

ער בעט כ'זאָל ניט צו הויך רעדן וועגן פרייהייט און סאָציאַליזם, ווייל מ'קען אים נאָכשפּיאָנירן, „און דעמאָקראַטיע קען נאָר זיין ביי די רייכע ענגלענדער און פראַנצויזען". הגם ער פלאָנטערט זיך צי אַר־בעטער קענען מער האָבן פון אַ גרעסערע אימפּעריע, און אַז „דאָס אי־טאַליענישע פאָלק האָט ניט געוואָלט מלחמה אויף אַביסיניען, און ס'דאָ פיל אומצופרידענע אפילו אין דער אַרמיי"...

מיר עסן אין אַ קליינעם רעסטאָראַנדל און שפּאַצירן איבער זשע־נעווע און בשעת ער נעמט זיך היימישער צערעדן איבער זיין לעבן, זיינע 50 בחורישע יאָרן, איז זיין טאָן פול מיט באַדויערונג, פאַרוואָס ער האָט ניט חתונה געהאָט. ער געפינט קינדער־ליבע אין זיין שוועסטער'ס טעכטערלעך, און ער וואָלט נאָך חתונה געהאַט מיט אַ פאַרמעגליכער פרוי, ווייל זיין שרייבעריי ברייננט ניט אַריין גענוג...

* * *

דער זונטיק אין זשענעווע איז נאָך שטילער ווי אינדערוואָכן, אַחוץ לינקע סאָציאַליסטישע יוגנטליכע (ניקאָלס גרופּע) וועלכע גרופּירן זיך מיט רויטע לענטעס, פאַרקויפן זייער צייטונג. אָט ביי דער באַן סטאַנציע אַ גרופּע ענגלענדער רייסן איבער די שטילקייט מיט אַ געזאַנג פון אינ־טערנאַציאָנאַל, און אָט אַ שיף מיט עטליכע הונדערט יונגע ענגלענדער פון שולן, זיי טאַנצן אַריין קיין זשענעווע מיט פולע אויסגערוטע פּנימער, זינגען „גאָד סייוו דהי קינג"...

שאמאניקס (פראנקרייך)

9 אויגוסט. באַלד אינדערפרי איז אַ גאָלדענע זון אויף די פּיס וועלכע לויפט פאָרויס דעם צוג דורך בערג און טאָל אַלץ נענטער צו שנייאיקע שפּיצן, צו שטיקער וויסקייט. אַ זומערדיקע זון, לויפט און פירט צו אַ ווינטער.

נאָך 2 מאָל איבערזיצן קומט צולויפן אַ קאַלטער ווינט, שפּרינגט אַריין אין די וואַגאָנען, אַרויסטרייבן די ברענענדיקע זון וועלכע האָט זיך ברייט צעלייגט אויף פענצטער און געפּעק.

די באַן צווישן ווייסער קעלט און גרינער וואַרימקייט. כ׳שטעל אַרויס מיין האַנט צום ווייסן באַרג, נעם איך זי אַריין אַ פאַרפרוירענע, רוק זי אַרויס צום גרינעם באַרג אָנצוואַרימען. אַ פּרעכטיק „ווילדער" אָנבליק, ממש אומגלויבליך! אַ קליין וואָקזאַלכל פירט צום טאָל וווּ רוישיק לעבן גייט אָן צווישן זומערדיקן און ווינטערדיקן באַרג מיט אַזאַ רייץ און פילפאַרביקייט פון קאַפּעס, רעסטאָראַנען, געשעפטן און מענטשליכע מאַסע פּנימער וועלכע לייכטן גרין־ווייס־גאָלד, עפּעס אַ מין מאָדנער אַראַבישער יריד אין עגיפּטן און עסקימאָזן ערגעץ אין נאָרד־פּאָל. עס פאַרכישופט.

כ׳מאַרשיר דורך די הויפּט געשלענגעלטע געסלעך און זוך אַ צימער מיט שניי און זון, אָבער ווייזט אויס אַז די אַלע האָטעלן און פּענסיאָנאַטן האָבן זיך אָפּגערעדט, מיר קיין צימער צו פאַרדינגען...

אָפּשטעלענדיק מענטשן אין גאַס: האָט רחמנות אַ צימער, אַ קליין צימער, פאַר איין פּערזאָן. אָבער זיי באַדויערן, עס גיבט ניט ווו זיי שטייען איין, אַ צימער פאַר איין, ניט רייכן פּערזאָן...

דורך אַ אינפאָרמאַציע ביוראָ דערטאַפּ איך צו אַ יוגנט האָסטל ערגעץ אין אַ וואַלד, ווו די אָנפירערקע טוט מיר אַ טובה, מאַכט פאַר מיר פּלאַץ אין עס צימער אויפן טיש...

באַגינען, דער גערויש פון טעלער לעפל וועלכע גרייטן זיך אַריינצומאַרשירן פאַר די הונדערטער הונגעריקע מיילער צום פרישטיק, יאָגט מיר אַרויס מיט אַ קעלט אין די ביינער, ווייל דעם ערשטן גוטמאָרגן באַקום איך פון ווייסן באַרג וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען האַרט נעבן מיין פּלייצע. זוך ווידער אַ צימער, און די רייכע געסט אַרום די קאַפּעען ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט מיט מיר, מיט זייערע צייטונגען „לע מאַטען", „לע־זשור" און „דיילי מייל", און אפשר זוכן זיי צווישן די אַנאָנסן וועגן אַ צימער? זוכענדיק צווישן בוימער אפשר אין אַ וואַלד געבליבן אַ ליידיק צימער, זאָגט מיר אַ ווייצלנדיקער

פראַנצויז: „דו זוך ניט, בעסער קלויב זיך אויס אַ אָרט נעבן אַ בוים, מיטן פנים צום זומערדיקן באַרג"...

„מ אַ ך אַ ט ו ר אוי ף ד י ש פ י צ ן" — רעק־לאַמירט אַ אויטאָבוסן ביוראָ אינדרויסן מיט שרייענדע אָנציענדע ביל־דער און כ'טראַכט: אַ טאָג מיט אַ נאַכט אַרום „מאָן־בלאַן", כ'האָב סיי ווי ניט וווּ צו'שלאָפן. אַזאַ טור איז אָנציהענד פּאַר ניט מער ווי אַ 150 פראַנק. בלויז עטליכע פּאַרלעך וועלכע שטייגן אויס באַלד נאָך שאַמאָ־ניקס, ס'ווערט אומהיימליך, אַ עלטערער פראַנצויז מיט מיר זענען די טוריסטן? אָבער נאָך עטליכע שטייגן איין, ווערט שוין דאָס האַלז־ברעכערישקייט לייכטער, ווען דער אויטאָבוס נעמט גיין שפּיציקער, סאַפּעט פון קריכן און נעמט לויפן איבער אַרויפנאַרנדע זיג־זאַגן ווי ביים מינדסטן שוואַכן קערעווע פון קאָנדוקטאָר פליען מיר אַלע פון 1100, 1500 און 1600 מעטער אַראָפּ ווו עס זעט אויס שוואַרץ, עפּעס אַ מין טויטע שוואַרצקייט פון וועלכע דער קאָנדוקטאָר דערציילט אַז אַ טאַקסי איז מיט עטליכע טעג צוריק געפלויגן אָט פון דעם אָרט! אין אַפּגרונט...

ביסלעכווייז נעמען די לויפנדע פּאַנאָראַמעס פון שפּרונגעוודיקע בערגער שניטן, אין אַלערליי פאַרמען פון ווייס און גרין, אַפּשוואַכן די שרעקעוודיקע געפילן, אַמביציעזע פּאַרלאַנגען, זיך אויסצוגלייכן מיטן „בלאַן־בלאַן", עפּעס ווי איך וואָלט געלאָפן, געשלעפט דעם אויטאָבוס דורך די קרומע אַרויפדראַפּענדיקע פאַרכישופטע שמאָלע וועגן.

און אונטן די אַנגעוואָרפענע שטעטלעך און דערפער וועלכע טאַנצן אַרום מיט זייערע וואַסערלעך, בוימער און בערגלעך עפּעס ווי קינדער שפּילצייג, קינדערשע וועלטן. אָט אַרויסשטעלן אַ האַנט, אַרויפצונעמען אַזעלכע שטעטעלעך אויבן. שטאָק אַרויף, און אַרויף, ס'בלייבן נאָר קרייד־צייכנס, פון די פאַרפאָרענע זיג־זאַגן און אָט אַ ברייטערער פּאַס דורכצופאָרן מיט אַ שטיבל ווו מענטשן קומען אַרויס מיט גרינע מונ־דירן און ביקסן, עטוואָס טונקעלע פנימער, זיי דערציילן אַז דאָ ביי דעם שטיין, דעם שטיבל, איז שוין ניט מער פראַנצוזישער באָדן, פראַנ־צויזישער הימל, פראַנצויזישע לופט. דאָ ניט ווייט ליגט אַ שטאָט, אַאוסטאַ און דאָס איז דאָס לאַנד פון איטאַליע.

די איטאַליענער שמייכלען אַזוי זיס־ביטער, רעדן אַזאַ „מאָדנעם" פּראַנצויזיש, קאָנטראָלירן די דאָקומענטען, רעגיסטרירן דאָס געלט־באַזיץ.

דער אויטאָבוס לויפט פאַרביי באַרג אַראָפּ דורך דערפער און שטעטלעך, ווו אָרימע מאָגערע פנימער קוקן נאָך און טייל פרויען מיט האַלב מידע און האַלב איבערגעשראָקענע פנימער גרוסן מיט דעם פאַ־

שיסטישן סאַלוט, ווי זיי וואָלטן אונז גענומען פאַר פאַשיסטישע אינספעקטאָרן.

פיל זעלנער, און פאַשיסטיש־העמדלדיקע יוגנט, גוט אָנגעטאָן מיט געזונטע פנימער.

אַרום 9 פאַרנאַכט אין אַאוסטאַ. דאָס פראַנצויזיש פאָרל און איך מאַכן אַ שפּאַציר איבער די הויפּט גאַסן און געסלעך, וווּ אָרימקייט און אויסגעדאַרטע פנימער קוקן אַרויס פון יעדן ווינקל, און געזונטע יונגען אין שוואַרצע אוניפאָרמען, מיט רעוואָלווערן גייען גרופּנווייז, קוקן יעדן אין פנים אַריין, יעדער ווערט דאָ געהיט.

נאָך אַ נאַכט בויך־שמערצן, ווו די קישקעס האָבן איינציקווייז פאַרנומען פלאַץ, נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי אַ גאַנצן טאָג געטרייסלט אַרויף און אַראָפּ, הער איך אַרום 6.30 אַ קלונגענדיק פרימאָרגן־באַגריסונג „באָן זשורנאָ־סענאָרינא״, אונטער מיין האָטעל־פענסטער, געלעכטער, שפּראָצט גלייך מיטן זון־אויפגאַנג, דאָס לעבן איז דאָ!

אַ שטעטל פון 18־20 טויזנט איינוווינער מיט קראָמען און קרעמלעך, פיל ליידיקגייערס און סאָלדאַטן, מוסאָליני׳ס קאָפּ אויף אַלע ווענט, פּאָסט־קאַרטלעך אין שוי־פענסטער מיט זיסע ליבע־ווערטער, וועגן העלדישקייט און פערספעקטיוון אין מיליטער, און אויסגעמאַטערטע אַרבעטער און האַנטווערקער־פרויען גראַבלען און קוקן אַריין אין זייערע האַנט־בייטעלעך, ביים איינקויפן ברויט און געמיזע. בעטלער און ציגיינער רייסן ביי די פאָלעס, און שוואַרץ־מונדירנדיקע פּאָליציילייט, און זעלנער שטעכן דורך די בליקן, עפּעס אַ בלייערנע שווערקייט באַפאַלט דעם פרעמדן.

10 פרי, דער אויטאָבוס נעמט ווידער קריכן און זיך דראַפּען איבער דערפער און שטעטלעך ביז „גראַנד סאַן בערנאַרד״, וועלכעס שטייט שוין אויף דער שווייצאַרישער טייל אַלפּן, ווו די שווייצאַרישע באַאַמטע באַגעגענען זייער העפליך.

אַ שיין אויסגעבויטער האָטעל־רעסטאָראַן, ווו דאָס ביסל רייכע ענגלענדער, אַמעריקאַנער, דייטשן און פראַנצויזן, לאָזן זיך וווילגיין, ווו צענדליקער אויטאָבוסן וואַרטן אינדרויסן.

די קירכע און מוזעאום דערציילן ניט פיל פון דעם פלאַץ. ריזיקע סאַן בערנאַרד הינט אָפגעצוימטע וואַרימען זיך אונטער דער זון, זעענען ווי ריזיקע וועלף מיט „רחמנות״ מאָרדעס פון וועלכע עס רינט אָן אויפהער, קענען זיך ווייזט אויס ניט דערוואַרטן אויף שנייאיקע טעג צו לויפן אין געיעג נאָך פאַרשיטע מענטשן.

זין און טעכטער פון די אינטערנאַציאָנאַלע העררן שטופּן און לאַכן אַרום, צווישן שניי און אייז, וואַרפן זיך מיט וואַרימע קוילן שניי, און די ווייניגער פאָרמעגליכע פאַמיליעס זיצן אין ווינקלען, עסן זייער מיטאָ

פון פּאַפּירן און קוישן אַרויס, פאַרפלאַנצנדיק דערביי די געגנט מיט סאַרדין פּושקעס און פלעשלעך.

צוריק קיין שאַמאָניקס, זייער אַ שמאָלער וועג. דער שאָפער סיגנאַליזירט כּדי אַ טאַקסי זאָל זיך אָפּהאַלטן אין אַ ברייטן פּלאַץ און דערביי ערקלערט ער אַז די באַן געזעלשאַפט לאָזט ניט מאַכן ברייטערע וועגן ווייל באַנען שניידן אויך דורך די בערג, זיי ווילן ניט קיין קאָנקורענץ...

ווידער „אַ גרענעץ”. עטליכע מעטער ערד און אַ שטיבל און „מיין לאַנד”, עטוואָס אַנדערע אוניפאָרמען אָבער די שפּראַך פון די שווייצאַריער און פראַנצויזן סיי פון זייערע מיילער און אויגן — איז די זעלבע.

אַרום 6.30 נ. מ. צוריק אין שאַמאָניקס. די ביינער צעטרייסלט, פאַרשטויבט און הונגעריק. בערג, טאָלן, בוימער, שטעטלעך און אָפּגרונטן, פאַרכישופטע בילדער, נאַטור פּייזאַזשן, אין פאַרשידענע פאָרמען, פלאָנטערן זיך אין געדאַנק.

דאָס מאָל פּאַק איך אַ צימער אויף עטליכע נעכט ביי אַ באַן אַרבעטער, וועלכער אַרבעט ביינאַכט. ער איז גרייט אַ טובה צו טאָן איינעם וועלכן ער „דערקענט” לויט דער אויסשפּראַך אַלס פּאַריזער...

* * *

שאַמאָניקס איז פּשוט אויסגעטראַכט אַזאַ מין ווונדער צוזאַמענשטעל פון דער נאַטור ווי צוויי קעגנזעצטע בערג זאָלן אַריינקוקן אין טאָל ווי מענטשן לאָזן זיך וויילגיין, לאַכן און טאַנצן ווי ביי זיך אין דערהיים.

און וואָסערע פּנימער זעט מען אַלץ ניט אין שאַמאָניקס פון דיקע פאַבריקאַנטן, און זייערע זהבדלעך און טעכטערלעך ביז פּאַריזער אַרבעטער וועלכ האָבן אונטער אַ מער דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעגירונג באַקומען צוויי וואָכן באַצאָלטן אורלויב (פון די קרומע בעלווילער געסלעך ביז דעם ווייסן שפּיציגן מאָן־בלאָן...) יונגע מיידלעך וועלכע טוליען זיך צו די פּאַרטפעלן פון עלטערע הערן, און שטיל פאַרטראַכטע ענגלענדערנס מיט אויסגעצויגענע פּנימער וועלכע קוקן נאָך די „באַרגמענטשן” מיט רויטע געזיכטער, פעסטע הענט און פיס, אַרומגעהאָנגען מיט שפּיציקע כּלי־זין ווי אוראַלטע מענטשן וועלכע זענען נאָר וואָס געקומען פון יאַגד נאָר אָן געפאַנגענע חיות.

אַ טומל אין די רייזע און עקסקורסיע ביוראָס, יעדער וויל זען דאָס סאַמע סודותדיקע, די געדערים פון „מאָן־בלאָן”. און די העפליכע ביליעטן־פאַרקויפער שמייכלען און זאָגן צו אַלעס, און זיי אַליין וואָלטן

זיך מחיה געווען מיט אַ שטיקל, מעג זיין נידעריקערן אורלויב, ווי דער מאַן־בלאַן...

12 אויגוסט. הימל און בערג האָבן זיך צעבייזערט, אַ קריגעריי צווישן הימל און בערג פאַרוואָס מען מאַכט ניט פּלאַץ אַדורכ־צוגיין און ס׳נעמט זיך אַריינמישן אַ ווינט, באַלד קומט אָן אַ שטורם, און אַ גראָבער האָגל. עס דונערט און ברעכט ווי בערג וואָלטן זיך פאַר די קעפּ געריסן. און אונטן? די מענטשעלעך לויפן שנעל אַרונטער, פאַר־באַהאַלטן זיך אונטער דעכער צעטומלטע, און וואַרטן איבער, זיי ווייסן אַז באַלד וועט דער „צאָרן" איבערגיין און אַלץ וועט שטיל ווערן... ביסלעכווייז נאָכדעם ווי וואָלקנס קריכן נידעריקער, ווערן זיי איינגע־שלונגען פון די בערג, באַווייזט זיך הימל און זון, אַלץ איז אָפּגעוואַשן און אָפּגעשווינקט, מער ניט וואָס האַסטיקע שטראָמען פליסן פון אַלע זייטן גרין און ווייסער באַרג, ביידע שטייען ווי אויסגעצוואָגענע מייד־לעך אויף שבת.

13 אויגוסט. באַלד אינדערפרי אַ שפּאַציר איבערן שטעטל. דער פרימאָרגן איז אַזוי פריש קיל, אַלעס שלאָפט נאָך, אויסער די ביט־רע האָטעל־אָנגעשטעלטע און קעלנער, וועלכע פינטלען מיט די אויגן צום וואָקזאַל, וואַרטן אויף רייכע געסט.

9.15. דער צוג פירט ביז סאַן־זשערוועי און עקס־לע־בען, ביז מאָדאָן. אַ וועג פול מיט בערג, טאָלן און שטעטלעך. די בילדער גלעטן און פרישן אָפּ.

מאָדאָן, איטאַליענישע גרענעץ, קאָנטראָלע און רעוויזיע. דער וועג ביז טורין איז ווי פריער. אין וואַגאָן פאַרבינד איך אַ שמועס מיט אַ אי־טאַליענישן אַרבעטער וועלכער האָט געלעבט אַ שטיק צייט אין פּאַריז, פאָרט אַהיים צו זיין פרוי און קינד נעבן טורין. ער קוקט זיך אַרום, זעט די פאַשיסטישע אוניפאָרמען אויף יעדן טריט און רעדט וועגן איטאַליע־נישער אָרימקייט און נויט צווישן דאָרפישע און שטאָטישע אַרבעטער...

צווי פראַנצויזישע גלחים פון פּאַריז פּרובירן אויך זיין וועלטליך ווי זיי באַרירן די פּאַריזער אויסשטעלונג און די דעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך און ענגלאַנד און מיידן אויס צו רעדן וועגן איטאַליע.

אַ איטאַליענערן מיט ערנסטע אַרבעטער־שטריכן ווישט זיך מיט די גלחים אויף אַ צעבראָכענעם פראַנצויזיש און רוקט זיך אָפּ מיט עקל פון אַ פאַשיסטישן מונדיר נעבן איר אויפן באַנק, וויל כאַפּן אַ שמועס מיט דעם אויסלענדער, וועלכער פרעגט אויס פון איטאַליע. זי מורמלט און שילט די פּאַראַזיטן לײדיקגייער אין אוניפאָרמען, און ביים איבער־זיצן אין טורין שלעפּט זי מיר מיט, מאַכט פּלאַץ אין פול געפּאַקטן צוג קיין מילאַן.

אַ צוג מיט איין שטיק לעבעדיקער מאַסע. אַ מערהייט אַרבעטער

צוריק פון אורלויב אין שטאָט אַריין מיט אַ ספּעציעל „פּאָפּולערן" בילי־קערן צוג. אַלע מאַכן מיט די הענט, קריגן זיך צוליב אַ ברעקל פּלאַץ אַוועקצושטעלן אַ פוס, אָדער אַ וואַליזע. און פּלוצלינג ווער איך אַרויס־געטראָגן פון הענט עלנבויגנס און פּלייצעס. אַלע שרייען אויס: מי־לאַנאָ! מיט אַ ריטש פון לאָקאָמאָטיוו ווי מ'וואָלט אים דעם האַלז אי־בערגעשניטן און געוואַלדן פון אויסשטייגענדע, איינשטייגענדע אפן אַפּוואַרטענדע, אַ אמתער גיהנום!

מילאַן (דער וואקזאל)

כ'בלייב שטיין אַ צעטומעלטער. אַ פעלד מיט פאַרוואַקסענע לאָ־קאָמאָטיוון אַרומגענומען מיט קילעכדיק פאַרמאַכטע ווענט רייסן זיך צו אַ אומבאַשטימטער הויכקייט, אַ מין הימל־סופיט, באַהאָנגען מיט עלעק־טרישע לאָמפּען ווי זונען צווישן וואָלקנס פון באַנען־רויך.

אַ פאַרכאַפּנדער אָנבליק. כ'הער ניט און כ'זע ניט דעם טומל. כ'וויל דערגיין צי דאָס זענען זונען־לאָמפּען, און וואָלקנס און כ'קען ניט דערזען דעם „הימל", די הויכקייט און גרויסקייט, דער פאַרנעם פון דעם בנין וואָס רופט זיך וואָקזאַל!

איינס פאַרטאָק. דער דרויסן איז וואַרים און ברייט. האָטעלן, קאַ־פעען, לייכטן מיט רעקלאַמעס, אויטאָבוסן און טאַקסיס אין באַוועגונג, עס רוישט מיט לעבן אַרום וואָקזאַל. (צימערן זענען אין מילאַן ביליק אין פאַרגלייך מיט שאַמאָניקס און וואַרטן אפילו אויף אַרבעטער געסט).

באַלד אינדערפרי אַ מיליאָניקע שטאָט פאַנאַנדערגעשפּרייט פון אַלע זייטן ווי די ריזיקע שיין געשניצטע שפּיציקע געבײַדע פון קירכע „דאָם" פאַרשלעפּט אַ גרינעם, כדי אים צו ווייזן אַ פּאַנאָראַמע פון אַ לופטיק ברייטער שטאָט אין בויען. דאָס באַרימטע „סקאַלאַ" טעאַטער איז זומער געשלאָסן און אויסערליך איז עס אַ געוויינליכע אַלטע געביי־דע אין אַ שטיל ווינקל צווישן פאַרשלאָפענע הייזער. ערשטקלאַסיקע געשעפטן, טראַמוואַיען, בעדער און אינסטיטוציעס. די מענטשן גאַנץ באַשיידן און ריין אָנגעטון זענען העפליך, זשעסטיקולירן און פאַרשטייען פראַנצויזיש.

פּאָפּולערע גרויסע געשעפטן, ווי אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, אָבער כמעט אַלע סחורות זענען דאָ טייערער (הגם דער אַרבעטער־לוין איז פיל נידעריקער) אויסער עסנוואַרג און פרוכטן וועלכע זענען ניט טייע־

רער ווי אין פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד. רייכע פיין אויסגעשטאַטע קאַ־פּען מיט רייַנקייט און געשמאַק ספּעציעל אַרום דער גאַלעריע אין צענטער פון שטאָט אונטער אַ גלעזערנעם הויכן דאַך אָנגעפּראָפּט מיט פיינע בילדער געשעפטן, און פיינע סחורות. די פּנימער און באַוועגונגען פון מענטשן זענען ענליך צו די פראַנצויזן דאַכט זיך מיט די זעלבע קול־טורעלע מאַניערן, אָבער ניטאָ די מילדקייט און איינגעהאַלטנקייט ווי ביי די פראַנצויזן, און באַכמער ווי ביי די ענגלענדער. דער קלימאַט איז דאָ הייסער, די פּנימער עטוואָס מיד און טונקעלע האָר, וועלכעס מאַכט די פרויען אויסזען באַחנטער, אין זייער באַשיידנקייט, כמעט אויסערלי־כער צנועהדיקייט.

ביכער אין שוי־פענסטער רעדן מיט אַ שפּראַך פון געשיכטע אי־בער אַלטער רוימישער קונסט און פון די אויסלענדישע שפּראַכן זעט מען דייטשישע איבער דעם „מאָדערנעם־דייטשלאַנד" און פראַנצויזישע איבער אַלטער קונסט, בלויז מיט אויסנאַמען ווי אַ בוך פון וויקטאָר סערוש „רוסלאַנד 1917־1937", און פון סיר וואַלטער סיטרין „וועגן דעם אמת אין רוסלאַנד"... ווי אויך עטליכע ביכער אין ענגליש פון ענגלישע שרייבער איבער מוסאָליני׳ס גרויסקייט, און אַ ביכל פון ציו־ניסט רעוואָוצקי איבער פּאַלעסטינע.

צייטונגען זענען ווי איינגעשרומפּענע אונטער אַ פּרעס־אייזן קוים וואָס זיי זען זיך אָן, צווישן די אויסלענדישע דייטשישע און קאָנסער־וואַטיווע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

ווייזט אויס אַז אַ פאָלק לייענט ניט, אָפּגעוווינט זיך פון אַזאַ זאַך ווי די פּרעסע און אין גאַס איז שטיל, מ׳זעט ניט קיין טעראָר ווי צום ביישפּיל אין פּוילן, אַלץ איז איינגעשטילט, פאַרשטילט (?)

זונטיק איז שטיל, אַלץ געשלאָסן, בלויז די קאַפעען זענען אָפן. אין די שטילע אַרבעטער גאַסן און געסלעך הערט מען אָפּעראַ שטיקלעך פון אַלטע הייזעריקע פּאַטעפאָנען, יונגע קינדער זינגען אויס שטיקער אָפּעראַ אויף יעדן טריט. אָבער ביינאַכט זעט מען יונג און אַלט שטראָ־מען צום הויף פון אַלטן שלאָס „קאַסטעליאָ" ווו אָפּעראַ פאָרשטעלונגען ווערן געגעבן אונטערן פרייען הימל. פול אָנגעפּאַקט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן פון פאָלק אויף די אויסגעבויטע זיץ פּלעצער אַ שטאָק איבער אַ שטאָק. יונג און אַלט טומלט און רעדט פון אָפּערעס צווישן איין אַקט און צווייטן. זיי ווייסן ווער ס׳דאַרף איצט רעדן אָדער זינגען. זיי קענען אַלץ אויף אויסעווייניק.

די סצענע איז פּראַכטפול אויסגעשטאַט, די אַרטיסטן זינגען און שפּילן מיט טאַלאַנט און דער אָרקעסטער פון 150 מאַן שפּילט ווי איין מאַן. דער טונקל בלאָער הימל־מיט בלישטשענדע שטערנס פון אויבן אַרום און אַרום טונקל, מיט קעפּ, אויגן און געדאַנקען צו דער סצענע, אַ

ספּעקטאַקל וואָס מאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. די אָפּערע „מאַדאַם באַטערפליי" רייסט מיט עפּעס ווי מ'וואָלט אָפּגעריכט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, ווי אַרטיסטן און פּובליקום אין איין הייליקער אַרבעט.

ביים סוף זינגען אַלע אַרטיסטן דעם פאַשיסטישן הימן מיט אויסגעשטרעקטע סאַלוטן. דאָס ווייזט באַלד אין וואָסער לאַנד מ'לעבט. אָבער קיינער פון פּובליקום נעמט ניט אָנטייל אין דער צערעמאָניע...

ר ו י ם

דער וועג פון מילאַן ביז רוים איז דורך פעלדער, ביימער, שטעטלעך. אַ גלייכער פּרוכטבאַרער באָדן וועלכן פּויערים באַאַרבעטן גאַנץ פלייסיק. נעבן באָלאָנאַ זעט מען פיל פּרוכטן ביימער און פון באָלאָנאַ, בערג. נאָך 14 שעה פאָרן שאַרט זיך דער צוג צו אַ קליינעם וואָקזאַל, וווּ ס'לויפן אונטער משרתים פון האָטעלן. זיי „רעדן" אַלע שפּראַכן, בעטן זיך מיט רחמנות ביי אַ אָנקומענדן גאַסט די רוימער...

אַ אַרימער יאַט פירט מיר צו אַ ניט טייערן „פּענסיאָנאַט" פאַר 20 ליר אַ צימער און צוויי מאָלצייטן.

באַלד אינדערפרי נעמט די זון ברענען. איידער כ'שטעל אַרויס אַ פוס אין שטאָט אַריין פרעגט מיר איינער ווי צו געפינען אַ גאַס...

קריכן יונגען האַלב נאַקעט מיט קורצע הויזן אויף רושטאַוואַניעס, מיין איך אַז זיי זוכן ערגעץ אויבן אַ וואָסער צו שווימען, אָבער דאָס זענען בוי אַרבעטער, זיי בויען וועגנט און דעכער ביט אַריינצולאָזן דער אַפריקאַנער זון.

אַלטע שמאָלע געסלעך, אַלטע הייזער, געשיכטע און קונסט וועדק אויף יעדן שריט.

די באַוועגונג איז פיל גרעסער ווי אין מילאַן און דער פאַרקויף פון פאַרשידענע לאָטעריע־צעטלען איז געוואַלטיק. אַלטע היסטאָרישע רעשטלעך פון געביידע זיילן און הערנעבן מאָדערנע פּאַלאַצן, גאָרטנס מיט פּאַלמען־ביימער און אַ אונטערערדישער פיין אויסגעבויעטער טונעל אַלץ אַזוי מיט אַלטער און מאָדערנער צוציהונגס־קראַפט, אַ מין שיינע קאָמבינאַציע אַרום „טראַפּאַראַ" און „באַציאָנאַלע".

די מענטשן איילן זיך. די פּנימער זענען דאָ מער ענערגיש. דאָס לעבן פּולסירט ווי אין אַלע גרויסע האַנדלס־שטעט, נאָר די געשיכטע פון רוים קוקט נאָך יעדן איינעם, כמעט ווי יעדערער וואָלט געדאַרפט טראָגן עפּעס אויף די פּלייצעס פון טויזנטער יאָרן צוריק...

דער וואַטיקאַן

אָפּגעטיילט ערגעץ זייטיק פון צענטער שטאָט, כמעט אַ שטאָט פאַר זיך, שטייט זיך די וועלט צענטראַלע פון קאַטויליציזם. ריזיקע גראָבע זיילן פירן קיילעכדיק צום אַריינגאַנג ווו מ׳טרעפט זיך אָן מיט אויסערגעוויינליכער פראַכט. אַ פאַרנעם פון קונסט אַרבעט, מאָלעריי און אַרכיטעקטור.

פיל בילדער און סקולפּטור אויסאַרבעטונגען זענען אַזוי איינגעהילט אין שרעק און מיסטיציזם דאָס עס איז שווער צו באַגריפן זייער באַדייטונג און אונטן די קעלערס מיט קברים פון „הייליקע“ מיט פאַרשידענע פאַרפירערישע טרעפ אַרויף און אַראָפּ צו זייטיקע צימערן אַלץ אַזוי פאַרבאָרגן, אַלץ איינגעהילט און פאַרשלייערט אַ וועלט מיט סודות... אָבער דער אויפשריפט ביים אַריינגאַנג וואָרנט דאָך פון אינערליכער פרומקייט און הייליקייט: „פרויען מיט קורצע אַרבל און אָן זאָקן ניט ערלויבט אַריינצוגיין“. מער ניט וואָס די פליישיקע דינער וועלכע היטן די טירן רעדן אַזאַ מין פאַרשייטע שפּראַך מיט זייערע גראָבע ליפּן און שעלמישע שמייכלען צו די פרויען־פיס, דאָס די אינעווייניקסטע „הייליקייט“ שרעקט ניט מער.

פיל זייטיקע איינגענג אין ריזיקן הויף ווו ס׳געפינען זיך ביוראָס און זיץ־פּלעצער פון פאַרשידענע וואַטיקאַן מלוכה־איינריכטונגען (און ווער ווייס אפשר די טרעפּ וואָס פירן צו גאָט?) זענען פאַרצוימט, אַ וואַך מיט קאָלירטע משונה׳דיקע קליידער (וועלכע דערמאָנען אַרום ענגלישן קעניגס פּאַלאַץ) מיט שווערדן און שפּיזן פאַרשטעלן דעם וועג. הייסט עס אַז דער וועג צו גאָט איז אויך דורך באַאַנטן...

גלחים אין פאַרשידענע געשטאַלטן טייל מיט קאַלט ערפאַרענע פנימער קניען מיט מעכאַנישע געוווינהייט און טייל „גרינע“ וועלכע האָבן די זכיה צו זיין דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָנט... קניען אינדרויסן און איבעווניק אין די זאַלן מיט ציטער און ערנסט. די עלטערע און די „איינגעבירגערטע“ באַוועגן זיך פריי אינעווייניק און אויסעווייניק ווייל גאָט דערקענט זיי שוין...

אָבער די גלחים מיט אויסגעשוירענע קעפּ נאָר אַרום די זייטן איבערגעלאָזט האָר ווי אַ קראַנץ, זען אויס עפּעס אַזוי מאָדנע ניט עסטעטיש דאָס מען מוז זיי נאָכקוקן.

סינאַגאָגע.

כ׳טאַפּ צווישן אַלטע דורותדיקע מאָנומענטן, ווענט, טויערן, וועלכע שטייען איינגעפלאָכטן מיט אַ מאָדערנעם היינט פון הייזער געביידעס

מאָדערנע איינריכטונגען, און מענטשליכע פּנימער, ביי וועלכע איך פּרוביר אָראָפּלייענען געשיכטע פון זייערע אויגן, באַקן, באַוועגונגען. מיר דאַכט אַז דער רוימער קען זיך נישט באַפרייען ער זאָל נישט זען אומעטום זיינע עלטער־זיידעס, ווייל די אַלטע שטיקער שטיינערנע סימבאָלן טייטלען, וועקן און דערמאָנען... קיינער פון די רוימער ווייס נישט וואָס סינאַגאָגע מיינט און ווו אַזעלכעס געפינט זיך, כאָטש איך ווייז זיי אויף דער שטאָט מאַפּע. אַ פּאַרטראַכטער יונגער רוימער מיט ביכער אונטערן אָרעם ווייזט מיר דעם וועג און פונדערווייטנס פון צווישן קירכעס און שטיקער געשיכטע ווענט קוקט צו מיר אַ יידישער מגן דוד. ער לאָזט זיך דערקענען.

אַ גרויס פּעסט הויז ווו שמשים מיט פּיצינקע קאַפּעלעך דרייען זיך אַרום און וואונדערן זיך וואָס איינער איז שוין געקומען אַרום 5 דאַוונען מנחה ווען עס הויבט זיך אָן אַרום 7.

כ׳נעם רעדן מיט איינעם אויף אַלע שפּראַכן און פון מיין העברעאיש פאַרשטייט ער בלויז „יהודי“, דאָס איבעריקע הייסט ער מיר רעדן אין איטאַליעניש...

קומען זיך צענויף עטליכע צענדליק אָרימע יידן (זען אויס ווי זיי וואָלטן פאַרקויפט פּרוכט אויף וועגעלעך) און דער חזן מיט אַ טאָן פון דער הגדה שרייט אַרויס, זינגט צו און קוויטשעט ווי אַלע העלפן אים אַרויס... כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס דאָס מנחה דאַוונען דויערט אַזוי לאַנג און וואָס זיי טשעפּן אַלץ צו צו מנחה. דער חזן מיט די מתפּללים גייען איבער אין אַ צווייט ווינקל פון גרויסן זאַל ווו אַ עלטערער מיט אַ באָרד בעמט זאָגן שטיקעלעך עברי (כ׳האָב זיך נישט געקענט כאַפּן צי פון דער מגילה אָדער מפטיר). אַלע זינגען מיט, ברומען מיט, אין איטאַליעניש. איך כאַפּ אַ בליק אין סידור, זע איך אַז שטיקלעך סליחות ווערט דאָ געפּראַוועט אין חודש אב. דערנאָך שטעלן זיך פיל אויס נעבן אַ וואַנט, זאָגן קדיש פון פּאַפּירלעך אַרויס און דער חזן פאַרענדיקט מיט אויסרופן נעמען פון געשטאָרבענע...

די פּנימער פון די 70־60 יידן זענען ענליך צו איטאַליענער, אפילו מיט פּאַשיסטישע אָפּצייכנס אין די לאָצן. די מערהייט אָרים אָנגעטאָן, בלויז עטליכע פאַרמעגליכע און אַ פּאָטער מיט צוויי זין אָפיצירן אין מיליטערישע קליידער.

אַזעלכע מאָדנע יידן זענען די איטאַליענישע יידן און דאָך נישט קיין עכטע איטאַליענער...

ביינאַכט איז קיל אין רוים און מ׳ווערט אויסערגעוויינליך אויסגעמאַטערט ווען מ׳אַקערט דורך רוים אין דער לענג און דער ברייט אין אַזאַ היץ. די אַלע חורבות רואינען, די האַלב קיילעכדיקע וואַנט פון אַמאָליקן „קאָלאָסעאום“ און די אָפּיצירלעך קליין געוויקסיקע און גרע־

סערע פון דער היינטיקער מאָדערנער רוימישער אַרמיי מיט שיינע געפּאַסטע מונדירלעך און שטיפע בליקן, רוימערנס מיט אַזוי פיל געשמאַק און חן וועלכע קוקן אַראָפּ ניט צו זינדיקן ביים פאַרטשעפּן זיך מיט מענערישע בליקן אין „הייליקן" רוים, קאַפעען מוזיק ברייט אַרויס צעשפּרייט אויף די טראָטואַרן מיט אויסגעזעצטע זאַטע קליינבירגערליכע מענער און פרויען, און אַרבעטער אָרים אָנגעטאָן, איינגעפאַלענע באַקן, מיט זייערע גאָר יונגע פנימער וועלכע טראָגן קליינע פנימלעך — קינדער אויף די הענט, ווייל זיי קענען זיך ניט ערלויבן אויף קינדער וועגעלעך, דראָזשקאַרזשעס אויסגעזעצט אויף זייערע וועגעלעך געגעצן פויל האַלב שלאָפענדיק, און אָט נעבן וואַקזאַל אַלע זאַלן זען דער „לייב פון יהודא" וועלכן מוסאָליני האָט באַזיגט אין אַביסיניע, און אַזוי פיל קירכעס, געבעט הייזער מיט גלחים און גלחים׳לעך און הויך איבער די קעפּ אַזאַ ריינער בלאָער הימל מיט אַ הייסער ברענענדיקער זון וועלכע קוקט אַרונטער צו די מונדירן, פעטע קליינבירגער און בויגעוודיקע פּאַלמען־בוימער, מאָנומענטן, ריזיקן וואַטיקאַן און מאָגערע פּאַשיסטישע בלעטלעך.

עפּעס אַ מאָדנע קאָמבינאַציע פון אַ שטאָט מיט מענטשן וואָס זאָגט צו צו זיין אינטערעסאַנט אָבער אויך שווערליך...

18 אויגוסט. הייס. כ׳פאַרבאַהאַלט זיך אין אַ גאָרטן צווישן פּאַלמען בוימער און באַטראַכט די קליינע פאָלקס־קינדער וועלכע שפּילן און שטיפן. כ׳באַטראַכט דעם נייעם דור פון רוים.

חנוודיקע מיידעלעך מיט לעבעדיקע גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן זינגען לידלעך מיט אַזוי פיל גראַציע און די יונגלעך שפּילן זיך אין בויען וועגן פון זאַמד. (אפשר לערנט מען זיי אין שולע ווי אַזוי צו קולטיווירן אַביסיניע ?) שפּילעוודיקע שיינע קלוגע פנימלעך מיט אַ פעסטן דראַנג צום לעבן.

לויט די קליידער און באַגלייטערס, שוועסטערס און מוטערס, זעט מען אַז דאָס זענען אַרבעטער־קינדער, קינדער פון פאָלק. זיי זען ניט אויס ערגער ווי אַרבעטער קינדער אין אַנדערע לענדער און זיי ווייסן ניט מער פון פּאַשיזם ווי קינדער אין אַנדערע לענדער. עס וויל זיך אַרומנעמען קושן די קינדער, אַזעלכע אומשולדיקע וועלכע מ׳וועט ערציהען באַפלעקן מיט מערדערישע צילן וואָס מוסאָליני׳ס תורה לערנט אַלס מענטשליכע עטיק...

ווען רוים ווערט מיאוס, שרעקליך מיאוס! . . .

ניט מאָטעאָטי געשיכטע און ניט אַנדערע מערדערייען איבער אַנטי־פּאַשיסטן טוט רוים דערציילן אַ גאַסט אין 1937. וואָס די צייטונגען טוען יאָ שרייען און באַרימען זיך פאַר איטאַליענער איז פון „איטאַליע־

נישע נצחונות אין... שפּאַניע". איז ווי אַזוי קען מען האַסן די שיינע מענטשליכע אויגן אין די גאַסן פון רוים? אָבער זיי לייענען דאָך די צייטונגען, רעדן דאָך צו זיי. דאַרפן די רוימער נצחונות איבער שפּאַנער, האָבן די שפּאַניער עטוואָס צוגענומען ביי די רוימער? נאָך אַזעלכע בלוט און מערדעריי באַרימערייען ווערט רוים מיאוס און דער בעל־הבית ווו כ'שטיי איין, פאַרשטייט ניט מיין אומצופרידנקייט ווען ער שמייכלט צו מיר און האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו עסן „מאַקאַראָני"...

דער אלבאניער

געפילט זיך איינזאַם צוליב נעכטיקע פאַשיסטישע נצחונות אין שפּאַניע, טרעף איך אין מיין „פּענסיאָן" אַ יונגענמאַן פון קליינעם לאַנד וואָס גרענעצט זיך מיט יוגאָסלאַוויע, דאָס איז אַלבאַניע.

ער רעדט ניט שלעכט פראַנצויזיש. צו 27־26 יאָר איז ער שוין אַ דירעקטאָר פון אַ שולע אין דער הויפּט שטאָט פון אַלבאַניע און אויף וואַקאַציע געקומען לערנען עטוואָס פון איטאַליענישער אַלטער קונסט, אָבער קערט זיך אָפּ מיט עקל פון פאַשיסטישן סיסטעם, פאַאולי איז אַ סאָציאַליסט.

מיר שפּאַצירן איבער רוים ווו מיר באַטראַכטן „סיטאַ־אוניווערסיטעטאַ", אַזוי ריזיק און מאָדערן אויסגעבויעט אין אַ זייט פון דער שטאָט רוים, ממש אַ שטאָט מיט אַלע וויסנשאַפטליכע אָפּטיילונגען, פון שטודיום מיט געשמאַק, לופט און זון ניט ווי די אַנדערע מלוכה־געביידעס אין אַלט רוימישן סטיל.

אַ טאָפּלטע פרייד צו רעדן פריי איבער פּאָליטיק אין פאַשיסטישן רוים. ער פּרובירט זינגען פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע לידער ביז ער קומט צום אינטערנאַציאָנאַל.

עפּעס פילן מיר זיך אַזוי היימיש און נאָענט אין פרעמדן רוים ניט בלויז צוליב אונזער געמיינזאַמער יוגנט פאַרבינדונג נאָר וויל מיר פילן זיך אידייאיש נאָענט, אין אַ פיינטליכער שטאָט. מיר האַכט אַז כ'וואָלט אים געקענט פון יאָרן, פון מיין שטעטל און כ'האָב אים ערשט היינט פרי באַקאָנט...

אַרום 10 אָוונט ווען רוים איז אין דער צייט איינגעשטילט, הערט מען אַ טומל, אַ לאַכן, מיר קומען צו נענטער, דאָס זענען פראַנצויזן, אַ גרופּע פון לוסטיקע יונגען און מ יידן, טוריסטן פון פראַנקרייך.

איך נעם אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אַ שטיקל שמייכל, און באַלד געפינען מיר זיך ביידע אַרומגערינגלט און אַריינגענומען געאָרעמט צווישן די פראַנצויזישע פרויען העלטעד, צוגלייך מיט די פראַנצויזן.

ביז 1.30 פרי אין „לאָנאַ פּאַרק" ווו די פראַנצויזישע קליינבירגער זענען אונז מכבד מיט וויין און קאַלטע געטראַנקען און מיר דיסקוטירן

הויך, פריי, אומגעשטערט, וועגן פראַנצויזישן „פראָנט־פּאָפּולער", ווי עטליכע פרויען פון פראַנצויזישע פּראָווינצן (קאַטוילישע) האָבן מורא פאַר בלומס רעגירונג, דאָס קען חלילה פירן צום באָלשעוויזם... די איטאַליענישע קעלנערס קוקן אונז אָן.. זיי כאַפּן אויף ברעקלעך פון אונזער היציקער דיסקוסיע, און זיי זענען אונז מקנא: אַזוי פריי צו רעדן וועגן פּאָליטיק, וועגן סאָציאַליזם...

19 אויגוסט. ווידער אַ ברענענדיקער פרימאָרגן. מיר פאָרן צו צום זאָלאָגישן גאָרטן און באַטראַכטענדיק די שטייגן מיט פאַרשידענע חיות באַמערקט פּאַאולי ווען ער זעט אַ ליידיקע שטייג: זע נאָר אַ ליידיק פלאַץ פאַר מוסאָ...

ער פאָרט קיין נעאַפּל און איך קיין וועניס.

כיטרעקייט ביי די איטאַליענישע הענדלער און פּארמיטלער

די זעלבע שווינדלערישע שטיק ביי די קליינע האַנדלס־מענטשער אין איטאַליע, ווי אין אַנדערע לענדער. אין מילאַן האָט מיר דער האָטעל־אייגענטימער איבערגעביטן מיין גרויס צימער אויף אַ קלענערס און מיר געלאָזט קומען שלאָפן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ער האָט געקראָגן אַ פּאָרל און מיין צימער איז פּונקט געווען פּאַסיק... דאָ אין רוים רעכנט מיר מיין פּענסיאָנאַט אייגענטימער נאָך 9 ליר. פאַרוואָס? גיי רעד צו אים אין יידיש...

דער וועג פון רוים ביז וועניס

אַרום 7 אָוונט פאַרלאָז איך רוים און אָפּפאָרנדיק אַ 60־70 קילאָמעטער קאָנטראָלירט מען די בילעטן און דער קאָנדוקטאָר גלאָצט אויף מיין בילעט וועלכער איז פון מילאַן קיין רוים, שוין אָפּגעפאָרן, און איך וויל פאָרן אויף דעם קיין וועניס... ער טומלט, שרייט אויף איטאַליעניש, און איך פּרוביר אים ערקלערן אויף פראַנצויזיש, דאָס קויפנדיק דעם בילעט האָב איך געפרעגט ביז וועניס, און ווייזט אויס אַז דער בילעטן־פאַרקויפער האָט ניט פאַרשטאַנען מיין איטאַליעניש און אַזוי אַרום הייסט עס פאָר איך אויף דעם אָפּגעפאָרענעם בילעט.

עס קומען אָן שוואַרץ־געקליידעטע פּאָליציי־לייט, און זעלנער. אַלע באַטראַכטן דעם אויסלענדישן טוריסט „אָן אַ בילעט". זיי טומלען, מאַכן מיט די הענט, רעדן אויף שנעל, און מ׳פירט מיר צו אַ העכערן אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, ווו מ׳הייסט מיר צאָלן דאָפּלט, ווייל דאָס איז אַ טייערער צוג. און ווען איך עקשן זיך און איין אַז אַלס טוריסט צאָל איך ניט מער ווי 50 פּראָצענט איבער גאַנץ איטאַליע, סטראַשעט מיר דער קאָנדוקטאָר, ער וועט מיר אַראָפּנעמען ביי אַ סטאַציע. זיצן צוויי יונגע פאַרפּוצטע יונגעלייט אין מיין וואַגאָן, זיי פּרובירן מיר אַרויסהעלפן,

רעדן, בעטן דעם קאָנדוקטאָר, אָבער עס העלפֿט ניט. אין עטליכע צעבראָכענע פֿראַנצויזישע ווערטער נעמען זיי אויספֿרעגן פֿונוואַנען איך בין, און ווי אַזוי דענקט מען אין לאָנדאָן און פּאַריז וועגן מוסאָליני'ס פֿאַשיזם. זיי באַווייזן זיך מיט זייערע פֿאַשיסטישע פּאַרטיי ביכלעך און דערציילן אַז זייערע עלטערן זענען פֿאַרמעגליכע מענטשן אין טריעסט.

זיי זענען גרייט צו בויען אַ גרויסע איטאַליענישע אימפּעריע, גרעסער פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, און אַלס צייכן פֿון פֿאַשיסטישער פֿריינדליכקייט טיילן זיי מיר זעמל מיט פֿלייש און פּרוכטן.

מיר צורעדן זיך וועגן שפּאַניע. איך זאָג זיי אַז דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק איז גרייט צו פֿירן מלחמה און פֿאַרטיידיקן די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער. געפֿעלט עס זיי ניט, זיי פֿאַרשטייען ניט פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל אַנטי־פֿאַשיסטן זאָלן זיך געפֿינען אין פֿראַנקרייך און אין ענגלאַנד.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ. איך ווער אַראָפּגענומען און נאָך לאַנגע דינגענישן מיט אַ שעף פֿון דער סטאַציע גייט ער זוכן פֿאַר מיר אַ בילעט. און כ'וואַרט ביז 2.20 פֿרימאָרגן אויף אַ צוג.

ווענעציע

20 אויגוסט. אַ בלאָער הימל פֿאַריאָגט די נאַכט פֿינסטערניש, מיינע שכנים אין וואַגאָן, די איטאַליענער און סיציליער, זענען שוין וואַך. מיר אַלע באַטראַכטן דעם אַריינפֿאָר קיין ווענעציע עפּעס ווי דער צוג וואָלט זיך אַריינגעגליטשט אויף צוויי לאַנגע גליטשערס, ווייל צווישן ביידע זייטן לויפֿט נאָך אַ וואַסערדיקער שאָסיי, וועלכער פֿירט צו צו אַ קליין וואָקזאַלכל.

עס קומען ניט צו קיין טאַקסיס אָדער דראָזשקעס. ווי מ'שטעלט זיך אַרויס אַ פֿוס קומען צולויפֿן קאַנאַלן, בריקן און דינע שמאָלינקע לאָדקעס, אַזעלכע שיין פֿאַרשניטענע שיפֿלעך, מיט אַ שיין קלינגענדיקן נאָמען, גאָנדאָלאַ וואָרטן, און שפּאַצירן אַרום, פּלאָנטערן זיך, צווישן די קאַנאַלן און בריקן.

מ'וואָרט אַביסל ענטוישט וועגן מ'פֿאַרקערעוועט זיך אויף לינקס, און מ'טרעפֿט אַן אַ פּלאָנטער פֿון אַלטע הייזער, קליינע שמוציקע געסלעך, קאַפּעען, אַלץ מיט אָרימקייט, אַלטקייט, און גראָען אויסזען. איז דאָס ווענעציע?

אַ צימער איז ניט לייכט צו פּאַקן אין די אַרבעטס געסלעך, אָבער

צוויי אָפּגעריסענע לאַפּיטוטן העלפן מיר אַרויס פון פאַרלעגנהייט, זיי פירן מיר צו אַן אַרבעטער פאַמיליע, וווּ כ׳פאַרדינג מיר פאַר 20 ליר אַ צימער מיט עסן. הויבט זיך אָן אַ קריכעניש איבער שמאָלינקע פּאַסאַזש־געסלעך, וווּ איין מענטש קען קוים זיך דורכשטופּן, און איבער בריקן און קלענערע בריקן, ביז וואַנעט מ׳קומט צו ברייטערע גאַסן, וועלכע טונקען די פּליִיצעס אין וואַסער, און פּראָנטאָווע, פאַרקויפן זיי קרעלן, שניצערייען און בילדער, פרוכטן און קאַפּע.

פלאָנטערן זיך אַזעלכע שיינע איטאַליענישע פּרויען, און אויסלענדערנס, צווישן די שמאָלע געסלעך און בריקן. זיי וואַקסן אויס ווי פון וואַסער אַרויס, ווי געפונענע פון די שיפער, גאָנדאָלע־רודערער, וועלכע פאַרמאָגן אַזעלכע אויסגעאַרבעטע פאַרהאַרטעוועטע הענט, און לעגגליך אויסגעדאַרטע פּנימער, מיט האַלב טונקעלע כמעט בייזע בליקן, ווי אין קאָנטראַסט צום בלאָען מילדן הימל, און שטיל קרישטאָלענעם וואַסער.

פיל גרעסערע גאָנדאָלעס און סתם שיפלעך צעטראָגן סחורות איבער אַלע עקן פון וואַסערדיקן ווענעציע. און גאָר באַפּוצטע גאָנדאָלעס איבערגעדעקטע פירן פאַרשידענע רייכע מענטשן צו האָטעלן און באַרימטע קאַפּעען. זיי זיצן אַזוי מיד, מיט קנייטשן פון אומצופרידענעם איבערגעגעסענעם לעבן, זיי די דאַמען און הערן מיט אַזעלכע פאַרקלעפטע וואַליזעס מיט קלינגענדיקע וועלט שטעט, און פלעצער, באַטראַכטן די גאָנדאָלע־פירער, וועלכע אַרבעטן איבערן שטילן וואַסער פאַר אַ לעבן, צו שפּייזן ווייב און קינד, און פיל טראַכטן: אַך, ווי גוט צו לעבן אַזוי פּשוט, ווי אָט דער בויגעוודיקער רודערער, אָבער ער איז געבוירן דערצו; מיר מאַטערן זיך נעביך, דאָס געלט צו פאַרשווענדן...

21 אויגוסט. מער און מער מ׳באַקענט זיך מיט די קרומע זיגזאַגן געסלעך, און שמאָלע דורכגענג, מיט די וואַסער־טראַמוואַיען און גאָנדאָלעס, באַוווּנדערט מען די שטאָט אָן רעדער. עפּעס אַזוי וווּנדערליך צענויפגעשמאָלצן מענטש, נאַטור און קולטור. עס דאַכט זיך ווי עמעצער האָט גענומען אַ שטיק ערד, אַריינגעשטעלט אינמיטן וואַסער, אויסגעשניטן שמאָלע און ברייטערע פּאַסן, קרומע, גלייכע און רונדיקע וועגן, און אָנגעגאָסן מיט דעם זעלבן וואַסערדיקן „באָדן״, אַריינגעשטעלט הייזער, פּאַלאַצן און אָרימע שטיבעלעך מיט אַרויסהענגענדיקע אונטער־וועש, דורכגעוואָרפן שמאָלע פּאַסאַזשן־דורכגענג, און אויפגעשטעלט געטרעפּעלטע בריקן, און אַריינגעוואָרפן מענטשן, זאָלן דאָרט לעבן. און די מענטשן קריכן מיט די פיס, שאַרן זיך צווישן ווענט, און שווימען דורך אויף האַלב רונדיקע ברעטער. זיי טרייבן דאָס וואָס מ׳רופט לעבן אין דעם ווענעציע...

פּלאַץ „סאַן־מאַרקאָ״ איז רייך אויסגעשטאַט מיט רייכע געשעפטן, קאַפּעען, האָטעלן און מענטשן־מאַטעריאַל. אַלץ איז דאָ מיט פאַרנעם.

דאָ טומלט און רוישט, טויזנטער סוחרים, טוריסטן און שפּעקולאַנטן צווישן וואַסער פּאַלאַצן, בריקן, קירכן און אַרבעטער הייזקעס.

די רייכע אַנטיק און צירונג געשעפטן ברייִנגען אויפן געדאַנק „שיילאָק, דער סוחר פון ווענעדיק". דאָ האָט דער געניאַלער שעקספּיר געשעפּט אינספּיראַציע פאַר זיין דראַמע ייד־פּראָצענטניק, און שטאָלצער קריסט, הערשער, און אָפּשפּאַטער. היינט זעט מען ניט קיין שיילאָקס מיט לאַנגע בערד, און שיינע יידישע טעכטער, סיידן מ'זאָל אָננעמען די אַלע איטאַליענישע סוחרים מיט בערדלעך, און די חנ'ודיקע איטאַליע־נערנס, פאַר יידן, אָבער זיי פאַרמאָגן גלייכע שטאָלצע רוקנס, ווי דער אַנטאָניאָ. זענען שיילאָק און אַנטאָניאָ צוזאַמענגעוואַקסן, און אַסימילירט ?

יעדער וויל שפּייזן די טויבן אויף פּלאַץ „סאַן־מאַרקאָ". און דאָס פרויען פאָלק מאַרשירנדיק פון איין רייך געשעפט צו אַ צווייטס, כאַפּט זיך אַריין אין דער גרויסער קירכע, ווו ס'ווערט אָפּגעריכט אַ פרי־מאָרגן־תפילה און דער גלח פאַבריצירט זשעסטן, און מינעס, מיט דער פלייצע צום עולם.

די ווייבער און יונגע מיידלעך פאָלגן נאָך דעם גלח'ס באַוועגונגען, מיט פאַרכאַפּטע בליקן. שרעק און אַבערגלויבן אין זייערע מוחות, כאָטש זיי קומען פון אַלע עקן וועלט, ווו שיפן, אַעראָפּלאַנען, ראַדיאָ, און אַלערליי באַקוועמליכקייטן פון טעכניק און וויסנשאַפט, איז צו זייער דיספּאָזיציע, און זיי געפינען זיך איצט אין אַ שטאָט פון פּאָעזיע, ניט פאַרשמאָלצן פון אויטאָמאָבילן־רויך און פערדישע מיסט.

אָבער גיי ווייס וויפל זינד די אַלע מיטל־קלאַס מענטשן, און רייך־קלאַסיקע לייט, האָבן מיטגעברייִנגט מיט זיך, אַריינצוואַרפן אין שטילן וואַסערדיקן ווענים...

22 אויגוסט. זונטיק איז ווענים רוישיקער און טומלדיקער ווי אין וואָכן־טעג. טויזנטער געסט פון אַרומיקע שטעטלעך פילן אָן די וואַ־סער־טראַמוואַיען, און וואַסער־אויטאָבוסן.

פיל לאָזן זיך מיט דאַמפּערס קיין „לידאָ", עטליכע קילאָמעטער וואַ־סער־וועג פון ווענים, ווו אַ שטיקל ערד מיט האָטעלן, בוימער, טראַמ־וואַיען און אויטאָמאָבילן, איז אַ נעסט פאַר פאַרגעניגן זוכער, און פּליאַזשע שווימער. זונטיק איז פריילעך אין ווענים, די קליינע אַרבעטער־קאָפּעען לאָזן זיך הערן, זאַרגלאָז געזונגען און געלאַכט. דאָס פאָלק טרינקט וויין און ביר, שפּילט אין קאָרטן. די אַרבעטס־מענטשן פילן זיך דאָ פיל פרייער ווי אין מילאַן אָדער רוים.

טרעפט זיך אַז מ'ווערט פאַרבלאָנדזשעט...

כ'זע פונדערווייטנס, כ'דערקען דאָס הויז ווו איך וווין, אָבער כ'קען מיר ניט אַרויספּלאָנטערן פון די בריקן, כ'ווייס ניט ווי אַזוי מ'קומט צו, אָט צו מיין הויז. ווי איך ריר זיך, פּאַק אַ דורכגאַנגס־געסל, און מיר

דאַכט אַז אַט בין איך נעבן מיין ווינונג, קומט אונטער אַ פּאַס וואַסער, און שטעקט מיר אַרויס אַ צונג.

אַ איטאַליענער ערקלערט ווי אַזוי צו גיין: „ערשטע בריק לינקס, צווייטע רעכט, דריטע לינקס, און פירטע רעכט, ווידער לינקס, און רעכט, ביז דו קומסט צו אַ בריק, דיקן גאַס, דיין הויז"...

הערט זיך אַזוי צו אַ שטיל־שוויגענדער איטאַליענער און הויבט אָן, ווען דער ערשטער האָט געענדיקט: „דו הער זיך ניט איין, דו בעם די ערשטע בריק רעכט, דערנאָך לינקס, אַזוי אַלץ פאַרקערט, ביז וואַנעט דו קומסט צו דיין גאַס"... זיי נעמען זיך שפּאַרן, אַמפּערן, דער פון אונטן שרייט אַרויף, דער פון ערשטן שטאָק שרייט אַראָפּ, ס'גייט אַלץ אויף אַ העכערער אָקטאַווע, מיר דאַכט אַז דער פון ערשטן שטאָק וועט באַלד אַראָפּקומען זיך שלאָגן. כ'זע אַז כ'וועל ניט אַזוי שנעל פּטור ווערן, כאַפּ איך די ערשטע בריק, ניט רעכטס, און ניט לינקס, און צי אָפּ. פונדער־ווייטנס הער איך ווי זיי רעדן געמיטליכער, „ערשטע רעכטס, לינקס, א.אַ.וו...

די פאַמיליע וווּ איך וווין, אַלע רעדן צו מיר מיט די הענט, ווי צו אַ שטומען. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן דער בעל־הבית מיט אַ פאַשיס־טישע האַנט־באַגריסונג, ווען ער קומט פון זיין באַן אַרבעט, און די אײ־בעריקע רעדן מיט די פינגער, און פון אברהם האָבן זיי געמאַכט אַל־בערטאָ. ענטפערן אויף די הענט איז מיר שווער, איך בין קיינמאָל אין קיין פאַשיסטישער שולע, און ניט אין קיין שטומער שולע געגאַנגען. ווייז איך אָן אין איטאַליעניש־פראַנצויזיש ביכל, אָבער די צוויי יונגע יאַטן און דאָס מיידעלע באַטראַכטן מיר מיט וווּנדער און רחמנות: אַ מענטש אַזאַ גרויסער, און קען ניט רעדן. דאָס מיידעלע פרעגט דער מאַמען צי זי מעג לאַכן ווען איך צעברעך איר איטאַליעניש, לויט'ן ביכל... זיי פאַרהאַלטן זיך זייער פריינדליך, אָבער מיידן אויס צו ענט־פערן, אָדער רעדן פּאָליטיק. עס זעט אויס אַז זיי אַליין זענען אויך שטום אין מוסאָליני'ס איטאַליע. און כדי אויסצוקומען מיט דירה־געלט, און קינדער־ערציהונג, מוז דער באַן־אַרבעטער זוכן „שטומע" געסט, און כדי ניט צו ערוועקן קיין פאַרדאַכט צוליב פּאָליטישער און אַדמיניסטראַ־טיווער וואַכזאַמקייט, פון ניט איינמעלדן אַ אויסלענדער, פּרובירט ער אויסשטרעקן אַ האַנט ביים אַוועקגיין און קומען פון דער אַרבעט, מיט אַ פאַשיסטישן סאַלוט...

זונטיק ביינאַכט, ווענים זעט אויס יום־טוב'דיק, און פייערלעך גע־שטימט. דאָס וואַסער איז באַשפּריצט מיט רירעוודיקע פינקעלדיקע פייערלעך, קאָלירטע גאָנדאָליעס שלייכן זיך סודות'דיק נעבן ווענט און בריקן סילועטן. אַ פליסטערן אונטער בריקן ווערט איינגעשלונגען,

פאַרשלונגען פון דורכלויפענדע דאַמפערס, אָנגעפילט מיט הנאה־פנימער און געלעכטער.

די קאַפעען און האָטעלן אַרום שיקן פאַנאַנדער קאָלירטע ליכטער וועלכע טונקען זיך און ווילן ניט אַרויס פון וואַסער. מוזיק קלאַפט, גלעזער קלינגען און שטילערהייט ווי אויף די שפּיצן פיס טראָגן קעלנער און באַדינער פעק און וואַליזעס דורך אונטער־טירן. פעק ווערן ווי טויטע אָפּגעלייגט אין שאָטנדיקע פלעצער, און נעבן די וואַליזעס, אַזעלכע נערוועז אויסזעענדיקע כמעט איינזאַמע דאַמען און הערן אויף וועלכע קיינער קוקט זיך ניט מער אום, קיינער פאָלגט ניט מער זייערע באַפעלן, קיינער שמייכלט ניט מער צו זיי. בויגעוודיק, אויסער די פעק־טרעגער, וועלכע וואַרטן אויף טרינק־געלט.

די מוזיק קלאַפּט הויך ווי צו פאַרטויבן, פאַרשרייען דאָס געוויין פון וויינענדיקע וואַליזעס, וועלכע פאַרמאָגן אָפּגעריבענע זייטן און פּלייצעס, מוזן נעבעך מיטשלעפן זיך ווו די וועלט האָט נאָר אַ האָטעל און אַ פאַרוויילונגס ווינקל, טראָגנדיק די אַלערליי קליידער און וועש פון זייערע בעלי־הבתים. און ווער ווייס וויפל ענטוישונגען, און ניט געפונענע פריידן, די פעק, וואַליזעס און קליידער, האָבן צו דערציילן איידער מ'וואַרפט זיי אַריין אין וואַגאָנען. אָבער איצט איז ניט די צייט צו רעדן, די מוזיק שפּילט, שלעפּט אַריין אין געווירבל פון טענער. נייע געסט, נייע פרייד־זוכענישן, נייע פאַנטאַזיעס און נייע וואַליזעס, די שפּיל גייט אָן...

23 אויגוסט. פאַר מיין אָפּפאָרן פון וועניס זע איך ווי אַ ענגלענדער אָדער אַ סקאָטשמאַן (לויט זיין געזיכט און וווקס) וויל אָפּנאַרן אַ איטאַליענישן קעלנער, אָבער . . .

אין אַ קליינעם האַלב טונקעלן רעסטאָראַן, ווו דער פרייז אין פענסטער שרייט אַראָפּ 5 ליר אַ מיטאָק, זעצט זיך ניט ווייט פון מיין טישל אַ פעסט געבויעטער יונג מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און אַ מאַפּע און פּרובירט זיך אויספרעגן אין ענגליש וועגן מיטאָק פיקסירט 5 ליר. ער עסט שנעל מיט אַפּעטיט, די געפלאָכטענע זעמל שמעקן אים, די פּרוכטן געפעלן אים, ער הויבט אָן פאַרשידענע בינטלעך וויינטרויבן פון די קוישלעך און שאַרט אַוועק, מ'זאָל ניט דערקענען. צום סוף ברעכט ער איבער אַ גרויס געפלאָכטענע חלה און רוקט אַריין אין די טאַשן, און רופט צו דעם קעלנער פאַר דעם 5 ליריקן רעכנונג. דער קעלנער יאָגט זיך ניט, ציילט איבער וויפל זעמל און חלות עס פעלן, וויפל פּרוכטן און בינטלעך וויינטרויבן זענען „אָנגערירט" און הייסט דעם דזשענטעלמאַן באַצאָלן ביז 15 ליר... דער סקאָטשמאַן ווערט רויט און טויט און צאָלט נעביך.

כ'האָב אים נאָכגעפאָלגט, געוואָלט זען צי ער באַגייט זעלבסטמאָרד,

אָבער ער האָט אויסגעלאָזט דעם כעס צו דער געפּלאָכטענער חלה און ווען ער גיט מיר זיין אַפּאַראַט וואָלט איך אים געזען...

ווייסט איר ווי אַזוי אַ מענטש געזעגנט זיך מיט וועניס?

אַ גרעסערע גאָנדאָלע פאַרפּוצט שוואַרץ־ווייס און אַ צווייטע מיט באַפּוצטע שוואַרץ־ווייסע דינער, עטליכע גאָנדאָליעס מיט מענטשן און בלומען, זיי קוקן זיך אַרום, פון אַלע זייטן גייט אָן אַ וואַסערדיק און לע־בעדיק וועניס, און אָט אויף דער ערשטער גאָנדאָליע ליגט אַ אומבאַ־וועגליכער מענטש אין אַ טרומנע און ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט אַ גאַנץ לעבן געהאַט צו טון מיט מער וואַסער ווי מיט ערד, מוז ער פאָרט צוריקגיין פונוואַנען ער איז געקומען... אַזאַ מין לויה ווירקט אַביסל טרויעריק אפשר ווייל מען ריכט זיך ניט צו טרעפן מענטשן שטאַרבן אין אַזאַ אָרט ווי וועניס...

אַוועקפאָרן פון איטאַליע פאָרט זיך ניט לייכט. מ׳קריגט ליב די איטאַליענער מיט זייערע פרייע נאַטורן, לעבעדיקע אויגן און קלוגע אויסדרוקן. אָבער כמעט ניט צו פאַרשטיין, אַזאַ פאָלק זאָל זיך לאָזן איינרעדן, גלויבן אין פאַריסענע לאָזונגען פון מאַכט און אימפּעריע, ווו דער כיטרער בעסטיאַלער מוסאָליני לאָזט זיין קאָפּ צעשמירן איבער אַלע ווענט און צימערן און פאַרהענגט די לאָצן מיט פאַשיסטישע אָפּ־צייכנס, פון אָרים און רייך.

זאָל אַזאַ באַוועגליך פריי אומדיסציפּלינירט פאָלק גלויבן אין אַ „פילאָזאָפיע" פון פאָלג און באַהערש?

אָבער 15 יאָר צוואַנג און באַמבאַסטישע פאַרעדעוישן האָבן באַוויזן איינצושטילן הונגעריקע פּנימער פון טעמפּעראַמענטפולן איטאַליענישן פאָלק און עס גלויבט זיך קוים דאָס זיי זאָלן אַזוי שנעל רעוואָלטירן...

קיין ווין.

אַרום 6.30 נ. מ. פאַרלאָז איך וועניס. די זון פאַרגייט אַ פלאַמענדי־קע ווי עמיצער וואָלט זי אַ ברענענדיקע אַריינגעשליידערט אין בלאָען וואַסער. פעלדער, בערגער, דער וועג ביז טאַרוויזיאָ איז קאַליפּול. אי־טאַליענישע סאָלדאַטן און פאָליציי־לייט שמעקן אין די וואַגאָנען, קוקן אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסלייענען וואָס איינער טראָגט מיט די אויגן אַרויס פון שיק און פּאָליטיש עקאָנאָמיש פאַר־שקלאָפטן איטאַליע. די עסטרייכישע גרענעץ איז אָן צערעמאָניעס, מ׳קוקט אפילו ניט אין די וואַליזעס. (אפשר טאַקע אָרט ניט שושניק׳ן צו מ׳וועט אַריינברענגען פאַשיסטישע ליטעראַטור פון איטאַליע?) אַרום 3 פאַרטאָג, מענטשן זענען מיד, פאַלן צו צו די בענק. אַ עלטערער עסט־רייכער בורטשעט, פאַרזען זיין סטאַציע ווי איבערצוזיצן, ער וועט מוזן פאָרן אַרום און אַרום דורך ווין קיין זאַלצבורג. ווען ער ווערט מיד פון

בורטשען און בייזערן זיך אויפ׳ן קאָנדוקטאָר, רוקט ער אַראָפּ די היטל איבער די אויגן און דרימלט איין.

אַ טשעך מיט אַ ברייט קנאָכיק פּנים באַלעקט זיך מיט ברויט און סאַרדין, ציט אויס אַ פּאָר לאַנגע פיס איבער „פּרעמדע טעריטאָריע" און שלאָפט איין.

און דער יידישער יאָט וואָס פּאָרט קיין פּוילן מיט דער מאַמען און שוועסטער רעדט אַ יידישן „דאַטש". ער לייגט זיך שלאָפן ווי אַ גראַף, אונטערגעלייגט און צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל. אַלע דרימלען און שלאָפן, אַ שטילקייט אין די וואַגאָנען, מענטש און מאַשין איז מיד, די רעדער מאָלן, זשומען, בלייבן אַ ווײַלע שטיין, כאַפּן אַ דרימל, איבערגעדעקט מיט די הילצערנע וואַגאָן־מאַנטלען, נאָר דער מאַשין־פירער, דער „גזלן", ער וויל ניט דרימלען, ער וויל דווקא צופירן די דרימלענדיקע מאַסע צו אַ הויז מיט טירן, צו אַ שטאָט, און דער קאָנדוקטאָר קריכט דורך, שלייכט זיך ווי אַ גנב פון וואַגאָן צו וואַגאָן, אַ מין אויטאָמאַט וואָס קען ניט רוען אין אַ שלאָפנדען צוג אָדער אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכער אויפזעער, ער מוז צושטעלן מענטש צום פּלאַץ.

ווין

24 אויגוסט. 8 פרי. אַ רעגענדיקער דרויסן, די באַן בלייבט שטיין פאַר אַ גרויסן וואָקזאַל און אַ גראָער פרימאָרגן פירט ביי דער האַנט די שטאָט ווין, אַנטקעגן.

זוך איך אַן אַדרעס פון אַ ווינער ייד און פרעג איינעם ווי צו פאָרן. ברומט ער אַריין אין זיינע וואָנסעס, און איך ווייס אַלץ ניט ווי מ׳רירט זיך. קומט אונטער אַ יונגער סימפּאַטישער יאָט, און פרעגט מיר גאָר ווי מ׳פאָרט ערגעץ צו אַ געווויסער גאַס, און הערענדיק אַז כ׳בין אַ גרינער, איצט געקומען פון אויסלאַנד, וווּנדערט ער זיך, און זינגט צו: „פונוואַנען שפּרעכן זי זאָ פיינעם דויטש?" „איך שפּרעך יידיש, איך בין איין יודע". אָבער ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין וואָס יידיש איז, און ווי אַזוי איך בין דווקא אַ ייד...

אַ גאַסן־קערער וויזט מיר דעם נומער טראַמוואַי, און כ׳פאָר דורך ווינער גאַסן וווּ די פנימער ווייזן אומצופרידנקייט און נויט. דער קאָנדוקטאָר ענטפערט מיר אויך אומצופרידן. כ׳ווייס ניט וואָס איך האָב אַלע געטאָן.

שטיל און רואיק, ניטאַ דער פולס פון אויפגעכאַפּטן אויפשטייענ־דיקן פרימאָרגן ווי אין יעדער גרויסער האַנדלס און אַרבעט שטאָט. גע־מיטליך שפּאַצירן דורך ווינער איינוווינער, געמיטליך קוקט אָן אייבער דעם צווייטן און געמיטליך רעדט מען אין טראַמוואַי און גאַס. און כ׳הער מיר צו. וואָס קומט דאַ פאָר, אַלע רעדן „יידיש״? אמת, מיט אַ „גוי־אישן״ אַקצענט, אָבער אַזוי פיל מענטשן וועלכע רעדן מאַמע־לשון? עטליכע ווערטער פאַרשטיי איך ניט, קיינמאָל ניט געהערט פון מיין מאַמען, אָבער דאָס גאַנצע רעדן איז אַזוי ווי מיין יידיש, עפּעס גאָר גרינג, אַ מחיה.

אַ נידעריקער יאָט פון אַ יאָר 27־28 איז דער ייד. וויזש פאַרמאָגט אַ הויכן שטערן מיט גרויסע אורואיקע אויגן. זיינע עלטערן שטאַמען פון אונגאַרן. ער און זיין שוועסטער אַ נייטאָרן געבוירן אין ווין. ער נעמט מיר ווייזן ווין, אָבער דער אַריינפיר איז מיט זיין לעבנס־געשיכ־טע, געהערט צום „שוץ־בונד״, פאַרזוכט טורמע אונטער שושניק׳ס הערשאַפט, ער גלויבט ניט מער אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליניע אַלס וועג צום סאָציאַליזם. ער רעדט מיט ברען וועגן דער אונטערערדי־שער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי „וועלכע וואַקסט פון טאָג צו טאָג״...

ער רעדט איבער עסטרייך, פראַנקרייך, און שפּאַניע, און איך באַ־טראַכט די גאַסן, געשעפטן, פּאַלאַצן, מאָנומענטן ביז וואַנעט מיר קומען צו אַ מאָנומענט פון געטע וועלכער זיצט אַזוי ברייט ווי ביי זיך אין הערהיים.

עלעגאַנץ און געשמאַק אין די גאַסן, אין די פּאַרקן. אַלץ איז לופטיק און באַקוועם. פונדערווייטנס קוקן אַריין בערג שפּיצן און דער גראָער דונײַ צעשניידט ווין אין פאַרשידענע שיינע טיילן פון רייך, מיטל־קלאַס און אַרבעטער פאָלק. דערביי ניט פאַרגעסן אַוועקצושטעלן אַ זייט מיט בענק כדי אַרבעטסלאָזע מיט אינטעליגענטע פּנימער זאָלן קאָנען שפּילן שאַך.

אַ ריזיקער פאַרנעם פון שפּיטאָלן און שפּיטאָל־גאָרטנס, ס׳דאַ צו שפּאַצירן און שפּאַצירן, אַלץ איז ברייט, באַקוועם, פּאַנאַנדערגערוקט, און עס הויבט אָן צו געפעלן.

דער שוצבונדלער זעט ווי כ׳דריק אויס צופרידנקייט, ווערט ער גאָר באַגייסטערט און פרעגט אָן אויפהער: „דאָס איז שיין, אַה? זע נאָר דאָרט, און די לופט, און די וואַסער, די בעסטע וואַסער האָבן מיר דאַ, די בעסטע לופט האָבן מיר דאַ״, און ער שלעפּט מיר טרינקען וואַסער... זיינע אויגן גליען, ער רעדט מיט ליבע, האָט ליב ווין ווי אַ מאַמע אַ איינאייניציק קינד, אַט דער יידישער בחור פון ווין.

ער לאָזט ניט אָפּ, דערציילט פון פאַרטיי אַרבעט אין די פאַבריקן,

אומלעגאַלע פּאַריינען און זאָגט אַלע פּאָר מינוט: „קורץ און גוט" און די געשיכטעס וואַקסן מיט, ווי מיר שפּרייזן אַזוי איבער ווין.

„ענגעלס פּלאַץ" הייסט היינט פּאָטער „אַבעלס־פּלאַץ", דאָס איז ווינער 20־טער באַצירק, דאָ זעט מען הייזער געבויעט מיט געשמאַק פון סאָציאַליסטישן מאַגיסטראַט אין 6־1925, פּיל פּאַבריק־קוימענס אַרום אָן רויך, און אָט נעבן ווינערסקי הויף איז ניטאָ מער דער דענקמאָל פון סאָציאַליסטישן דענקער לאַסאַל.

דער 19־טער באַצירק מיט „קאַרל מאַרקס האָף" געבויעט 30־1927, שיינע געביידעס מיט לופטיקער אַרכיטעקטור איבער אַ קילאָמעטער די לענג, מיט ריזיקע הויפן פון בוימער און גרינס, דאָס אַלץ רופט זיך היינט „הייליקער שטעטער האָף".

אינדרויסן און אין די הויפן זען זיך אָן פּיל צייכנס, לעכער און אָפּגעריבענע שטיקער ווענט. אָט די צעריסענע און פּאַרקלעפּטע שטיקער דערציילן ווי בלוטיקע וונדן אויף אַ געזונטן קערפּער, די קעגנאיבערדיקע באַן־שינעס האָבן געבריינגט פּאַנצער צוגן און האַרמאַטן צו שיסן אויף די ליכטיק־באַוווינטע אַרבעטער הייזער פון „קאַרל מאַרקס האָף".

26 אויגוסט. ריזיקע קאַפּעען אין האַנדלס צענטער, געשעפטן מיט גרויסע ליכטיקע שילדן, שיין אויסגעפּוצטע שוי־פענסטער, קלענערע קאַפּעען און רעסטאָראַנען, אַלץ אַזוי געשמאַק און אָנציהענד, אָבער אַלץ אַזוי טייער.

ציי‏טונגס־קיאָסקן מיט רעגירונגס־בלעטלעך און אויך אויסלענדישע קאָנסערוואַטיווע ציי‏טונגען און צווישן זיי דער „דיילי העראָלד", און פּיל יידישע ציי‏טונגען פון פּוילן און אַמעריקע.

אומעטום דאָלפוס־בילדער און אומעטום גרופּעס יונגען ביי די ראָגעס, אַ געזונטע יוגנט אָן אַרבעט, אָן אַ צוקונפט. די רעגירונג אין ווין פּרעדיקט קאַטויליציזם און אַ מין איטאַליעניש־פאַשיזם, זען אָבער ביידע אויס פּרעמד צום קולטורעלן ווינער סיידן אַנטיסעמיטיזם און נאַציזם זאָל געווינען די מערהייט.

עס מאַכט וואונדערן ווי אַזאַ לאַנד פון 6 מיליאָן איינוווינער האָט אַזאַ הויפּט שטאָט פון 2 מיליאָן. ווי אַזוי קען אַזאַ קליינער אַגריקולטור קערפּער פון 4 מיליאָן קליין שטאָט און דאָרף אויסהאַלטן אַזאַ אינדוסטריעלן קאָפּ פון 2 מיליאָן ווי ווין. דאָ און דאָרט זעט מען אין 19־טן און אין 20־טן באַצירק קליינע „פּויערים" וועלכע קולטיווירן ערד אין שטאָט, אַ מין צוזאַמענוווקס פון דאָרף און שטאָט.

די אַרבעטער זען אויס ריין אָנגעטאָן און אָפּטמאָל דאַכט זיך אַז ווין איז נאָך אַ פרייע שטאָט. אָבער פאַרדעכטיקע אויגן קוקן נאָך פאַרבייגייער, און פּאָליציי פילט זיך אומזיכער, ווייל דאָס פאָלק איז אומצו־

פרידן. די מלוכה האָט ניט קיין שטיצע צווישן פאָלק.

די פרויען אין ווין זענען מיט אַ געוויסער געשמאַקער האַלטונג, כמעט ווי נאַטירליך, אָן צופיל פאַרב אָדער שמינקע. און פרעמד איז צו זען ווי ווינערנס אַרבעטן ביי הייזער־בוי, דערלאַנגען ציגל און וואַפנע.

פרעמד צו זען ווי מילדע פנימער פון ווינער פרויען זענען פאַר־האַרטעוועט און אומצופרידן, פון ביטערער עקאָנאָמישער דערפאַרונג. ווייזט אויס אַז די פרויען קעמפערנס פון ווינער אויפשטאַנד קעגן רע־אַקציע האָבן נאָך ניט געזאָגט זייער לעצט וואָרט...

ווין איז אַ ציכטיקע שטאָט אָן שטויב. ווין איז געררים, ברייט, און קולטורעל. באַשיידן, און שטיל.

27 אויגוסט. כ׳פאָר דורך ברעסלוי, 2 שעה פון ווין און ביי דער טשעכישער גרענעץ. פּאַספּאָרטן און צאָל רעוויזיע. און דער וועג איז דורך בערג, פעלדער, וועלדער, פאַבריקן און שטעטעלעך, אַזוי ביז פּראַג.

פ ר א ג

אַן אַלטע גראָע שטאָט דערלאַנגט אַ האַנט ביים אַרויסקומען פון וואָקזאַל, נאָכדעם ווי דער באַאַמטער ביי די וואַליזעס פרעגט: „מיט פאַרזיכערונג אָדער אָן פאַרזיכערונג?“ (אַ פרוי באַמערקט: „וואָס, מ׳גנב׳עט ביי איך די וואַליזעס?“).

אַ האָטעל צימער איז גאַנץ ביליק און ס׳ זעט אויס דאָס מיט אויס־לענדיש געלט קען מען זיך ביליק איינאָרדנען אין פּראַג.

אַ מאָדנע שפּראַך פון רוסיש פויליש געמישט מיט נאָך עפּעס און מיר פעלט צו דער „עפּעס“. פאַרשטיי איך ניט קיין טשעכיש... דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן זענען ביכער. אַזוי פיל לינקע בי־כער און צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט, מ׳אָטעמט פריי אַפּ ווען מען קומט פון איטאַליע און עסטרייך.

ליכטיקע ברייטע גאַסן, שיינע געשעפטן, קאָלירטע רעקלאַמעס, טעכניק און קונסט אויסאַרבעטונגען, אָבער געמישט מיט דעם אָפּפאַל פון מאָדערנער טעכניק, מ׳זעט פיל פּראָסטיטוטקעס, ווייזט אויס אַז קאַ־פּיטאַליזם אָן פּראָסטיטוציע רירט זיך ניט...

די קליידער און פנימער פון פאָלק דערציילן ניט פון צופיל פאַר־געניגן און גרינג לעבן, הגם קליידער און עסנוואַרג זענען אָנגעפּאַקט אין ריזיקע געשעפטן און שוי־פענסטער.

אַ געמיש פון מענטשליכע פנימער, אַ סך טיפּן, אַ סך פעלקער, אַ שטאָט מיט בריקן, וואַסער און בערג, אַ שטאָט מיט געשיכטע און מאָדערנעם היינט, אַ שטאָט מיט אַלט־נייען צויבער.

28 אויגוסט. קירכן גלאָקן און אַזוי פיל דענקמעלער. אַ בריק מיט קריסטליכע צייט־דאַטעס. דאָס אַלץ שלעפּט צו אַלט פּראַג. פאַרשידענע אַלטע געביידעס, אַלטער סטיל, שמאָלע געסלעך, פלעצער און קאַפּעען וווּ מ׳שפּילט, זינגט אַלטע מלחמה־לידלעך. אַלטער שטאָט־ראָט, טורעמס, מאָנומענטן, פיל קונסט און פיינע אַרכיטעקטור. אַריינגעפלאָכטענע נייע גאַסן און מאָדערנע הייזער, אַ וואַסער מיט אַ וואַנט פון גרינע בוימער וועלכע קריכן אַלץ העכער אויף אַ באַרג. מיט בריקן, בריקן וועלכע האַלטן אין איבערשפּרייזן פון איין טייל שטאָט צו דער צווייטער, דאָס אַלץ שאַפט אַ רייצנדע בילד.

ביינאַכט זענען די קירכן און אַלטע שלעסער באַלויכטן, פון באַרג בלישטשען און פינקלען פייערן און מוזיק שפּילט אויף די קליינע אינזעלעך וועלכע שווימען איבערן שטילן וואַסער. דאָס אַלץ איז מיט אַזוי פיל כישוף און שיינקייט.

די גרויסע שיך פירמע „באַטאַ״ שרייט אַראָפּ פון ווענט און שויפענסטער, אַ וועלט וויל „באַטאַ״ באַשוכן, און די אויטאָמאַטן רעסטאָראַנען בעטן זיך כאַטש שטעק אַריין אַ הונגעריק מויל.

הויפן פאַסאַזשן, אומעטום ליכט און רעקלאַמע. „קאַוויאַרני־לאַדאַווי״ לאָזט זיך וווילגיין מיט מויל־פידלעך און אויטאָמאַט „קאָראָנאַ״ אין דער ברייטער „וואַצלאַווסקי־נאַמעסטי״ טומלט מיט יונגוואַרג מיט טשעכן און אויסלענדער וועלכע שלונגען וווּרשטלעך, זופּן, געמיזעס, טרינקען קוואַסן, קייען עפּל. די אויטאָמאַטישע ווענט און יונגע באַ׳חנ׳טע מיידלעך באַדינען די 12 ביינאַכטיקע עסערס.

זונטיק איז אין פּראַג ניט אַזוי טומלדיק. די געשעפטן זענען געשלאָסן, אַלע זענען אָנגעטאָן זונטיקדיק. דער וועג צום באַרג איז זונטיק מער באַוועגליך. די אויסגעטרעטענע וועגן פירן קרום און גשלענגלט ביז וואַנען די טורעמס און העכער שטייען אָפּ און בלייבן פון אונטן, דאָס וואַסער מיט די בריקן איז גאָר אונטן, דאָ און דאָרטן כאַפּן זיך אַרויף עטליכע בוימער, זיי ווילן זען, אָנקוקן ווי אַנטקעגן איבער מאַרשירט אַ דעמאָנסטראַציע פון קלענערע און גרעסערע אַלטע און נייע געביידעס, זיי ווערן געטראָגן אַדער געשטויסן פון בערג וועלכע גייען פון אונטן, אַלץ וויל אַהער צוקומען, אַלץ וואַרט מיט שטילקייט און פאַרכאַפּטן אָטעם עמיצער זאָל געבן אַ נעם אַרויף, אַרויפשטעלן אין דער הויך כדי צו זען אַזאַ פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע וועלכעס מ׳רופט אָן פּראַג.

מענער און פרויען אין פּראַג מאַכן אַביסל אַ פּראָווינצערישן איינדרוק, מיט זייער האַלטונג און קליידונג. עס פעלט די באַשיידנקייט און

גראַציעזקייט פון די ווינער און ווינערנס. דאָ איז אַלץ ברייטער ביי די פרויען און מענער. ברייטע הענט, ברייטע פּלייצעס, ברייטע פּנימער, און ברייטע היפּטן. מער סלאַוויש. און אַזעלכע בילדלעך, ווי מענער זאָלן זיך אַוועקשטעלן משתין זיין, אין זייטיקע געסלעך, דאָס זעט מיר אויס אַ „טשעכיש" שטיקל אַרבעט. מעגליך אַז דאָס האָט צו טאָן מיט „דע־מאָקראַטיע", „פרייהייט", אָבער מיט קולטור האָט דאָס זיכער ניט צו טאָן...

זונטיק ביינאַכט איז יעדער אויף שפּאַציר. עס איז פּשוט אַ ענגשאַפט אין די הויפּט גאַסן. די שוי־פענסטער לייכטן ווי אַ גאַנצע וואָך, מיט שיי־נע פרויען־טואַלעטן, שפּילצייג, קונסט, טעכניק, אַרבעט, און ווּיסנשאַפט. מ'זעט פיל זעלנער, וועלכע זענען פיין געקליידעט, זען אויס שטיל, באַ־שיידן, ניט קריגעריש, ווי די איטאַליענישע. די פּאָליציי־לייט זענען אויך מיט אַזעלכע שטילע, בעל־הבתישע פּנימער.

פּראַג ווערט איינגעשטילט אין די פר'מאָרגן שעה'ן.

30 אויגוסט. דער וועג פון פּראַג ביז בערלין איז דריי שעה טשע־כישע פעלדער, בערגער. ביי דער דייטשישער גרענעץ רעווידירט מען אפילו אין די טאַשן פון מאַנטל. דייטשלאַנד היט זיך פאַר מענטשן וועל־כע קומען פון טשעכאָסלאָוואַקיי. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט אומרו־איקייט, פאַר איך אַריין אין היטלער־לאַנד. אין מיין וואַגאָן אַ דייטשיש פאַר פאַלק, האַלט זיך זייער העפליך. און אַ יידיש פאַר פאַלק (זען אויס צו זיין פּוילישע בירגער) ווי דאָס יידיש ווייבעלע טומלט, דרייט זיך מיט די פּעק, פאַרהענגט מיט מלבושים, „פאַרנעמט" דעם וואַגאָן. די דייטשן קוקן און שמייכלען. (עס נעמט מיר וווּנדערן אויף דער „זיכערער" אַ ביסעלע נאַריש־חוצפּהדיקער האַלטונג פון דער יידישער פרוי אין 1937 אין דייטשלאַנד).

בערלין

3.15 ב. מ. שטעלט זיך דער צוג אָפּ ביי אַ ריזיקן וואָקזאַל. ביים אַרויסקומען אינדרויסן טרעפט מען זיך אָן מיט אַ ברייט און רייך פאַ־נאַנדערגעוויקלטע שטאָט. איך כאַפּ אַזאַ ברייטן אויטאָבוס צום „קור־פירסטענדאַם", כ'וויל אָנקוקן, ווי אַזוי יידן לעבן נאָך 4 יאָר נאַציזם. אַ לאַנגע ברייטע גאַס (אין פּאַריז וואָלט מען עס גערופן בולוואַר) מיט שיינע געביידעס, האָטעלן, מיט אַרויסגערוקטע קאַפעען טישלעך

אינדרויסן באַזעצט פון מענטשן מיט ברוינע אויגן, טונקעלע האָר, שיין געבויעט אָבער מיט צעשראָקענע בליקן. עפּעס מיידן זיי אויס אַ פרעמדנס בליק.

כ׳זוך אַ צימער אין אַ ביליקערן געגנט און אין אַ באַשיידן האָטעלכל באַגעגנט מיר אַ גרויס בילד פון היטלערן ביים עפענען די טיר מיט אַ אויפשריפט: „מיר מאַרשירן מיט״.

דער בעל־הבית מיט אַ לאַקאַניש געזיכט רעדט אַזוי זיסינקע און העפליך, הגם ער זעט אַז איך בין אַ ייד, און פוילט זיך ניט צו שלעפּן מיין וואַליזע פון וואָקזאַל.

שוי־פענסטער גלאַנצן מיט אַלערליי סחורות, אָבער אַלץ איז טייער. מ׳זעט ניט פיל היטלעריסטישע אָפּצייכנס אין די לאַצן אויסער ביי די „שטורם־אָפּטיילונגען״, ס.א. און ס.ס.

פרויען און מענער זען אויס מאַסיוו און געזונט, די מערהייט מיט בלאָנדע שטריכן, כמעט ווי איך „ראַסע״.

גלייך געשניטענע ברייטע גאַסן און ברייטע איינגענג ביי די מעט־ראָס, פיל רעקלאַמעס, אַ שטאָט מיט רחבות און גלאַנץ. די פּנימער פון פאָלק אַזוי פשוט און מילד, גאַרניט דאָ די שטרענגקייט אויף די אויטאָ־בוסן און טראַמוואַי אַרבעטער פּנימער ווי אויף די היטלעריסטישע בי־כער אין די שוי־פענסטער. עפּעס דאַכט זיך דאָס פאָלק און מלוכה אַנ־פירערשאַפט אין קאָנטראַסט.

אַזעלכע אָרימע ציטונגס־קיאָסקן. וועניק דייטשישע ציטונגען, און כמעט ווי גאָרניט פון אויסלאַנד. דערפאַר באַגעגנט מען מער און מער שטיוול, מונדירן און שטיוול. זיי טראָגן זיך מיט אַ קלאַפּעריי איבער גאַסן און געסלעך. שטייפע מונדירישע פּנימער, און אויגן פון ס.א. און ס.ס. לייט קוקן אַזוי מעכאַניש קאַלט, און טרעטן אַזוי פעסט. ניין, זיי טרעטן ניט, זיי צעטרעטן אונטער זייערע פיס און אויפן געדאַנק קומען אַזעלכע מענטשן ווי עריך מיזאַם, און עדגאַר אַנדרעי, זיי זענען פון די צעטרעטענע דייטשן...

די רייכסווער סאָלדאַטן און אָפיצירן זענען שיין און ריין געקליי־דעט, דאַכט זיך מיט עטוואָס מילדערע פּנימער פון די ס.א.־לייט, זיי גייען אויך שטאָלץ, און דאַכט זיך אַז עס ליגט אין זייער גאַנג מער זי־כערקייט, הגם זיי קלאַפּן ניט אַזוי שטאַרק מיט די שטיוול.

די רעסטאָראַנען און ביר האַליעס זענען אָנגעפילט מיט פעטע רייך געקליידעטע מענטשן און נאַצי־באַאַמטע און ווי קעגנזעצילך דאָס בילד פון אַרבעטער ביים פאַריכטן די גאַסן, מיט בלאַסע פּנימער, און אומ־צופרידענע בליקן.

די גרויסע פּאָפּולערע מאַגאַזינען פאַרמאָגן פיל קעזן, וווּרשטן פון אַלע מינים, אָבער די אַרבעטס־מענטשן לעקן אויס די טעלערס פון די

פּאַרציעס קאַרטאָפל, און צעהאַקטע פליש, פאַר 25 און 50 גראָשן.

די אָנגעשטעלטע אין די בענק טראָגן אַלע גראָע נאַצי־צייכנס פון זייער פּאַרטיי, אַלע רעדן העפליך, און בויגן זיך ווען מ'קומט טוישן אויסלענדיש געלט, אָבער ווען מען באַקענט זיך מיט אַזאַ ביוראַליסטל וועט ער גיכער ערקלערן די מאָנומענטן אין „זיגער־אַלייע", אַרומפירן אין געגנט פון רייכסטאַג, און אויספרעגן וועגן פּאַריז (אַ טרוים ביי פיל דייטשן) איידער צו רעדן פון זיינע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין דייטשלאַנד.

כאַפּט מען אַ שמועס מיט קליינבירגער, וועלכע טראָגן נאַצי־צייכנס אין די לאַצן, וואַרפן זיי שמוץ אויף דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, און שפּאָטן פון די „ברודיקע־פּאָליאַקן".

אַלייען און מאָנומענטן. אַלץ איז ריזיק און ברייט פּאַנאַנדערגע־וואַקסן און די שויפענסטער מיט בילדער פון היטלער, גערינג און גע־בעלס וויל איבערוואַקסן דאָס פאַר־היטלער־בערלין, אָבער די פּאָזעס און באַוועגונגען פון די אַלע נאַצי־פּאָטאָגראַפן זען אויס ווי צוגעקלעפּט, קינסטליך צוגעשמירט, עס פּאַסט ניט צום פּנים פון בערלין. מ'זעט ניט פיל ביכער אויסער די פון ראָזענבערג און בעלס מיט דעמאַגאָגישע קעפּ קעגן סאָציאַליזם און קאָמוניזם. קיין שום יידן־פראַגע אין די ביכער פענסטער אויסער אַ ביכל מיט אַ אויסגעבאַרגטער פראַזע ביי געטע: „יידן קענען ניט אַנגיין ווו ס'דאַ אָרדנונג". און כאַראַקטעריסטיש אַ בי־כעלע וועגן היטלערס יוגנט אַזוי מאָגער, זאָל היטלער האָבן געהאַט אַזאַ דינע יוגנט?

קאַריקאַטורן איבער ליטווינאָוו־פינקעלשטיין אין אַ דעגענערירטער שפּראַך, דאָס פעלט ניט אין די פענסטער, און פּאָסט־קאַרטן וועלכע רעדן אַ שפּראַך פון שטורמישע היטלער געבעלס פּאָזעס און הויפּט אידייען פון די רעדעס. באמת צו שטוינען ווי אַזעלכע פראַזן פון האַס, היץ און הימל־פּרעטענסיעס אָן אַ סדר, אָן לאָגיק רעדט צום פאָלק. אויף איין פּאָסט־קאַרט אַ צעהיצט מערהעריש אָנגעצונדן פּנים, חיה'שע פויסטן פון „פירער" און אונטן אַ אויפשריפט: „מענטשן מיט שטאַרקע כאַראַק־טערן, ניט קיין גייסטיקע שוואַכלינגע".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער דאַרפן זיך גוט פאַרטראַכטן, דאָס מיינט מען זיי...

לייפּציקער און פרידריך שטראַססע געפּאַקטע געשעפטן מיט סחורות און אַ ריזן געשעפט „הערטיע", ווו אינדרויסן הענגט אַ קוויטל ווי ביי אַנדערע רייכע געשעפטן: „מיטגליד דער דייטשישער אַרבעטס־פראָנט".

און ווען מען שפּאַצירט דורך די ריזיקע געביידעס פון אַרבעטס־פראָנט זעט מען: „באַטריב ווערט דורך אַרבעטס־פראָנט פאַרוואַלטעט". גיי וויס, ווער מיט וועמען עס פאַרוואַלטעט...

„אונטער די לינדן" זעט מען ניט קיין יידישע פּנימער, די פּאַרקוי־פער אין די שיינע געשעפטן זען אויס אַריער און פיל באַטראַכטן מיך מיט חשד צי כ'בין ניט אַמאָל קיין ייד.

ספּאָרט־פּלעצער מיט געזונטע יונגען און מוידן און צוגן מיט יונגע מיידלעך ווו מאַמעס וואַרטן אָפּ זייערע טעכטער פון וואַקאַציע און אויס־פלוגן וועלכע ברייננגען לידלעך, באַגייסטערונג, פרייד צעגאָסן איבער פלאַקסענע קעפּ און בלאָע, ברוינע אויגן, אָבער פון די אַרבל שטעקן אַרויס האַקנקרייצן, אָט די יונגע שטראַלענדע פּנימער געהערן צום „פאַריין פון יונגע בערלינער מיידלעך".

פאַרווײלונגס־פּלעצער מיט שפּילערייען און הויזשדאַווקעס אין אַר־בעטער קוואַרטאַלן, אַרבעטער יוגנט „שיסט" און „ציט" געווינסן און על־טערע אַרבעטער מיט אויסגעפּראַצעוועטע הענט און פּנימער ציען פּלעטן אויף אַ שטיק ווורשט, אַ געבזל, און אַנדערע עסנוואַרג פּראָדוקטן. אין אַלגעמיין הערשט אין די פּלעצער אַ טויטקייט און אַ מידקייט.

די קליינע סקווערן זענען אין מיטן טאָג באַזעצט מיט מיטליעריקע און עלטערע אַרבעטסלאָזע, און ווען די נאַכט פאַלט צו נעמט בערלין אויסזען שטיל, כמעט ווי איינגעשלאָפן, מער ניט וואָס פון זייטיקע ווינקלען גאָסן און געסלעך נעמען פּאַרפוצטע פרויען ווינקן האַלב „שע־מעוודיק" צו פאַרבייגייענדע מענער. דאָ ווי אומעטום אין אייראָפּע פאַר־קויפן פרויען „ליבע" אין די גאַסן.

1 סעפּטעמבער. ניטאָ קיין אויסערגעוויינליכעס צו זען, אָדער אַזעלכעס וואָס זאָל פאַרכאַפּן, אין דעם ברייטן לופטיקן בערלין. אַלץ איז דאָ שיין, מאָדערנע, און באַקוועם, אָבער עס פעלט רייץ, חן און לעבן.

* * *

אַזוי שפּאַצירנדיק נעבן צענטער פון דער רייכסטאַג־געביידע לאָז איך מיך צום אַריינגאַנג ווו פּאַר 30 פּעניק בין איך אַ באַזוכער צווישן אַ גרופּע 28־30 מאַן וועלכע זען אויס פּראָווינצער.

איינער מיט כיטרע דורכגעטריבענע אויגן פירט אַרום און גיט ער־קלערונגען, דערציילט די געשיכטע פון מיניסטאָרן און לעזע־צימערן, ערקלערט סקולפּטור און מאָלערייען, און שטעלט זיך אָפּ איבער דער געשיכטע פון ריזיקן הענג־לייכטער אין מיניסטאָרן־זאַל ביז מיר קומען צום באַרימטן אָפּגעברענטן זיצונגס־זאַל.

דער לענגליכער זאַל איז ניט מער ווי אַ שקעלעט מיט שטיינערנע זיץ־פּלעצער און שטאָלענע רושטאַוואַניעס. דער קאָנטראַסט פון די אי־בעריקע זאַלן ביז דעם זיצונגס־זאַל איז ווי פון לעבן און טויט.

דער פירער נעמט דערציילן די געשיכטע לויט דעם נאַצישן נוסח: „קאָמוניסטן און וואַן־דע־לובע האָבן דאָס אונטערגעצונדן"... ער ווייזט

לעכער ווו מאַרקסיסטן האָבן אין 1920 געשטורעמט דעם רייכסטאַג און נעמט אָפּלאַכן פון פריעדריקע „500 שטיק" (העפּוטאַטן) ביז היטלער האָט באַפרייט דעם רייכסטאַג. און ביים אַרויסגאַנג ווייזט ער אָן אויף 8 דייטשישע קעניגליכע הערשער און אויף דער שויב אַ אויפשריפט: „מיר ווילן אַ איינהייטליך פאָלק פון ברידער זיין". ער גיט צו: „היינט זענען מיר דאָס".

ער הויבט די האַנט „הייל היטלער!" אַלע טוען נאָך און איך בלייב שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. זיי קוקן מיך אָן...

ביים אַרויסגיין כאַפּ איך נאָכאַמאָל אַ בליק אויף ביסמאַרק'ס מאָנו־מענט און דעם אויפשריפט ביים פּרינציפּאַלן איינגאַנג: „דעם דייטשישן פאָלק"...

2 סעפּטעמבער. דער צוג פון „פרידריך באַן־האָף" גייט דורך שלעזישער באַן־האָף און לאָזט איבער פאַבריק־קוימענס און יאָגט זיך מיט פעלדער, וועלדער אָן אַ שיעור.

2 נ. מ. אין זבאָנשין, ווו די פּוילישע גרענעץ לייט נעמען איבער די מאַכט. זיי רעווידירן און נישטערן, מ'זוכט און מען וואַרפט גראָב, ברוטאַל און הפקר.

פון זבאָנשין גלייכע פעלדער, לאָנקעס, כאַטעס און ווינט־מילן.

אין וואַגאָן שטייגן אַריין פּאָליאַקן און יידן און צווישן זיי אַ ליטוויש יונג מיידל, מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט, באשר איר רעגירונג גיט ניט קיין פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין פּוילן, ווייל ס'הערשן ניט קיין פריינטליכע באַ־ציאונגען צווישן די מלוכה אָנפירערס און דיפּלאָמאַטן פון ביידע לענ־דער. זי, די סטודענטין, וועלכע האָט ליב די פּוילישע שפּראַך, און וויל דורכאויס שטודירן אין וואַרשע, וויל ניט וויסן פון אַ קאָנפליקט צוליב אַ שטאָט ווילנע, זי באַקלאָגט זיך אַז אין קאָוונע איז ניטאָ מער ווי צוויי ליטישע קאַפּעען, ווו אַ דאַמע זאָל קענען אַריינקומען...

צוויי יונגע פּוילישע מיידלעך און איין יונגל פאָרן פון וואַקאַציע קיין וואַרשע, רעדן אַ שפּיציקן פּויליש ווי אָפּגעשניטן פון זייערע פּאַריסענע נעזלעך, זיי פילן זיך מעשה בעלי־הבתים אין וואַגאָן, הגם עס זיצן על־טערע מענטשן, יידן.

װאַרשע (פּוילן 1937)

8 אָװגוסט לויפט אונטער דער װאָקזאַל פון אַלייע־יעראָזאָלימסקאַ, און באַלד װאָרפט זיך אין די אויגן דער אונטערשייד פון אָרימען װאַרשע ביז אַנדערע אייראָפּעאישע הויפּט שטעט.

אָרים, בלאַס און פינסטער. אַ פּאָליציאַנט בייזערט זיך אויף אַ טאַק־סי שאָפער „ניעמאַ טאַק דאַבזשע" (ניטאַ אַזוי גוט) און איך טראַכט צו װאָס בין איך דאָ אַריינגעפאַלן?

דער טראַמװאַי קאָנדוקטאָר שמייכלט, און באַגעגנט מיך פריילעך ביים אַרויפשפּרינגען: „כ'האָב אויף איך געװאַרט, מיין העד, דער נו־מער 17 װעט איך פירן װוּ איר װילט"...

עפּעס װערט באַלד בעסער פון אַזאַ קבלת פּנים װאָס אַ פּוילישער אַרבעטער גיט.

דער יידישער געגנט זעט אויס דערשראָקן, דערשלאָגן און שמוציק. כ'האָב אַזעלכע פיינליכע פּנימער אין ערגעץ ניט געזען. אַזוי פיל אומעט, זאָרג און זוכענדיקע אויגן, עס פאַרקלעמט ביים האַרצן.

פרומע יידן מיט שװאַרצע לאַנגע קליידער און בערד, און אַלטע פרויען, װעלכע פאַרקויפן פיצעלעך אַרבוז, און אַנדערע שטיקלעך פרוכטן. און אַט אַ יידישע קאַװיאַרניע װוּ די אייגענטימערין דערלאַנגט מחיה'דיק געקאָכטע שטיקלעך פיש, און זי אַליין עסט אַ דאַר שטיקל ברויט און טרינקט צו טיי.

אויף באָניפראַטערסקאַ פאַק איך אַ יידישן „האָטעל" מיט אַנגע־שטעלטע בעטלעך איינס נעבן אַנדערן װוּ פּראָװינצער יידישע קליינ־קרעמער, און קריסטליכע הענדלער, שלאָפן איינער נעבן צװייטן. די היץ איז טעמפּ, שניידט דעם מוח װי מיט אַ טעמפּן מעסער. און דער בעל־הבית, אַ ייד מיט אַ יאַרמולקע, רייסט זיך פלוצלינג אָפּ פון זיין חשבון־בוך, און נעמט פירן אַ קריגערישע „דיסקוסיע" מיט אַ לאָקאַטאָר ביז װאַנעט אַלע נעמען מאַכן געװאַלדן מ'זאָל זיי לאָזן אָנגיין מיט זייערע שנאָרכערייען, און איך לאָז מיך איבער יידישע גאַסן װוּ אַרום 5.30 באַ־גינען טרעפט מען שוין אַרבעטער זיך יאָגן צו דער אַרבעט.

דער קראַשינסקי שקעלעטן־גאָרטן װערט געעפנט און פיל בענק װערן באַלד פאַרכאַפּט, מענטשן זענען געקומען כאַפּן אַ דרימל אין דעם „האָטעל"...

* * *

8 סעפּטעמבער. ערב ראש־השנה און צװיי טעג ראש־השנה האָב איך פאַרבראַכט אין מיין שטעטל צוקוקענדיק און צוהערענדיק זיך צו

יידישע ליידן אין פּראָווינץ שטעטלעך.

די געסלעך און איינציקע מענטשן־שאָטנס, די נידעריקע הייזקעס און די שוואַך לייכטענדע לאַמטערנעס, ביים אַריינפאָרן אין שטעטל. א. מ. אַרום 10.30 אָוונט האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וווּ מ׳האָט פאַרשיקט מענטשן וועלכע קענען ניט מיטמאַכן דאָס לעבן פון ליכט, גערויש און טומל.

דאָ בין איך ערצויגן געוואָרן מיט די שפּיציקע ברוקירטע שטיינער, הילצערנע הייזקעס, סעדער, און אַרומיקע פעלדער און קוים דירעוודיקע מענטשן. עפּעס אַזאַ נאָענט ציטערדיק, און פרעמדליך געפיל...

כ׳האָב ניט געטאָרט פיל שפּאַצירן, זען פיל מענטשן, ווייל „רעכט־ליכע" און „געזעצליכע" באַדינגונגען זענען ניט אין איינקלאַנג מיט מיין באַזוכן אַ שטעטל, וווּ כ׳האָב זיך ערצויגן, וווּ כ׳האָב מיינע נאָנסטע, און נאָך וועלכעס כ׳האָב געבענקט 4 יאָר אין פאַרשידענע אויסלאַנדס.

אָבער געגנוג קען מען אַרויסלייענען פון יידישע זאָרגפולע און צער׳פולע פּנימער וועלכע דערציילן פון באָיקאָט און אַנטיסעמיטישער העצע, וווּ יידישע קליינהענדלער און האַנטווערקער ווערן אין די טויזענטער פאַרטריבן פון מאַרקן, און האַנדלס־פּלעצער. אַחוץ עטליכע יידישע גרעסערע סוחרים, איז דאָס יידישע קליינשטעטלדיק לעבן ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. ניטאָ קיין לאַנד ווי אַ יונגערמאַן, אָדער יונגע פרוי, וואָלט ניט אַנטלאָפן פון שטעטל, כאָטש מ׳האָט ליב די וועלדער, פעלדער אַרום, די ערד, די לופט, דעם הימל. אָבער מ׳טאָר דאָך ניט באַגריסן דעם הימל, די ערד, דעם וואַלד, ווייל דאָס הייסט דאָך „אונ־טערן שטאָט", און דער אונטערן־שטאָט, מיט די קריסטליכע איינוווינער, האָט ניט ליב צו זען אַ יידיש פּנים!... אַזוי געפאַלן און שרעקעוודיק אַ גרויסער יידישער בחור זאָל ווערן וועז אַ קליינער קריסטליכער יונגל טשעפּעט זיך צו אים און די יידישע מאַמע בעט דעם קליינעם קריסט־ליכן יונגל ער זאָל אָפּטרעטן פון איר זון, ער האָט „גאַרניט געזאָגט", און אַרום קריסטליכע דראָזשקאַרזשעס, וועלכע לעבן נאָך אגב פון יידן, קוועלן אָן מיט פּערדישן געלעכטער פון דער יידישער פרוי און איר זונ׳ס „פּחדנות". אָט אַזאַ בילדעלע אין מיטן מאַרק פון יידישן געטאָ אין אַ קליין שטעטל בעמט צענויפבריינגען די מיטלען אויף הער גוי׳אישער זייט וועלכע ווערן דערציילט פון קליינע און גרעסערע קינדער און על־טערע יידן: פּאָליציי, מעסערס און שטראָפן, געמישט מיט פּאָגראָמען זענען אויף דער זייט פון די „העלדישע" קריסטן אין די קליינע שטעט־לעך.

יידן אין די וואָגאָנען דערציילן פון יונגע גלחים וועלכע פּרעדיקן באָיקאָט און פּיקעטן. די „נאָראָ" לייט זענען פריינטליך מיט דער פּאָ־ליציי, מ׳דאַרף האָבן חסד ביים שטעטלדיקן קאָמענדאַנט א.אַ.וו.

אַ פיינליך צעגויפגעקאַרטשעט בילד פון די פּראָווינצער הענדלער יידן בירגער פון פוילן, וועלכע פאָרן איינקויפן אין וואַרשע.

* * *

יידישע הויפן.

דער יידישער געגנט פון האַנדל, אַרבעט און זוכעניש, דער געגנט פון נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער, איז ווי אַ אמתער גיהנום. שטיינער־נע פירקאַנטיקע הויפן, עקספּעדיציעס, געשעפטן, וועגענער, פערד, טרעגער, פּעק, פאַבריקלעך און דינסט־מיידלעך, סאַדע וואַסער באַלאָנען און דראָזשקעס, געשרייען, טומל, שטופעניש, יאָגעניש, פאַרנומעניש. זאָרג, קוועקזילבער און שטיקער נערוון. יידן און קריסטן ביים האַנדל, הויז־דינערשאַפט, פּאָליציאַישע לאַפּוועקע. האַנדל וואַנדל, געלט־רייסע־ניש, דינגעניש, ענגשאַפט אָן אַ שיעור.

אַזוי פיל גראַשנדיקע אויסגעדאַרטע בייגל־פאַרקויפער, שנוראַ־וואַדלע פאַרקויפער נאָך וועלכע עס יאָגן זיך אַזעלכע פעסט אָנגעגעסע־נע פּאָליציאַנטן.

דאָס אָרימע יידישע וואַרשע שטייט אויף מיט אַ וויינענדיק קול: „הייסע בייגל" וועלכעס גייט איבער צו אַ הייזעריקער שטימע „האַנדל, האַנדל", שטימען וועלכע שניידן, מיט געבעט, פאָדערונג, כעס און באַ־קאַנטמאַכונג.

בעטלער און אָרימעלייט וועלבע וויינען דעקלאַמירנדיק מישט זיך אויס מיט אַ געשריי פון קינדער, לאַכעריי פון מיידלעך, קלאַפּעריי פון קאָלדרעס, גערויש פון ניי־מאַשינען און פאַבריקלעך, אַזוי אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער.

ביינאַכט ווערט שטילער. טויערן פאַרמאַכן זיך, פיס, הענט, מידע אויגן שאַרן זיך צו געלעגערס, מ׳שטעלט אויף, מ׳רוקט צו בעטלעך, אין קיכן, קעלערן, אַלקער־שטיבלעך. מ׳הוסט, מ׳טרוימט, מ׳שלאָפט איין, און באַלד אינדערפרי שפּראָצט און בליט, וואַקסט אויס אַ נייער טאָג, אַ נייער פּאַס הימל איבערן קאָפּ מיט נייע זאָרגן, און אויפגאַבן, מיטן זעלבן לעבעדיקן עקשנותדיק יידישן לעבן.

א גאַרטן ווו ס׳וואקסן מעסערס

דער זאַקסישער גאָרטן שניידט דורך וואַרשע, מאַכט באַקוועם פאַרייניקט אַלע טיילן פון אָרימע פּילפּאַרביקע גאַסן און געסלעך פּאַריי־ניקט מיט מאַרשאַלקאָווסקע, נאָווי־שוויאַט און קראַקאָווסקע פּשעד־מיעשטשע ווו די גאַסן זענען ברייטער, ריינער, פאַרפּוצטער און מאַ־סיוועֶר.

דער זאַקסישער גאָרטן איז שטענדיק געווען אַ אָפּרו פּלאַץ פאַר אַרבעטער און קליינבירגער, דינסט־מיידל און ליטעראַט, ווילן־יונג און אינטעליגענט. דאַכט זיך דער סאַמע פּילפאַרביקסטער גאָרטן אין איי־ראָפּע. אָבער מיט איינמאָל אָנשטאָט די בויעמר און גראָזן זאָלן זיך צע־וואַקסן און צעבליען מיט בלעטער און בלומען איז דער גאָרטן צעבליט מיט מעסערס וועלכע טרעפן נאָר יידישע פּלייצעס, פּנימער, הענט און פיס, און יידישע הערצער. זיצן קריסטן מיט אינטעליגענטע פּנימער, מיטליעריקע און יונגערע, טייל שמועסן און טייל דריקן אויס צערטליכע געפילן צו פרויען. דער אָונט איז אַזאַ אַנגענעמער און מחיה׳דיקער, איינער פון אַ סך גאָלדענע אָונטן, וואָס פּוילן פאַרמאָגט ענדע זומער, און ווער וויס צו וועלכע פאַטישע געדאַנקן אַזאַ אָונט קען פאַרפירן, אָבער אַמ לויפט אונטער אַ פרוי, קוקט מיר אַריין אין די אויגן, און שרייט מיר אַריין אין פּנים : „וויבאַלד איר זייט אַ ייד, טראָגט אייך שוין אָפּ פון דאַ־נען, ווייל זיי זוכן יידן מיט מעסערס“...

איך האָב ניט באַמערקט צי דאָס איז געווען אַ יידישע פרוי צי ניט, זי האָט צו מיר אויסגעשריגן אין אַ ווייטאָקליכן פּויליש. איך האָב אַ בליק געגעבן אויף די ליבענדע קריסטליכע פּאַרלעך אונטער די שושקענדע בוימען בלעטער און שיעור ניט אויסגעשריגן : טראָגט אייך אָפּ, דאָ וואַקסט ניט קיין ליבע, דאָ וואַקסן מעסערס ! . . .

* * *

11 סעפּטעמבער. שבת אין די יידישע גאַסן איז דער האַנדל כמעט ווי אָפּגעשטעלט. די פּרומערע גאַסן ווי פראַנצישקאַנער און נאַלעווקעס איז מיט פאַרקעמטע יידישע בערד, ריינע לאַנגע קאַפּאָטעס און טליתים. די חסידים אין בלאַנקענדע שטיוועלעך, אין געפרעסטע הויזנס און האַל־בע שיך גייען יעדער צו זיין רבין. ערשט ווען די פרומערע טייל האַלט ביים עסן קומט אָן די פרייערע טייל און גאַנצע גאַסן נעמען שפּאַנען, מ׳זעט גאַסנדיקע פּראַצעסיעס.

וואַסר שטאָט און שטעטל פון פּוילן קענט איר ניט געפינען צווישן דער שפּאַנענדער יידישער־מענטשהייט וועלכע הויבן פון ניסקע, סטאַוו־קי, שמאָלע און ברייטע מילע צו זאַמענהאָף, קאַרמעליצקע, דלוגע און פּשעיאַזד ? יאָ, מ׳שטעלט נאָך אײן ביז פּשעיאַזד און לעשנע אפשר ביז ביעלאַנסקאַ און זאַקסישן גאָרטן, אָבער ווייטער גייט מען היינט ניט. די לופּטיקערע גאַסן האָבן היינט פיינט יידן.

ווער איז געבליבן אין די היימען אין די געסלעך, קעלער און בוידים שטיבלעך ? בלויז עלטערע יידן, ווייבער און קינדער. די יוגנט פון 15 ביז 35 מאַרשירט אין שטאָט אַריין.

ניטאָ קיין סך קלובן פונקטן זיך צוזאַמענצוטרעפן, כאָפּט מען אַ

שמועס גייענדיק, טרעפֿן זיך די אַלע מיט פֿייערלעך פֿון האָפֿנונג און גלויבן אין זייערע אויגן, ווער עס ווייסט האָבן מזל אויסצוואַנדערן צו ברודער, שוועסטער אָדער געליבטן, וור עס וועט דאָ דערווייל פּרובירן דורכשטופּן, אָבער אויפֿגעבן דאָס לעבן ווייל יענע גאַסן לאָזן ניט צו, דאָס דווקא ניט!

האַלב פּויליש, האַלב יידיש, האַלב געשמינקעוועט און האַלב געמאַ־ליעוועט, אַ מחיה'דיקער באַוווסטזיניקער עלעמענט וועלכער שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם רוקן־ביין פֿון יידישן פֿאָלקס־לעבן.

* * *

און דאָך דאַכט זיך אַז דער פֿרייער גייסט איז נאָך ניט אויסגעראָטן אין דעם משונה'דיק צעניפֿגעשטעלטן פּרצוף פֿון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע. דאָ און דאָרטן זעט מען פֿונקן פֿון פֿרייע ווערטער וועלכע זענען אויסגעשטעלט אין שוי־פֿענסטער פֿון ביכער. די פּוילישע און יידישע פּרעסע פֿאַרמאָגט נאָך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבן, וועל־כע מעגן קריטיקירן רעאַקציע און פֿאַשיזם, נאָר ניט דערמאָנען פּוילן.

עס איז נאָך פֿאַראַן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער באַוועגונג, וועלכע פֿאַרמאָגט קראַפֿט און אָנזען אויף דער פּוילישער און יידישער גאַס, און עס איז נאָך פֿאַראַן אַ גרויסער טייל יידישער בירגערטום, וועלכער גע־ניסט נאָך אַ ביסל רעכט, לעבט זאַט, פֿאַרדינט (אויך אָן זיכערקייט) צו־גלייך ווי דאָס רייכערע טייל בירגערטום אויף דער קריסטליכער גאַס.

שווער פֿאַר אייניגע וועלכער האָט געלעבט אין אויסלאַנד אין מער ענטוויקלטע און דעמאָקראַטישע לענדער, זיך איינצולעבן אין פּוילן, איינוואָרצלען עקאָנאָמיש אין פּוילן. אָבער גלייכצייטיק איז שווער צו פֿאַרלאָזן דאָס פּוילן, ווו יידיש לעבן איז אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטער, עכטער און אָנציענדער אין אַלע פֿאָרמען און שאַטירונגען, ווי דאָס יידי־שע לעבן אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

1 אָקטאָבער. דער וועג פֿון וואַרשע ביז פּאַריז פֿאַרנעמט עטליכע דרייסיק שעה ווו דער צוג פֿאָרט דורך פּוילישע שטעט, דערפֿער און וועלדער, דייטשישע פֿאַבריקס־געביטן און בעלגישע שטעטלעך און פֿאַבריקס־געביטן.

זיצט אין מיין וואַגאָן אַ יונגערמאַן וועלכער האָט אַזוי קרום געקוקט אויף מיינע יידישע צייטונגען און איך באַמערק ביי אים אין לאָץ אַ אי־טאַליעניש־פֿאַשיסטישן אָפּצייכן.

ווילענדיק ניט ווילענדיק מוז מען פֿאַרפֿירן אַ שמועס און ער דער־ציילט דאָס ער אַליין, אַ איטאַליענער, האָט געלעבט פֿיל יאָרן אין פּוילן, ווייל זיין פֿאָטער איז געווען אַ באַאַמטער אין דער איטאַליענישער אַמ־

באַסאַדע אין וואַרשע. דערצו איז ער ווי ער רופט זיך „אַ באַוווסטזיני־קער פאַשיסט“.

אַ הויכער יונגער פּאָליאַק פאָרט קיין לידז שטודירן ווייל ער האָט דאָרט רייכע פאַמיליע. ער וויל ווערן אַ ענגלישער בירגער. ער פירט מיט זיך אַ סך פּעק און נעמט ניט אַראָפּ די העגטשקעס אפילו ביים עסן. (אפשר דענקט ער אַז דאָס לעבן אין ענגלאַנד גייט אַלץ דזשענטעלמעניש מיט הענטשקעס).

דער איטאַליענער דערציילט קינדעריש און באַרימט זיך ווי אַזוי ער האָט געקעמפט אין אַביסיניע קעגן די שוואַרצע.

אַלע דריי זענען מיר יונג, זיצן דריי וועלטן, לאַכן, דערציילן, זינגען און עסן. דער צוג האָט אונז „פאַרייניקט“.

2 אָקטאָבער. אַ דייטש זעצט זיך אַריין צו אונז אין וואַגאָן. איך פּרוביר פאַרקניפּן אַ שמועס (ווייל איך בין דער איינציקער וואָס קען פאַרשטיין זיין שפּראַך), אָבער ער רעדט ניט. איך זע שוין אַז אויף דער דייטשישער טעריטאָריע וועט ער ניט רעדן. דער איטאַליענער טיילט איז מכבד מיט ווייטרויבן און לאָזט אויס דעם יונגען דייטש. און ווען איך באַמערק אים זאָגט ער: „איך האָב פיינט די דייטשן“, און אַ ווילע פריער האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דער פאַרברודערונג צווישן דייטש־לאַנד און איטאַליע: „אָט זע ווי אונזערע פענער הענגען איבער דייטש־לאַנד, אונזער קלוגער דוטשע איז אין בערלין אויף באַזוך“...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז נעמט זיך דער איטאַליענישער פאַשיסט טשעפּן צו דעם באָלשעוויזם און סאָציאַליזם. ער איז גרייט צו פאָרן „קעמפן אין שפּאַניע קעגן אינטערנאַציאָנאַלן באָלשעוויזם וועלכער קריכט צום מיטלענדישן ים“. „פאַרוואָס איז ביי אייך אין איטאַליע שלעכט דעם אַרבעטער און פויער אונטער אַזאַ קלוגן דוטשע?“ פרעג איך. „ווייל עס פעלט, ניטאָ גענוג ערד“. „פאַרוואָס איז אין פוילן שלעכט, ווו ס׳דאָ גענוג ערד?“ „ווייל די פּאָליאַקן פירן ניט אָן ווי געהעריק“ איז זיין ענטפער. און עס העלפט גאַרניט, ער איז אַ געשוווירענער שונא פון סאָציאַליזם און באָלשעוויזם.

אינטערעסאַנט, ווען ב׳נעם אַ ביסל חוזק מאַכן פון דייטשישן פאַ־שיזם, בעט ער מיך אויפצוהערן, „ווייל מיר קענען אַלע האָבן צרות, מיר זענען אויף דייטשישער טעריטאָריע.

ווען מ׳טרעט איבער די בעלגישע טעריטאָריע ווערט שוין דער דייטש מער באַרעדעוודיק, ער פאָרט קיין פּאַריז צו דער אויסשטעלונג בלויז מיט 10 מאַרק אין טאַש ווו ער האָפט צו טרעפן באַקאַנטע דייטשן וועלכע וועלן אים אויסבאָרגן צו „זען“ פּאַריז.

ער נעמט זיך קלאָגן אויף די נידעריקע לוינען אין די ביוראָס. ער אַלס ביוראַליסט קען ניט אָפּשפּאָרן אויף אַ גוטן אַנצוג און קען בכלל

ניט פֿאַרברייגגען ווייל עס סטאַרטשעט ניט.

פֿון פֿאַשיזם וויל ער ניט וויסן. ער געהערט צום פֿאַריין ווייל מ׳צווינגט אים, אָבער ער פֿאַראינטערעסירט זיך ניט מיט זייערע טעאָריעס וועלכע זען ביי אים אויס בלאָף.

3 אָקטאָבער. מיטן איטאַליענער ווער איך אַ ביסל פֿונדערווייטנס ווייל עס נעמט מיר עקלען פֿון זיינע בלוט־טעאָריעס און איך באַמערק ווי ער נעמט אַרונטער דעם פֿאַשיסטישן צייכן פֿון לאַץ, ווייל איך האָב אים געהאַט ערקלערט דאָס פֿאַריז איז רויט, נאָך רויטער ווי פּוילן און ער וועט שלעכט אָפּשניידן מיט אַזאַ צייכן...

דעם נאָכמיטאָג פֿאַרברייגג איך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג ווו כ׳באַמערק אַ ענגלישן גאַסט, דער עקס־קעניג עדוואַרד דער 8־טער מיט זיין פֿרוי מרס. סימפּסאָן.

זיי פֿאָרן דורך פֿאַמעליך אין אַ אויטאָמאָביל. דער עולם באַגריסט זיי. ער זעט אויס מיד, קרענקליך, מיט אַ ליימענעם פּנים. זי, אַ ביסל לעבעדיקער און פֿרישער. זיין שמייכלען איז ווי פֿון אַ טויטן, אַזוי ווי אויסגעשפּילט...

לאָנדאָן טאָג איין טאָג אויס, 1937

נעמענדיק אַ 25ער אויטאָבוס אין דער איסט ענד (יידיש האַרע־פֿאַשנע געגנט) שניידט מען דורך אַ לאַבירינט פֿון שמאָלע און שמאָלינקע גאַסן, טונקעלע פּעסטע געביידעס מיט גרויסע טירן און פֿענסטער ווו עלעקטרישע לאָמפּן ברענען אַ גאַנצן טאָג אין די האַלב טונקעלע פֿאַגעדיקע ווינטער טעג, וואַרפֿן געלבליכע שטראַלן אויף די האַלב וואַסערדיקע פּנימער פֿון די באַנק אָנגעשטעלטע וואָס זיצן שטייפֿלעך צוגעבויגן צו גראָבע חשבון ביכער, אַזעלכע ערנסטע בליקן פֿון די ביוראָמענטשן אין שטייפֿע ווייסע קעלנער וועלכע אַרבעטן אין דער „סיטי“.

ניט אַזוי לייכט דורכצושפּאַרן זיך, אַזוי פֿיל לאַסט אויטאָמאָבילן, באַנקירישע טאַקסיוועס און פֿאַרטיערן וועלכע לויפֿן איבער פֿון איין זייט טראָטואַר, איין באַנק צו אַ צווייטער, מיט אַזאַ וואַזשנער מינע און פֿאַראַנטוואָרטליכקייט דינענדיק די הערן וואָס שטעלן צענויף ציפֿערן צו ציפֿערן, אַ נעץ פֿון ציפֿערן וועלכע נעמען אַרום מיליאָנען קאָלירטע און ווייסע אַרבעטס הענט וועלכע בויען און פּראָדוצירן, פּאַקן און פֿירן פֿאַר הונדערטער מיליאָנען פֿונטן וועלכע ליגן דאָ אין קלענערע און

גרעסערע קאַסעס אַרום דער מוטער באַנק, טוליען זיך צו דער „באַנק אָף ענגלאַנד“. צוגלייך מיט דעם שמאָלן פּאַס בלייערנעם הימל אָטעמט מען אָפּ פּיל לייכטער אין די ברייטערע שטילערע גאַסן פון „האָלבאָרן“, ווו גרויסע מאַגאַזינען און אַלערליי „פאַרזיכערונגס“ אונטערנעמונגען באַגלייטן צו ביז „אָקספאָרד סטריט“, דער אָנהויב פון לאָנדאָנער „וועסט ענד“.

אין דער רעכטער האַנט קעגנאיבער סינעמאַ „דאָמיניאָן“ איז איינס פון לייאָנס „קאָרנער“ הייזער. אויסערליך מיט ניט קיין שום באַזונדערן רייץ, נעבן וועלכן עס גרופּירן זיך אַ גאַנצן טאָג פאַרשידענע ליידיקגייער און האַלב פאַרדעכטיקטע טיפּן, און אינעווייניק אונטן און אויבן קלאַפּט מוזיק ווו אַרום ריין סערווירטע טישלעך און בלאַנקענדיק ליכט זיצן פאַרשידענע טיפּן קליינבירגער און אָפטמאָל אַרבעטער (שבת און זונטיק) וועלכע באַשטעלן פאַרשידענע שפּייזן ביי גרייט דינענדיקע קעלנער.

פון דער לינקער זייט קוים צו באַמערקן איז אַ קליינער סקווער מיט אַ קלינגענדיקן נאָמען „סאָהאָ סקווער“ און אַרום דעם סקווער לענג אויס מיט דער לאַנג געדרייטער „טשאַרינג קראָס רויד“ שלענגלען זיך פאַרשידענע שמאָלע קרומע האַלב שמוציקע געסלעך מיט האַלב פינסטערע און רייכערע קאַפּעען מיט פאַרשידענע פרעמדע נעמען. דאָ גרופּירן זיך אינטערנאַציאָנאַלע ליידיקגייער, אַלפאָנסן, און פּראָסטיטוטקעס. און דערצו באַרימטע ביכער געשעפטן און צייטונגס שטעלן מיט אָן אַ שיעור אַפּטייקן וועלכע רעקלאַמירן מיטלען קעגן שוואַנגערשאַפט... דאָ אַרום סאָהאָ סקווער געפינט זיך אַ גרויסער טייל פון לאָנדאָנער אונטערוועלט מיט צענדליקער אָפּענע און האַלב לעגאַלע קנייפּעס ווו ס'פּלאָנטערן זיך אָפטמאָל אַריין דאַמען און הערן פון בעסערער געזעלשאַפט.

עס קומען אָן אַלץ גרעסערע שוי־פענסטער אויסגעשטעלט מיט פיין אויסגעאַרבעטע אַנצוגן, שיך, העמדער, גאָלד, זילבער און פוטערוואַרג. ריזיקע געשעפטן מיט פּאָליצעס וואָס ברעכן זיך אונטער דער שווערער לאַסט פון אָנגעלייגטער סחורה.

שיין פאַרקעמטע יונגעלייט און פאַרפּוצטע פרויען שמייכלען און נעמען אויף אַזוי זיס ביים אַריינשטעלן אַ פוס אין אַ געשעפט, אַהער קוקן נאָך מיט הנאה דעם פילפאַרביק שפּאַצירנדן דורכלויפנדיקן אייליקן עולם. ביי „אָקספאָרד צירקוס“ לויפט די באַרימטע מאַסיוו לוקסוסאָווע „רידזשענט סטריט“ אין דער אָקספאָרד סטריט ווי זי הויבט אָן ביי דער קיילעכדיקער געביידע פון מוזיק שטילן ווינקל „קווינס האָלל“, פאַרדרייט זיך ווי אַ שלאַנג ביז „פיקאַדילי“, דער באַרימטער אַנאַרכיש אַראָפּגעשליידערטער צענטער פון טעאַטערן, סינעמאַס, רייכע געשעפטן, האָטעלן, ביליאַרד־קלובן, טומל און גערודער.

אין אָקספּאָרד סטריט און אין רידזשענט סטריט זעט אויס ווי אַן אמת׳ע אידיליע. אַלע זענען זאַטלעך, שיין אָנגעטאָן און צופרידן. וויבאַלד מ׳שפּאַנט גלייך, מ׳כאַפּט ניט קיין בליק צו די שמאָלע קוים באַמערקבאַרע געסלעך און פּאַסאַזשן וואָס רופן טיילמאָל צו זיך מיט אָנגעוואָרפענער מיסט אָפן ציַיטונגען אָדער מיט שטיל „שעמעוודיק־נאַאיווע" פּראָסטיטוטקעס.

אַ ווילד פרעמדע וועלט אין פאַרגלייך מיט דער דרויסנדיקער אָקספּאָרד סטריט און רידזשענט סטריט זענען די צענדליקער געסלעך מיט זייערע קליינע שמוציקע רעסטאָראַנדלעך, גראָשנדיקע שפּייז־געוועלבלעך, שוואַרץ־פּאָגעדיקע געביידעס מיט קליינע גראָע פענסטער וועלכע קלאַפּן אָן אויפהער מיט ניי־מאַשינען. אַ זשועמריי באַוועגונג און רירעוודיקייט דאָ אין פאַרשידענע קליינע און גרעסערע פינסטערע און האַלב ליכטיקע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן ווערט פאַבריצירט דער לוקסוס וואָס שטייט אַרויסגעשטעלט פון דרויסן. צו באַוווּנדערן ווי אַזעלכע צעקנייטשטע פּנימער פון עלטערע מיידלעך און פרויען מיט געבויגענע פּלייצעס וועלכע שלינגען „אַ לאַנטש" אין האַלב שמוציקע גאַרקיכן, פרויען מיט פּאַסיווער אומצופרידנקייט פון פאַרלוירענער יוגנט ביי מאַשינען און פייכטע ווענט, פרויען וועלכע האָבן פאַרלוירן די זעקראַפט דורך די געלע און רויטע עלעקטרישע לאָמפּן, אָט די פרויען זאָלן זיך אַזוי באַווייזן אַרויסשטעלן זייער יוגנט און לעבן, פאַרלוירענע האָפענונגען, אין פאָרם פון שיינענדיקע צופרידענע לוסטיקע פרויען־קעפּלעך און קערפּערס אין די געשעפטן פון אָקספּאָרד סטריט און רידזשענט סטריט.

ווו מען גיט זיך אַ ריר הענגען קוויטעלעך מיט לאַקאָנישע אויפשריפטן: „יונגע סימפּאַטישע געזונטע מיידלעך נאָר וואָס פאַרלאָזט די שולע פון 14־16 יאָר ווערט פאַרלאַנגט צו אַ גרינגער אַרבעט, גוט געצאָלט און גוטע פּראָספּעקטן".

אָט די אויסגעלאָשענע עלטערע מיידלעך און פרויען האָבן טאַקי אָנגעהויבן אַלס יונגע געזונטע מיידלעך ווען זיי האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזט די שולע און געמוזט העלפן דעם אָרימען פאָטער ברענגען אַ פּאָר שילינג אַהיים, אָדער זיי האָבן פאַרלאָזט די קליינע שטעטלעך, געקומען אַרבעטן, פאַרדינען און לעבן אין רייכן לאָנדאָן...

מיטאָק שעה ווערן די גרויסע און רייכע רעסטאָראַנען פאַרכאַפּט פון געשעפטס־אייגענטימער, דירעקטאָרן, און שעפן. די קלענערע אָנגעשטעלטע, פאַרקויפערנס, האַנטנייערנס און אַנדערע כאַפּן זיך אַריין אין די פּאָפּולערע צוגענגליכע לייאָנס רעסטאָראַנען און „וואָלוואָרטס" געשעפטן ווו אַחוץ די אַרטיקלען פון 1 ביז 6 פּעניס באַקומט מען אויך צו פאַרבייסן.

שטייענדיק אַרום עס פאַרקויף שטעלעס ווערן געשלונגען אָדער גאָר לאַנגזאַם צעקייט סענדוויטשעס און צוגעטרונקען טיי אָדער מילך. און די „גרעסערע" פאַרדינערנס דערלויבן זיך אַ וואַרימען „לאַנטש" ווו מ'טרעפט שוין פיל יונגערע און עלטערע מענער.

אַ געלויף פון הונדערטער וואָס שטעלן זיך אין אַ ריי (דער ענגלענדער האָט געדולט אפילו הונגעריקערהייט צו שטיין אין אַ ריי) און מאַרשירן דורך מיט טאַצן אַן אויסשטעלונג פון אַלערליי רויע און געקאָכטע שפּייזן, קליינע שיין פאַרפּוצטע אָנציִענדע זאַכעלעך צו דריי און זעקס פּענים אַ פּאָרציע, אָבער זאָט צו זיין דאַרף מן אויפעסן אַ האַלב כדי צו קענען ציִען דעם אָטעם, פאַרזעצן זייער „וויכטיקע" אַרבעט פון רופן צו גאָט, אָדער צו וועלט סאָציאַליזם.
טוץ צו דריי און זעקס פּענס פּאָרציִעלעך.

די טישלעך ווערן שנעל אַרומגעזעצט פון לעבעדיקע מיילער, הענט און פיס. טייל עסן פּאַמעלעך וואָס לענגער הנאה האָבן, און טייל קענען זיך ניט שפּילן, שלינגען אַריין מיט מאַשין־שנעלקייט און קוקן צו די וועלכע פאַרמאָגן נאָך אויף די טעלערלעך, און צו די פרישׂ צוגעקומענע מיט לעבעדיקע שפּייזן, מיט אַ ביסעלע קנאה.

די באַדינערנס אַרום די טעפּ און קעסלען אַרבעטן מעכאַניש. צוגעשניטענע, צוגעמאָסטענע פּאָרציִעס קאַרטאָפל, סאַלאַד און זופּן, פליישן און גרינסן, זיסוואַרג און קאָמפּאָטן, דערלאַנגען זיי בלויז אַ האַנט, זיי זען ניט דעם פּערזאָן, זיי האָבן פאַר זיך בלויז אַ טאַץ אַ דורכגייענדיקע אין אַ ריי פון טאַצן און זיי גייט ניט אָן וועמען אַריינצולייגן מער, וועמען ווייניקער, אַ דאַרן צי אַ פעטן, דאָס ניט...

ביי עטליכע מינוט פאַר 2 זענען די מערהייט טישלעך אָפּגעליידיקט. די דינע סובטעלע מיידלעך און עלעגאַנט פאַרקעמטע יונגעלייט האָבן באַוויזן אָפּצועסן, איבערצולייענען אַ סענזאַציע אין צייטונג אָדער אַריינכאַפּן עטליכע בלעטלעך פון אַ מיסטעריעזן ראָמאַן.

די פאַרבליבענע יונגעלייט און עלטערע מענער וועלכע זיצן פאַרטראַכט ביי מער ערנסטע אַרטיקלען און ביכער, די מיידלעך וועלכע קייען נאָך געדולדיק דעם זעמל מיט פּוטער זיפצן צו פון איין לעפל מאַגערער זופּ צו אַ צווייטער. די האָבן נאָך ניט באַוויזן צו צושמירן די פּנימלעך און פאַרויכערן סיגאַרעטלעך ווייל זיי יאָגן זיך ניט...

טייל פון זיי האָבן פאַרלוירן די דזשאָבס ווייל די בעלי־הבתים האָבן געפונען יונגערע מער שמייכלענדיקע און געדולדיקערע, און טייל פון זיי האָסן די עקספּלואַטאַציע און יאָגעניש, אונטערלעקעריי און פאַרשלאָגן פון די מענעדזשערס (אָנפירער) וועלכע ווילן צאָלן פאַר זייערע זאָקן און אַנדערע מיידלשע טואַלעט אויסגאַבן...

* * *

אָקספאָרד סטריט און רידזשענט סטריט איז נאָכמיטאָק פול מיט עלטערע און מיטל־יעריקע פרויען און מענער פון די פראָווינצן און אַרום לאָנדאָן און שפּעט פאַרשלאָפענע לאָנדאָנער קליינבירגער וועלכע לעבן שוין פון גרייטן. די סינעמאַס און טאַנץ־קאַפעען עפענען ברייט די טירן. דאָס זאַטע בירגערליכע לעבן האַנדלט און פאַרוויילט זיך.

הייד פּארק — דער פארק פון „פרייהייט" (1937)

די לאַנגע רייכע אָקספאָרד סטריט ווערט פאַרענדיקט מיט איינעם פון די באַרימטסטע איראָפּעאישע געשעפטן „סעלפרידזשעס" און „לייאָנס" קאַפע־מוזיק, נאָך עטליכע גרעסער און קלענערע האָטעלן און קאַפעען און אַ לײַדיקײַט, אַ שטיק פעלד מיט שיטערע בוימער, קומט אַנטקעגן — הייד פּאַרק.

גלאַנצנדיקע אויטאָמאָבילן גליטשען זיך דורך אויף דעם אַספאַלט שאָסיי, שנײַדנדורך דעם פּאַרק צו דער פילפאַרביקער פּיקאַדילי געגנט און דאָס איבעריקע דער ריזיקער שטח פון אַ 350 אַקער ערד מיט אַ שמאָלן פּאַס וואַסער, פלאַך גראָז, בענק און אויסלייג־שטולן, דאָס אַלץ רוימט אַרײַן אַ סוד אין אויער: פרײַהייט...

דער פּאַרק כאַפּט זיך אויף אָן איילעניש, כמעט פויל און פאַרשלאָפן. מ׳זעט ניט מער ווי איינצעלנע דורכגייער וועלכע פאַרקריכן איבער פאַר־שידענע ווינקלען און וועגן, האַלב אויסגעטרעטענע שליאַכן. זיי ווילן אַנטלויפן פון שטאָטיש אויפגעכאַפּטן טומל, און טייל „פּעקלעך" וועלכע ליגן דאָ פון דער ערשטער מינוט פּאַרק־אויפמאַכן, אָדער גאָר „פּעקלעך" וועלכע זענען געבליבן ליגן פון נעכטן און קיינער האָט זיי ניט באַמערקט אַהיימצונעמען, ליגן זיי אַזוי צענויפגעקאָרטשעט, כאַפּן אַרײַן עטליכע שעה פרימאָרגן שלאָף אין אַ קאַלטן זומער פרימאָרגן, ווײַל זיי זענען עפּעס „צעקריגט" מיט די אַרומיקע רייכע האָטעלן וואָס לאַכן אַרײַן מיט אָפענע פענסטער אין פּאַרק אַרײַן.

נאָכמיטאָק באַווײַזן זיך די ערשטע „פרייע־שוואַלבן" אין געשטאַלט פון אָפּגעטראָגענע קליידער, צעריסענע שיך, ברודיקע קעלנער, אָבער מיט גלאַנצנדיקע פיקערלעך אין די אויגן און צעאַקערטע פּנימער וועלכע דערציילן פון נויט, ענטוישונגען און ביטערע דערפאַרונגען.

באַלד וואַקסן אויס שטענדערס ווו די מיט צעפּאַטלטע האָר, טיפע אויגן און הונגעריקע מײַלער רעדן צוערשט צו דאַרע בוימער, צו דער לופט, צו די דרויסנדיקע דורכלויפּענדע אויטאָבוסן און טאַקסיס, ביז איינער, צוויי, דריי קלעפּן זיך צו אויס לאַנגווײַליקייט מיט זיך אַליין און דער רעדנער נעמט זיך פילן דערהויבן, ער נעמט דערציילן און זיך בייזערן, זאָגן וויצן פון וועלכע ער אַליין לאַכט און קוקט אַריבער צו אַ גרופּע מענטשן בײַ אַ צווייטן רעדנער און קען ניט פאַרשטיין וואָס זיי

האָבן זיך צוצוהערן ביי יענעם שלימזל: פאַרוואָס קומען זיי ניט בעסער אָהער?

פאַרנאַכט וואַקסן אויס מער רעדנער און די מערהייט פון זיי קנעלן פאַרשידענע רעליגיעזע וועגן וועלכע פירן צום געשווינדסטן צו גאָט, און דערביי האָבן זיי אין זינען ווי צום שנעלסטן קריגן באַצאָלט די פּאָר שילינג פון די קירכעס און רעליגיעזע אינסטיטוציעס פאַר וועלכע זייערע שטענדערס רעדן.

וואָס הייסער דער טאָג אַלץ מער קליענטן אין פּאַרק, אין די טויזנ־טער שטראָמען זיי צו די רעדנער, פּרובירן כאַפּן עטליכע ווערטער פון יעדן, ביז וואַנעט עס ווערט מער פינסטער, בלייבט אַ מינדערהייט ביי גאָט און פּאָליטיק און די גרויסע מערהייט יונגוואַרג פאַרשווינדט און צעשפּרייט זיך איבער דער לענג און ברייט פון פּאַרק. וואָס ווייטער פון פּאָליטישן און רעליגיעזן טומל, און וואָס נענטער צו נאַטור, ראָמאַנ־טישקייט און ליבע פאַרלאַנגען.

מאַן און פרוי ליגן צענויפגעפּעקלט, צענויפגעפּרעסט, און גנב׳ענען שטיקלעך און שטיקער „ליבע" אויפן שויס פון אויסגעשפּרייטן הייד פּאַרק. זיי קענען זיך ניט דערלויבן פאַרבאַהאַלטענערהייט, ווי עס טוען מער פאַרמעגליכע קלאַסן. די מערהייט פון די יונגע אַרבעטער און אַר־בעטערנס באַזיצן ניט קיין פּלאַץ, קיין באַזונדער ווינקל דערצו, איז „גע־ליבט" קאָלעקטיוו, אויף איין געמיינזאַמער „ליבע־אַרענע".

עס שאָקירט, עס מאַכט וואונדערן. טויזנטער ענגלישע יונגעלייט און מיידלעך זאָלן אַזוי אָפן, פרעך און ביליק אויסדריקן זייערע צערט־ליכע געפילן, ווען אויסער די טויערן, די טויערן פון הייד פּאַרק, פאָלגן זיי דער דיסציפּלין און אָנגענומענע האַלטונג, פון קאַלטקייט און באַ־הערשונג (געמישט מיט היפּאָקריזיע) וועלכעס עס האָט איינגעפונדעוועט דער בירגערליכער קלאַס.

* * *

שבת נאָכמיטאָק, און זונטיק כמעט אַ גאַנצן טאָג, איז דער פּאַרק געפּאַקט אַרום די רעדנער. דער רעדנער עלעמענט איז מער פילפאַרביק. טייל רעדן אין סאָציאַליסטישן גייסט (הגם זיי פאַרטרעטן ניט קיין שום פּאַרטיי), זיי זענען אַזעלכע מינים „פרייע־סאָציאַליסטן" און קאָמוניסטן וועלכע שיטן פעך און שוועבל אויף דער אַרומיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג וועלכע לאָכט אַריין, רייצט זיך מיט אַזוי פיל עסן, און סחורות, געלט און פאַרגעניגנס אַרום דעם הייד פּאַרק.

טייל גלחים און רעליגיעזע רעדנער מיט פּאַטאָס און געשליפענע צינגלעך פּרובירן ערקלערן און באַווייזן אַז דער טאָג פון אמת׳ער אויס־לייזונג איז ניט ווייט, אָט, אָט, קומט דער „ערלייזער", און זיכער אויפ־

גאַבע, אין הייד פּאַרק, איז צוגרייטן דעם עולם, מ׳זאָל „אים״ געבן אַ גוטן קבלת פּנים...

אַ זשומעריי, אַ קוויטשעריי, אַ געמיש פון אַנטי־קאַפּיטאַליזם, אַנטי־פּאַראַזיטענטום (ווי דער ענגלישער קעניג און פאַמיליע ווערט ניט געשאַנעוועט) און פּסוקים פון אַלטן און נייען טעסטאַמענט, רעליגיעזע לידער פון דער „סאַלוויישאַן־אַרמי״, און סתם זינגער פון זייערע פּאַרוואָרפענע היימען אין אירלאַנד און וויילס, אַלץ ווערט צוזאַמענגעמישט און פאַרפּלאָנטערט ביים אַרויסגיין צו די וואָלקנס וועלכעס קומט צוריק אַרונטער אין אַ געפילדער און געיאָמער, שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן. טייל רעדנער גיבן אַנצוגעהערן ווי זיי וועלן שטיין אינדרויסן נאָכן פאַרענדיקן זייער רעדן, כדי מ׳זאָל זיי ניט פאַרגעסן. זיי בעטן עטליכע פּענס.

צווישן די פּלאַטפאָרמעס וועגן גאָט, רעוואָלוציע, סאָציאַליזם און אַטעאיזם, קען מען אָפטמאָל טרעפן שטיל באַשיידענע אינטעליגענטע רעדנער, אָן אַ שום מאַרקע, און אָפטמאָל אָן אַ שטענדער, אויף אַ שטול, אָדער גאָרניט אַרויפגעשטעלט, דאָס זענען מענטשן וועלכע פאַרשטייען גרינטליכע סאָציאַל עקאָנאָמישע פראַגן. פיל האָבן שוין אָנגעשריבן בראָשורן און ביכער איבער פּאָליטיק און רעליגיע, זיי, די רעדנער שיטן ניט סתם קיין פראַזן, זיי באַמיען זיך צו פאַרענטפערן געשטעלטע פראַגן, מער זאַכליך ווי אָפּצושפּאָטן.

אָבער אויך דער סאָרט רעדנער איז אידיאיש און פּאָליטיש אָפּטמאָל צעוואָרפן, ניטאָ קיין איינקלאַנג, קיין ליניע, עס פעלט האַרמאָניע אין זייער דענקען, און באַהעפטונג צום סאָציאַלן לעבן אַרום, זיי אַליין האָבן ניט קיין קאָנטאַקט מיט די מאַסן, מיט די פּראָבלעמען וועלכע זיי פּרובירן פונאַנדערוויקלען אין הייד פּאַרק צו אַ צופעליק געקומענעם צונויפגעמישטן עלעמענט. דאָך קען מען פון אָט די רעדנער פיל לערנען.

זייער האַלטונג און באַוועגונגען איז אָפּטמאָל קאָמיש ווי צום ביישפּיל: שטייט איינער אָן אַ שטענדער און געבן אים אַ פּלאַקאַט: „צו רעקאָמענדירט ער זיינס אַ שריפט, וועלכע אַנטהאַלט אינטערעסאַנטע וואָס רעדן נאָר פון פּאָליטיק און רעליגיע? איך רעד פון מאַרקס, פרויד, פּסיכאָלאָגיע, שול־וועזן, טעכניק, עקאָנאָמיע און אַנאַרכיזם״... (דערביי שטעלן וועגן שול־וועזן). עמיצער פון עולם וואַרפט אַריין: „רעד איבער אַנאַרכיזם״. און ער הויבט אָן: שוין זייענדיק 12 יאָר איז ער געווען אַן אַנאַרכיסט, ניט געוואָלט פּאָלגן די לערער אין שולע, שפּעטער ניט געוואָלט פּאָלגן דעם מייסטער ביי דער אַרבעט, און אַזוי ביז היינטיקן טאָג איז ער קעגן דעם גאַנצן פאַלשן שקלאַפן־סיסטעם.

אָט איז אַ אינטערעסאַנטע פּלאַטפאָרמע פון „יונגע הילפּסלאָזע״ מיט פאַרשידענע טיפּן פון פרי אַלט געוואָרענע אָבגעריבענע פּנימער וועלכע דערציילן זייערע לעבנס־ערפאַרונגען, אין דעם רייכן לאָנדאָן.

טייל האַלב נאַאיווע, געקומען פון פאַרשידענע פּראָווינצן, גענומען אַרבעטן, פאַרלוירן די אַרבעט, אָדער באַלד ניט באַקומען קיין פּלאַץ און גענומען לעבן פון נדבות און שנאָרעריי. און טייל מיט אַ ביסל פאַר־דעכטיקטע פּנימער דערציילן אויף זייער לשון דערפאַרונגען ביים אַר־בעט זוכן, און ביים „קריגן" שטיצע פון די פילאַנטראָפּישע און רעליגיע־זע אָרגאַניזאַציעס וועלכע ציילן אַזוי פיל אין לאָנדאָן.

זיי דערציילן פון גניבות און שווינדלערייען ביי די אַלע רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וועלכע זאַמלען טויזנטער פונטן אין אָט זייער נאָמענס וועגן, און דאָס געלט און קליידער ווערט פאַר־טיילט און אויפגעהאַלטן אַ שטאַב פון טויזנטער אַנגעשטעלטע און באַ־אַמטע מיט זייערע פאַמיליעס.

אַממערסטן ווערט אַנגעגריפן די באַרימטע „סאַלוויישאָן אַרמי" וועלכע פאַרמאָגט מיליאָנען. זיי האָבן דעם גרעסטן מאָנאָפּאָל פון „הילף", אָבער די נויט ליידנדע זען כמעט ווי גאָרניט אָן דערפון.

קיין שום ציי[טונג] וועט דאָס ניט דרוקן און ניט דערציילן, ווייל ערשטנס האָבן די „הילף־אָרגאַניזאַציעס" זייערע מענטשן אין דער פּרעסע, צווייטנס דאָס וואָלט געהייסן אַ קאַמפּאַניע קעגן קלער, און דער קלער איז הייליק ביי אַלע ענגלישע ציי[טונגען], פון „סאָציאַליסטישן" „דיילי העראַלד" ביז דעם סאַמע רעאַקציאָנערן „דיילי מייל".

שבת און זונטיק אַרום די פּלאַטפאָרמעס זייער אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם.

טייל פּראָווינצער יונגעלייט און מיידלעך וועלכע קומען אַהער אויפזוכן זייערע שטעטלדיקע לאַנדסלייט, דאָ אין טומל און געדרויש, פילן זיי זיך היימיש. פרעגן זיך אויס, דערציילן פון אַ גאַנצע וואָך אָפּ־געזונדערטקייט אין פינסטערע פאַבריקן אָדער אַלס הויז־דינערנס. דאָ קומען זיי פאַרברענגען זייער „וויק־ענד" ווייל עס איז צום ביליקסטן און אינטערעסאַנטסטן.

דאָ קומען פיל אָפּגעלעבטע פרויען און מענער, פאַרדעכטיקטע פּנימער, זיי שאַרן זיך צווישן אַלערליי פּלאַטפאָרמעס און קיילעכדיקע בינטלעך מענטשן, די מענער באַטראַכטן און נישטערן צווישן פרויען עלעמענט, קלעפּן נאָענט נעבן מער נאַאיווע געזונטערע פרויען פּנימער, און די אָפּגעלעבטע צעקנייטשטע פרויען זוכן אויך אַ געלעגנ־הייט. זיי שטופּן זיך נעבן יונגעלייט וועלכע דאַרף ניט אָרן זייער אומ־באַשטימטע פאַרגאַנגענהייט...

די מערהייט פון אָט די צוהערער גייט אָן דאָס רעדן ווי פאַראַיאָ־ריקער שניי, זיי לאַכן גראָב אויס, און פאַרוואָרפן מיט „פראַגן" די גע־שולטע רעדנער איבער רעליגיע, וועלכע ענטפערן זיי לויט אַ וויליונגע־רישן נוסח, און צעטומלען די מער נאַאיווע רעדנער, וועלכע בעטן זיך

אָפּט ביי די ווילע יונגען, זיי זאָלן אָפּטרעטן, אַניט וועט זיי די „מאַכט" (ניט פון גאָט) פון דאַנען אַוועקנעמען, ווייל מ'טאָר ניט שטערן דעם רעדנער...

טייל בירגערליכע זאַטע מיידלעך און ווייבלעך כאַפּן אַ שמעק צו הייד־פּאַרק סתם אַלס נאַווינע. זעגען מקנא די פּראָסטע רעדנער וועלכע רעדן און דענקען לאַגישער פון זיי, הגם זיי זענען ניט געגאַנגען אין מיטל־שולן און ניט געלערנט מאַניערן. זיי, די האַלבע אינטעליגענטקעס פון זאַטערע היימען, באַטראַכטן הייד־פּאַרק ווי אַ נייע וועלט פאַר זיך, און פּרובירן אויך אָפּטמאָל מיט האַלב דרייסטקייט שטעלן פראַגן צו די רעדנער וועלכע „פאַרמאַגן" אַ אַנדער וועג צו גאָט, אָדער צו די רעדנער וועלכע האָבן קיין וועג ניט...

ניט איינמאָל טראַכט זיך אַזאַ ליידי' דאָס די מענטשן אין פרייען הייד־פּאַרק האָבן אַ פּיל אינטערעסאַנטערן לעבן ווי זי און איר פאַמיליע מענטשן, אָבער געטווישט זיך מיט די רעדנער אפילו מיט די פרויען רעדנערינס וואָלט זי זיך ניט, ווייל זי איז ניט „געבוירן" דערצו. און ניט איינמאָל טראַכט זיך אַזאַ אָפּגעריסענער צעקנייטשטער פאַרביטערטער רעדנער, דאָס ער וואָלט אַ שטיקל צייט כאַטש אַ וואָך, אַ טאָג, אַ שעה, געוואָלט זיין אָט אויף יענעמס פּלאַץ מיט'ן ריינעם געפּרעסטן אַנצוג, קיילעכדיק פּנים, מיט דער לולקע אין מויל און ריינע געוואַשענע הענט, אָדער גאָר פאַרברענגען מיט אָט דער שיינער געפּוצטער איידל־ערצוי־גענער מיידל וועלכע רעדט אַזוי צעצויגן און געלאָסן ווען זי שטעלט אים דעם רעדנער אומדרייסט אַ פראַגע איבער אַ פּיצל גאָט ווען ער האָט שוין פּיל געטער פאַרוואָרפן און רעדט איצט פאַר דעם וועלכער זאָגט צו צו צאָלן אַ מאָגערן אָונט־ברויט, אָבער זיך טוישן, אַריינוואַקסן אין יענעמס שטייפן קראַגן מיט שטייפע מאַניערן, אָדער זיין מיט יענער וויכער שטילער ליאַלקע. ניין! מיט ביטול טראַכט אַזאַ הונגעריקער רעדנער, ניט „געבוירן" דערצו...

* * *

די סאַמע שטאָלצטע שפּאַצירער אין הייד־פּאַרק זענען די יונגען וועלכע זען אויס ווי אָפּגעשניטן קאָרן. די פנימער דערציילן פון פעלד, דאָרף און קליינשטעטלדיקייט. זיי שפּאַצירן מיט אויפגעהויבענע ברוסט־קאַסטנס און חשוב'ער מינע, ווייל זיי טראָגן אויף זיך קאָלירטע מונ־דירן, ביי געהערן צו די הויך געוואַקסענע סאָלדאַטן־קאָמפּאַניעס, וועל־כע היטן דעם קעניגליכן פּאַלאַץ.

טאָטעס קענען ניט שפּייזן, אַרבעט באַקומט מען ניט, און אַנאָנסן אין אַלע צייטונגען רופן צו אומזיסט עסן, קליידונג, אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַ פּאָר שילינג מיט פרייע שבתים און זונטיקן, צו זוכן מיידלעך אין

הייד־פּאַרק, טאָ וואָס קען דאָ אַזוי שלעכט זיין.

שטעלן זיי אַרויס די געזונטע הערצער, שטעלן שטייפע פעסטע טריט און פון אונטערן גרויסן דאַשעק באַטראַכטן זיי די יונגערע מיידלעך וועלכע האָרפן קומען זיי באַכקוקן ווי אויף פּאַראַד.

זיי טראָגן זיך מיט אַ שטאָלצער מינע און אָרימע הויז־דינערנס און פאַרקויפערנס, פאַבריק־אַרבעטערנס און סתם נאָר וואָס געענדיקטע פאָלקס־שול מיידלעך, קוקן זיי נאָך און פאַלן צו צו אַזעלכע שיינע קאָלירטע מונדירן און גרויסע פּיס. זיי קוקן אַרויף מיט פרייד. צוויי און דריי־וויז הענגען זיי זיך אָן אין אַזאַ שטאַרקן מאַנספערשוין ביז וואַנעט עס דערגייען אָפטמאָל גאַנץ טרויעריקע אָפּקלאַנגען אין דער פּרעסע.

אָבער די באַריש אומוויסנדע אַרבעטס־מיידלעך קוקן ניט אויף אַלע וואָרנונגען, קענען ניט ביישטיין די קראַפט פון מונדיר. די סאָלדאַטן פון זיין קעניגליכן מאַיעסטעט זענען פאַר זיי אַנציענד...

* * *

12 ביינאַכט, ווען אַנדערע פּאַרקן, און פיל לאָנדאָנער גאַסן, זענען שוין פון אַ שעה צוויי צוריק איינגעשטילט, די לעצטע אויטאָבוסן און אונטערגרונט באַנען ברענגען אַהיים צענדליקער טויזענטער פון פאַרוויילונגס פּלעצער און סינעמאַס, ווערט דער הייד־פּאַרק שוין כמעט אַ האַלב אַפּגעליידיקטער, געשלאָסן, און די לעצטע בינטלעך מענטשן וועלכע זענען געבליבן אָן רעדנער, האָבן ניט באַוויזן אויסצופּלאָנטערן די פאַרשידענע פּראָבלעמען וועלכע די רעדנער האָבן איבערגעלאָזט צו די אַמאַטאָרן דיסקוטאַנטן, זיי צעגייען זיך שווערליך אָן מוט, זיי ווילן גאָר ניט נאַכט מאַכן, ווילן די ליכט פון מיינונגס אויסטויש ניט פאַרלעשן, ווייל זיי האָבן ניט עטוואָס בעסערס און אינטערעסאַנטערס, און שטיל־בלייבן. זיי יאָגן זיך ניט צו אַ מאָרגנדיקן טאָג אַרבעט, אָדער זיי וואָלטן גערן דעם מאָרגן ניט אַריינגעלאָזט, בעסער זיך איינקלאַמערן אין זונטיקדיקן הייד־פּאַרק, און ניט דערלאָזן דעם גראָען אָנקומענדן מאָנטיק וועלכער וועט מיט זיך מיטשלעפּן אַנדערע גראָע אַרבעטס־טעג אין מעכאַניש טרייבנדע פאַבריקן וועלכע פאַרמאָגן ניט אַזאַ פרייהייט ווי דער הייד־פּאַרק.

שליסן זיך טויער נאָך טויער, די וועכטער וואַרטן אויף די לעצטע איבערגעוועקטע פּאָרלעך, וולכע מ'האָט אָפּגעריסן, און צעטריבן. דאַכט זיך אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פון הייד־פּאַרק אומגעקערט געוואָרן צו די אַלע נעסטן פון פינסטערע און ליכטיקערע שלאָף שטיבלעך. אָבער דאָך האָט מען דאָס מאָל אין עמיצן „פאַרגעסן״. אין פינסטערע פאַרוקטע פּאַרק ווינקלען זענען געבליבן ליגן איינגעקאָרטשעטע „פּעקלעך״ וועלכע האָבן זיך מיט די רייכע לוקסוסאָווע האָטעלן אַרום נאָך אַלץ ניט „איבערגעבעטן״...

שטריכן פון א רייזע, 1938

31 יולי. אַ גאַלדענע זון באַגלייט דעם צוג פון וויקטאָריאַ סטאַציע איבער פעלדער, שטעטלעך ביז צום פּאָרט.

אַ שיף טראָגט זיך איבערן בלאָען וואַסער אין וועלכן עס באָדן זיך זונען־שטראַלן, די מענטשן אויפן דעק פון שיף זענען מיט שטראַלענדע פּנימער, זיי שרעקן זיך ניט אָפּ פאַר דער ווייס־גראָער פּאַגע וועלכע מאַכט כלומרשט אַ מינע דאָס זי וועט אונז דעם וועג פאַרשטעלן, אונז ניט צולאָזן צום אַסטענדער ברעג פון בעלגיע.

אַרום 5 נ. מ. קומט צולויפן אַ שטאַט מיט גרויסע הייזער וועלכע וויל איבעריאָגן די באַדנדיקע מענטשליכע הענט און פיס און פרייליכע פּנימער וועלכע זענען אונז געקומען העלפן פון וואַסער אַרויסקריכן.

דער וועג ביז בריסל איז מיט פאַבריק־קוימענס, שטעטלעך און פעלדער מיט געבונדענע בינטלעך קאָרן.

די אויפשריפטן און רעקלאַמעס זענען אין פלעמיש (אַזאַ מין דייטש מיט נאָך עפּעס) און פראַנצויזיש, אָבער פראַנצויזיש פאַרנעמט דעם אויבן־אָן ווען מען דערנעענטערט זיך צו בריסל.

אַרום 7 אָוונט קומט מען דורך אַ אַלט קליינעם וואָקזאַל אין אַ שטאָט אַריין וואָס מאַכט דעם איינדרוק אונטער פּאַריז.

בריסל

ביים אַרויסשטעלן אַ פוס אין שטאָט אַריין פאַרהאַלט אַ בעלגישער יאַט מיט אַ פּושקע „פּאַר שפּאַניע" און קאַפּעען קומען צעלויפן פון אַלע זייטן, זיי קענען געפינען נאָך פּלאַץ, אַרויסשטעלן נאָך טישלעך איננ־דרויסן ווי באַלד די אַלע זענען באַזעצט מיט גאַנצע פאַמיליעס וועלכע טרינקען ביר און פאַרשידענע קאַלטע געטראַנקען.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַ עלעמענט ענליך צום פראַנצויז, די זעלבע אָבער אַ ביסעלע געלאַסענערע באַוועגונגען, און די זעלבע שפּראַך נאָר מיט ווייניקער חן, און ניט דעם זעלבן קלאַנג.

זוכנדיק אַ האָטעל צימער פרעגט מיך אַ ייד מיט אַ געבויגענער

גלות־פּליצע: „מאַכט מען עפּעס גוטע געשעפטן מיט העגטשקעס אין לאָנדאָן?" ער דערציילט פון זיינע 12 יאָר לעבן אין בעלגיע „ווי מ׳קומט דורך" און זיפצט נעביך איבער די גרויסע היצן. „מ׳זאָגט אַז אין פּוילן איז 45 גראַד"...

1 אויגוסט. בריסל איז צוזאַמענגעשטעלט פון שיינע גאַסן, בול־וואַרן, גרויסע מאַגאַזינען און קאַפעען, מאָנומענטן און פּלעצער. טייל צייכענען זיך אויס מיט אָריגינאַליטעט, און טייל זען אויס פּראָווינצעריש. האַנדל און לעבן, אַלץ דערמאָנט אַזוי ווי אין פראַנקרייך.

די יוגנט איז מיט גלייכע פּלייצעס און באַוועגליך. און ס׳וואַרפן זיך אין די אויגן פיל אָפּגעלעבטע פרויען מיט הינט. זיי שטאָלצירן מיט זייערע הינט־פריינט, פּאַראַדירן איבער גאַסן און איבער די קליינע ברייטער פּאַרקן. דאָ און דאָרט וואַרפט זיך אין די אויגן אַ שיינע קאָמבינאַציע פון הייזער און גאַסן צוזאַמענשטעל, דאָ און דאָרט אַ באַזונדערער רייץ וואָס מאַכט דעם איינדרוק דאָס בריסל איז אַ קליין גרויס־שטאָט.

* * *

די יידישע רעסטאָראַנען זענען היימישלעך און פאַרשוויצטע יידישע אַרבעטער חברה פון פּוילן און קליינבירגער שאַרן זיך אַריין און אַרויס. עפּעס דאַכט זיך ווי אַלע שטייען אין בריסל אויף דערווייל, אַט היינט מאָרגן פאָרן זיי צו אַ גרעסערן צענטער. דערווייל באַטראַכטן זיי די שטיקלעך געקאָכטע פיש און געגזלעך וועלכע די רעסטאָראַן־אייגענטימער זענען גרייט צו דערלאַנגען מיט צעקראָכענער גרייטקייט.

לענג־אויס די שטילע בולוואַרן ביים וואָקזאַל „מידי" איז לעבעדיק. שפּילעריקען און פּאַרווײלונגען, אַזאַ מין פאַריזער „פעט". יונגוואַרג שטיפט, לאַכט און ווילט זיך. די יידישע יונגלעך און מיידלעך נעמען אויך אָנטייל, אָבער טייל גרופּירן זיך באַזונדער מיט זייערע יידישע פּראָבלעמען, און די צעזויגענע אין בעלגיע זענען אַזוי גוט פאַרגעשריטן און באַוווסטזיניק אין יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, און אַ מחיה צו הערן זייער ריינעם יידיש, הגם זייער פראַנצויזיש איז אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט.

טראַמוואַיען שלעפּן זיך און מאַכן אַ טומל, סינעמאַס רעקלאַמירן פראַנצויזישע פילמען מיט פלעמישע אויפשריפטן פון אונטן. בריסל פּרובירט נאָכמאַכן, נאָכטומלען, אָבער עס פאַרבלייבט פאָרט ניט מער ווי אַ קליין, גאָר „אַ קליין פאַריז"...

אנטווערפּן

33 אויגוסט. אַנטווערפּן ווערט אַריינגעפירט דורך אַ גרויסן פיינעם וואָקזאַל ווו ס'לויפן אונטער סקווערן מיט בלומען און שיינע געביידעס. עס באַווייזן זיך שיינע העמהער און טריקאָטאַזש געשעפטן, פאַרשידענע שטילע און נאָך שטילערע גאַסן וועלכע מאַכן אַ גאַנץ פיינעם איינדרוק.

די שפּראַך איז דאָ פלעמיש, די פלעמער פעסטער און ברייטער ווי די פראַנצויזיש רעדנדיקע בריסעלער און די מאָנומענטן, שטאָט'שע איינריכטונגען, קירכעס, אַלץ מאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק.

ביים פּאָרט איז אַ ביסל מער רירעוודיק ווי אין אַנדערע טיילן פון שטילן אַנטווערפּן. דאָ אין די קליינע קאַפעען זעט מען מאַטראָזן פנימער פון פאַרשידענע וועלט טיילן, אָבער עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן זיך דאָ רואיקער פאַרהאַלטן ווי אין אַנדערע פּאָרט־שטעט.

די טונעלן אונטערן וואַסער און די אַנטווערפּענער אונטער־שטאָט, דאָס אַלץ מאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. אָבער דער לעבעדיקסטער און ריינסטער צענטער בלייבט אַלץ אַרום גאַר צענטראַל.

* * *

יידישע געשעפטן וואַרפן זיך אין די אויגן באַלד ביים אַרויסשטעלן אַ פוס אין שטאָט אַריין. אָבער ערשט ווען מ'קומט לינקס פון וואָקזאַל טרעפט מען זיך אָן מיט דער יידישער דימענטן־בערזע. הונדערטער יונגערע און מיטליעריקע יידן מיט בערד און אָן בערד. זיי רעדן אין אַ מין דייטשמערישן יידיש. זיי טראָגן זיך אַרום מיט „פּרובקעס", שאַצן און באַטראַכטן פאַרשיזענע ברילאַנטענע אויסאַרבעטונגען וועלכע ווערן דורך יידישע אַרבעטער געשליפן און געפּוצט אין הונדערטער קלענערע און גרעסערע דימענטן שליפעריַיען אין אַנטווערפּן.

שבת ווערט די בערזע כמעט ווי מיט בישוף אָפּגעליידיקט. דאָס יידישע „פרומקייט" האָט די מאַכט אין אַנטווערפּן. עלטערע יידן מיט בערד און טליתים לויפן דאַווענען. אַלץ אַזוי נאָכגעמאַכט די וואַרשעווער נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער.

אַ מערהייט מעקלער האָבן צייט צו פאַרברייגגען שבת ביי ווייב און קינד, און פיל יונגעלייט פילן אָן די אַנטווערפּענער קאַפעען, מישן זיך אויס מיט די גוטמוטיקע פלעמער, אויסער די פרומערע וועלכע זיצן אין יידישע רעסטאָראַנען ווו אַלץ ווערט סערווירט „שטרענג כשר".

פאַרשידענע סאָרטן הענדלער, מנחם־מענדלס און אַרבעטער טרעפט מען אין די יידישע רעסטאָראַנען, ווו זיי פירן אַ זאַט לעבן אין אַנטווערפּן.

יידישע ביכער, יידישע צייטונגען פון אַלע עקן וועלט אין אַלע שאַטירונגען אַזוי גוט ווי אויף דער בעלגישער און פלעמישער גאַס, פרייהייט פון וואָרט און שריפט. דאָס לעבן אין בעלגיע זעט אויס דערטרעגליך.

האלאנד

7 אויגוסט. זונטיק 8.40 פרי. דער צוג פירט דורך „עסען" קיין ראָטערדאַם. אַ וועג מיט פעלדער און וואַסערלעך, אַ לאַנדשאַפט אַ פלאַכע און זאַפטיקע און באַווייזט זיך שיינע גרויסע פאָרט שטאָט ראָטערדאַם.

ראָטערדאַם איז ריין מיט געשמאַק און פאַרנעם. שטילע זאַטע פנימער פון אַרום קומען זונטיק באַזוכן די שטאָט. גאַנצע פאַמיליעס שיפן זיך איבערן וואַסער, איבער קאַנאַלן, מ'פאָרט באַזוכן אַרומיקע שטעטלעך. אַ שטאָט מיט איבערגעוואָרפענע בריקן, מאָדערנע געביידעס און קאַפעען, אַלץ מאַכט אַזאַ שטיל באַשיידענעם איינדרוק.

דער וועג פון ראָטערדאַם ביז אַמסטערדאַם איז מיט אָן אַ שיעור פעלדער, וועלכע זענען „באַפלעקט" פון שוואַרץ־געלע, ווייסע, פאַשענדע קי, פאַרשידענע ספעקטן און שיינע פיינע שטעטעלעך, אַלץ אַזוי ריין און ציכטיק.

אמסטערדאם

7 אויגוסט. אַ קינסטלעריש געבויעטער וואָקזאַל פירט צו צו בריקן וווּ אונטער די פיס לויפט אַ וואַסער, אַרום און אַרום טונקען זיך געביידעס אין דעם נאַסן באָדן, און פונדערווייטנס באַווייזט זיך אַ שטאָט מיט פאַרנעם.

אַ לאַנג צעצויגענע האַנדלס־גאַס פירט באַרג אַראָפּ, שפּאַנט און שלעפּט מיט אָן אַ שיעור געסלעך מיט געשעפטן און מענטשן אויף ראָווערן. קאָלירטע קליידער, פרייליכע פנימער און שוואַרץ טונקל באַהאַנגענע פאָליציי־לייט, קליינטשיקע ליליפוטן און דיק־ברופטיקע פרויען, חברה מיט געזאַנג, אַלץ איז קאָלירפול, פריי און אַנציענד.

שוי־פענסטער מיט פאַרשידענע לינקע און רעכטע ביכער אין אַלע שפּראַכן און די האָלענדישע קעניגין און פרינצעסין אינדערמיט. קאַפעען, האָטעלן מיט גלאַנץ און חשיבות, ניט צופיל שרייענדיק, ניט מיט אויסערליכער באַרימערייִ נאָר מיט אינעווייניקסטער מאָסיוקייט, קינסטלערישקייט און רייכע זיכערקייט.

אַ געזונט געבויעטע יוגנט מיט עטוואָס שטרענגע געזיכטס־שטריכן

און פּרוּוּען מיט ברייטע פּלייצעס און נאַטירליך מילדע פּנימער.

קינאָס און קאָלירטע רעקלאַמעס שמייכלען איבער דער גאַנצער לענג פון דער רירעוודיקער „קאַוואַרסטראַט" גאַס, וועלכע איז פאַרנומען פון פוסגייער, אַ באַלאַגערטע גאַס פאַרענדיקט מיט אַ סקווער פון וועלכן עס קוקט שטאָלץ אַרויס רעמבראַנדט כאָטש דערלאַנגט אים מאָלערישע געצייג וועט ער מאָלן אַ פאַרכאַפּנד לעבעדיק בילד פון אַמסטערדאַם.

זונטיק אָוונט איז נאָך לעבעדיקער ווי בייטאָג. די פאַרקויפער פון הערינג און די עלטערע לייט פאַרשווינדן. די קרומע געסלעך נעבן וואָקזאַל ווערן פאַרפלייצט פון זשאַז־מוזיק, אַלטע און מאָדערנע טאַנצטענער ווערן צעפלאָסן איבער קאַנאַלן, מאַטראָזן, ווילדע יונגען און דינע געפאַרבטע פרויען לאָזן זיך אין די צנדליקער אַריין צו די האַלב פאַרהאָנגענע טירן און שאָטנדיקע כוואַליעס פאַר'גנב'ענען, בעטן, רייסן און שוועבקען אונטער די קאַפּע געביידעס, זיי ווילן אויך כאַפּן אַ בליק און אפשר זיך פאַרווילן אין מאַטראָזן־געזעלשאַפט.

8 אויגוסט. שיפלעך פירן צווישן קאַנאַלן און שלענגעלדיק זיגזאַגן וואַסערדיקן וועג וועלכע ווערן פאַרשטעלט ניט אַדורכגעלאָזט, פון הייזער, אַלטע שלעסער, קירכן און אינזעלעך שטייען אַזוי די שטיקער מענטשליכע קולטור און געשיכטע פון פערצענטן, פופצעגטן און זעכצענטן יאָרהונדערט, זיי ווילן ניט אָפּטרעטן, קוקן זיך צו ווי עס וואַקסט אויס אַ ניי אַמסטערדאַם אין אַ נייער קאָמבינאַציע.

פאַראַנקערטע שיפן פון דער גאַנצער וועלט, דער האַפן זעט אויס ווי אַ וואַלד פון שיף בוימער, עפּעס ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געצויגן קיין אַמסטערדאַם.

די יידישע אונטערגאַסן מיט מעבל־געשעפטן און קליידער זענען אין אָוונט איינגעשטילט. ברייטע יידישע ווייבער זיצן פאַר די טירן און יונגע שלאַנקע יידישע מיידלעך מיט חנ'ודיקע שוואַרצע אויגן און סאַמעטענע קעפּלעך, גלייכע שמאָלע נעזלעך, פאַרמאָגן אַזאַ צוציענדע קראַפט, זיי דערמאָנען אין שפּינאָזאַ, אָבער די זענען ניט בלאַס אויף די פּנימער.

זיי רעדן אויך האָלענדיש צוגלייך ווי אַלע אַנדערע און שפּאַצירן לאַנגזאַם נעבן די מאַמעס וווינונגען, אַט ווי יידישע מיידלעך אין קליינע שטעטלעך אין פוילן פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן.

אַמסטערדאַם זאָגט צו צו זיין אינטערעסאַנט און פילפאַרביק.

קיין האַמבורג

9 אויגוסט. אויף מיין וועג צו דער דייטשישער גרענעץ פאַרבינד איך אַ שמועס מיט אַ יונג האָלענדער פּאָרל. ער אַ לערער וויל בעסער רעדן מיט מיר וועגן אַגריקולטור ווי וועגן סאָציאַל פּאָליטישע פראַגן. בלויז דאָס: „זיי (די נאַציס) האָבן געליטן אַ מפּלה ביי די לעצטע וואַלן אין האָלאַנד" איז זיין ענטפער אויף מיינע פראַגן וועגן נאַצי פּראָפּאַגאַנדע אין האָלאַנד, אָבער ער גיט שנעל צו האַלב צעשראָקן: „איך פאַרנעם זיך ניט מיט פּאָליטיק"...

וועלדער, פעלדער און קי, שיינע הייזער, אָפּגעשניטן קאָרן און אַזוי פיל היבער, אַ רחבדיקער וועג אויסגעשפּרייט מיט שטילקייט און רו. און אָט ווי דער צוג שטעלט זיך אָפּ איז ווי מ'וואָלט אויף אונז אָנגעפאַלן, אַ מחנה יונגען מיט שטיול און שוואַרצע אוניפאָרמען, האַקן־קרייץ בענדער און שטרענגע פּנימער, דאָס אַלץ אין אַ רירעוודיקן טומל דערציילט אַז מיר זענען ביי דער דייטשישער גרענעץ.

מען רעווידירט, מען רעגיסטרירט, מען איז ביי זיי אין די הענט...

אַלע אָטעמען אָפּ ווען מ'הערזעט צוריק פעלדער און וועלדער, די באַרגיק שיינע געגנט און די זון פּרובירן פאַרטרייבן דעם טומל פון דער שוואַרצער ס.ס. ביי דער גרענעץ.

פון אָסנאַברוק רירט דער צוג גלייך קיין האַמבורג און איך בין צווישן בלויז „אַריער" אין וואַגאָן. אַ פרוי העלפט געפינען פּלאַץ פאַר מיין וואַליזע און ווער פאַרוואָרפן מיט פראַגן צי איך בין אַ פאַריזער און „צי די פרויען אין פאַריז גיבן זיך אָפּ מיט שוואַרצע מענער"...

אַ יונגער 14־יאָריקער יאָט וואָס אַרבעט שוין אַלס לערן־יונג צייכענער אין אַ העצער פאַבריק רוקט זיך צו נענטער ווען ער הערט רעדן פון פאַריז. מיט שיינענדיקע אויגן וויל ער וויסן ווי אַזוי עס זעט אויס די ווייטע שטאָט וועלכע ווערט גערופן מיט אַזאַ אָנציענדן נאָמען ווי פאַריז.

ביי דער צווייטער זייט פון וואַגאָן־פענסטער זיצן צוויי מיידלעך מיט טונקעלע האָר, איינע מיט לאַנגע צעפּ, עטוואָס פאַריסן נעזל, און די צווייטע אַ שיין געבויטע מיט אַ „יידישער" שיינער נאָז און שיינע געזיכטס־שטריכן, ביידע פון אַ יאָר 18־19.

אַ עלטערער דייטש מיט אַ לייזיקן קאָפּ און געזיכט אַלאַ שטרייכער ווילט זיך מיט די צוויי מיידלעך און ער ווייזט זיי פאַרשידענע „קונצן" מיט שוועבעלעך, גיט זיי צו טרעפן רעטענישן און אויפגאַבן ביי וועלכע די צוויי מיידלעך לאָדן מיך איין צו נעמען אָנטייל.

איך שפּיל מיט, לאָך מיט, לאָז זיך מכבד זיין פון דייטש מיט אַ ציגאַר און די פרוי נעבן מיין זייט נעמט מיר דערציילן און ווייזן פאָטאָגראַפיעס פון אירס אַ געראָטענער און שיינער טאָכטער, אַ קאָרעספּאָנ־

דענטין אין אַ פירמע, און איך פּאַרגעס אינגאַנצן, אַז איך בין אַ ייד, כ׳געפין זיך אין 1938 צווישן דייטשן אין דייטשלאַנד.

און אפשר זענען די אַלע נעבן מיר, די פריינדליכע מילדע פּנימער אין אַנדערע וואַגאַנען, אַט יענער רייכס־אָפיציר מיט דעם אָפּגעקנעפּלטן שינעל פון אונטער וועלכן עס זעט זיך אַרויס אַ מענטשליך ציווילע ווײַ־סע העמד, אפשר זענען זיי גאָרניט קיין דייטשן, קיין אַריער?

אַזוי ביז 7.45 ב. מ. די מיידלעך זענען שוין מיט מיר גוט באַפריינ־דעט. זיי ווינקען זיך מיט מיר אויפן חשבון פון גראָבן וויצלער. עפּעס דאַכט מיר אַז כ׳בין אַ גלייכער מיט גלייכע...

עס באַווייזט זיך האַמבורג. יעדער נעמט זיין בינטל זאַכן און די צוויי מיידלעך שלעפּן אַראָפּ רוק־זעק און טוען אָן ספּאָרטאָווע מאַרי־נאַרקעס מיט ריזיקע האַקן־קרייצן אויף די אַרבל. דאָס הייסט זיי זענען אָנפירערקעס פון היטלעריסטישער יוגנט...

כ׳ווער יידיש געשטימט. אַט די גאַנצע וואַגאָן־פריינדליכע וועלט איז אַ צווייטע וועלט. כ׳מייד אויס זייערע בליקן און שאַר זיך צו אַ טיר. עפּעס אומעטיק שלעפּ איך מיינע פיס דורכן ריזיקן הויפּט וואָקזאַל צו דער שטאָט, פאַר מיינע אויגן שטייען צוויי מיידלעך מיט מענטשליכע פּנימער און מאַניערן מיט האַקן־קרייצן.

האמבורג

אַ באַשיידענער האָטעל אָן היטלערס בילדער, ווו די באַלעבאָסטע שמייכלט העפליך און ווינטשט מיר „פיל פאַרגעניגן״ ווען איך גיי באַ־זוכן די שטאָט. אָבער ביים אַרויסשטעלן אַ פוס אין שטאָט אַריין איז אַחוץ ביר הייזער און ביר־קעלערס מיט געשעפטן און אויטאָמאָטן „באַ־דינט אייך אַליין״ שרייט דער „שטורמער״ אַראָפּ פון יעדן ראָג. ער איז מיט שטורם פאַנאַנדערגעקלעפּט, מענטשן זאַלן זיך אָנעסן מיט יידן־גיפט.

10 אויגוסט. ביים אַריינבליקן אין פרימאָרגן צייטונג צו זען דעם קורס פון ענגלישן פונט, זע איך איצט פאַרוואָס ביים אַריינקומען קיין האַמבורג האָט מיר אַלץ אויסגעזען פיל ביליקער ווי פאַראַיאָרן אין דייטשלאַנד. דער באַאַמטער וואָס טוישט אויסלענדיש וואַליוטע האָט מיר איינגעצאָלט 23 מאַרק פאַר 1 ענגלישן פונט... (ווייזט אויס אַז מ׳הערט אויף צו קענען רעכענען אָדער ציילן אין דייטשלאַנד).

דער האַמבורגער האַנדלס־צענטער איז אַריינגעפלאָכטן צווישן קירכן און מאָנומענטן. דאָס לעבן גייט אָן באַוועגליך, די געגנט איז ריין

מיט געשמאַק. עסנוואַרג און פרוכטן פון אַלע מינים (אויסער פוטער). אָבער אַלץ איז טייער. פרויען און מענער זען אויס ריין, דיקליך און געזונט, מאַכן אַ נאַטירליכן איינדרוק.

דאָ אין האַנדלס־צענטער איז פאַנאַנדערגעקלעפט „פאַראַל דער וואָכע" געווידמעט קעגן וואַטיקאַן פאַרוואָס ער נעמט זיך אָן פאַר יידן: „ער זעט ניט ווי קירכעס ברענען און נאָנעס זענען ערמאָרדעט אין שפּאַניע, ער זעט נאָר אָרימע יידן"...

הערביי ווערן ציטירט שטעלן פון גלחים וועלכע דריקן זיך אויס קעגן יידן און הער פלאַקאַט פאַרענדיקט: „מיר וועלן ניט אָפּטרעטן פון ראַסן־האַס". דאַרף איך שוין אָפּפאָרן פון דאַנען, וואָס? שטייט אָבער נעבן מיר אַ יונגער דייטש און לייענט, מיר לייענען צוזאַמען און ענדיקנדיק גיט ער צו עטליכע ביטערע און איראָנישע ווערטער אויפן אַדרעס פון „פאַראַל דער וואָכע" און פאַרשווינדט, פליט אַוועק אויף זיין ראָוער. הייסט עס, איך מעג נאָך אַ ביסעלע בלייבן...

דער געגנט פון „שפּילבאָדן־פּלאַץ" איז רוישיק. בולוואַרן, קינאָס, קאַפעען, רעסטאָראַנען און טעאַטערן. אַלץ שרייט מיט ליכט, מוזיק קלאַפּט און יונגוואַרג טאַנצט. די בייערישע ביר האַליעס און קאַפעען באַנוצן ספּעציעלע „אַריינשלעפער", שיין פאַרקעמטע דינער און איינרעדער בעטן, כאַפּן אָן ביי דער האַנט, ווילן אַריינשלעפן.

דאָ באַמערקט מען פיל קליינשטעטלדיקע טיפּן און פיל סאָלדאַטן און צום אינטערעסאַנטסטן, די מערהייט סאָלדאַטן זענען גאָרניט גרויס און ניט פעסט געבויעט, זיי זענען דראָבנע און קליין, דערמאָנען די איטאַליענישע סאָלדאַטן אין די איטאַליענישע פּראָווינץ שטעט.

דער טייל האַמבורג מיט די פאַרוויילונגס און שפּיל פלעצער מאַכט אַ ביסעלע פאַרגעסן אַז מ'געפינט זיך אין היטלער דייטשלאַנד.

אַלטאָנאַ געגנט איז אַ ביסעלע ווייט פון צענטראַלן האַמבורג. די פּנימער פון די אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע זען אויס פיל אויסגעמאַטערטער און ביטערער ווי פון די אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע אין אַנדערע טיילן פון האַמבורג. דאָ טרעפט מען ניט קיין אַרבעטסלאָזע שפּילן אין קאָרטן (אויף גראָשנס) ווי אין פאַרשידענע גערטנער און סקווערן. דאָ קוקט אַרויס האָרעוואַניע און נויט פון אַרבעטער טירן און פענסטער, דאָ טרוקענען זיך שטיקלעך וועש און אַרבעטער פרויען מיט מידע אויסגעלאָשענע אויגן קוקן אַזוי אַפּאַטיש.

דאָ ווי אַרום האָפן זעט מען פעסטע אַרבעטער מוסקולן און כמעט ווי גאָרניט קיין נאַצי אָפּצייכנס אין די לאַצן, קיין האַקן־קרייצן אויף אַ רפואה. פון דאַנען ווי ביים גרויסן האָפן מיט די טויזנטער אַרבעטער קוקט אַרויס שטילע פאַרביטערטקייט, דאָ זען אויס ווי פרעמדע די טעקע לייט, און מענטשן מיט בייכער, וועלכע טראָגן האַקן־קרייצן.

11 אויגוסט. די אַרבעטסלאַגע אין די גערטנער שפּילן ווידער אויף גראַשנס און די יונגע און מיטליעריקע מענער פאָלגן גאַרניט די אויפרופן אויף די ווענט וועלכע רופן צו „דרינגענדע פעלד אַרבעט”. זיי, די אַרבעטסלאָזע און לײדיק־גייער, פאַרמאָגן אַזעלכע איראָנישע מינעס און ווען די שפּיציקע ס.ס.־לייט שטעכן זיי דורך מיט בליקן מאַכען זיי זיך קוקן אין הימל אַריין און דערנאָך שאַצן זיי וויפל די קליידער און גלאַנציקע שטיוול פון די שטורם־יונגען קאָסטן אָפּ. מ׳זעט ניט קיין יידן אין די גערטנער, מ׳זעט וועניק יידן אין די גאַסן. יידישע פּנימער כאַפּן אַוועק זייער בליק, ווען מען קוקט זיי אָן.

אין הויפּט וואָקזאַל שטייט אַ גרופּע פון יידישע חברה, יונגלעך פון 12־10 יאָר אַלט, מיט טונקעלע האָר און שוואַרצע רירעוודיקע אויגן און אויסגעדאַרטע הענט און פיס, פיל דאַרער ווי ביי אַלע אַנדערע קינדער אין האַמבורג.

צוויי אַ ביסל עלטערע בחורים מיט אַ יידיש־פּוילישן אויסזען פירן אָן מיט די קלענערע, זיי דאַרפן ערגעץ צופאָרן, צו אָדער פון אַ אויספלוג. די יונגע יאַטן האַלטן זיך פריי אָבער מיט צוריקגעהאַלטנקייט. אַ „יידישע באַוווסטזיניקייט” ליגט אין זייערע יונגע אויגן און טוט האַמעווען זייער באַטירליך קינהערשע רירעוודיקייט. זיי קוקן זיך אַרום מיט אַ ביסעלע שרעק און רעדן שטיל, שעפּטשען סודותדיק.

די דורכגייענדע „אַריער” וואַרפן אַ בליק צו דער טונקעלער גרופּע קעפּלעך מיט נייגיר, און מיט אַ פראַגע־צייכן „ווו קומען זיי אַהער ?” אָבער עס באַמערקט זיך ניט קיין ספּעציעלע פיינטשאַפט אפילו ניט ווען אַ יידיש נעזל בליקט אַריין צו אַן אַריער אין צייטונג.

אָבער די גאַסן ראַגעס מיט דעם פאַנאַנדערגעקלעפּטן „שטורמער” ווו טייל שטעלן זיך אָפּ, בליקן דורך די העסליכע בילדער און געשיכטעס וועגן יידישע קראַנקהייטן, רויב און שווינדל אין אַזעלכע עקלהאַפטע קאַריקאַטורן און ווערטער, דאָס מאַכט שטוינען : מ׳רייצט אָן 65 מיליאָן מענטשן אויף 4־5 הונדערט טויזנט, וואָסער סאָרט קולטור און ציוויליזאַציע איז דאָס ?

קאָפּענהאַגן (דענמאַרק)

12 אויגוסט. אַ פֿײַנער פֿרימאָרגן. כ׳טרונק 2 טעפּלעך מילך צו 10 פֿעניק און גאַנץ פֿרי פֿאַרלאָז איך האַמבורג. דער וועג דורך לובעק־וואַרמונדע איז פֿול מיט פֿעלדער און וועלדער. פּאַסאַזשירן שטײַגן אײַן און אויס, אײַנער באַגריסט מיך מיט היטלער־גרוס ביים אַרויפֿקומען און אַראָפּגיין.

12.30 רירט די שיף לאַנגזאַם איבער אַ טונקל בלאָען וואַסער ווו עס קרייצן דורך שיפֿן פֿון אַלע זײַטן.

אַ בערלינער צוג מיט די קאַפּיטעס און אויטאָבוסן, אויטאָס, אַלץ איז אַזוי געדולדיק אומבאַוועגליך אויפֿן שיף, אַלץ וויל אַריבער דעם וואַסער צוזאַמען מיט אַ פֿאַרשידנאַרטיקן מענטשן מאַטעריאַל, פֿון דראַבנע פֿרויען און קינדער מיט שוואַרצע אויגעלעך און באַוועגליכע הענטלעך וועלכע רעדן אַ מין פֿרעמדע שפּראַך.

2.30 נ. מ. באַווייזט זיך ערד און אַ באַקוועמער צוג רירט פֿון פֿאַרט דורך פֿעלדער, וועלדער, קאָרן, קי, און שטעטלעך. ריינע זאַטע פּנימער, פֿיל מענער מיט אינטעליגענטע הויכע שטערנס און מילדע בליקן. איך בין אין לאַנד פֿון אַנדערסען בעקסטע.

אַרום 5.30 נ. מ. בלייבט דער צוג שטיין פֿאַר אַ גרויסן שיינעם וואָקזאַל און עס קומט גלייך אַנטקעגן אַ ליכטיקע שטאָט מיט גלייך גע־שניטענע גאַסן.

די פּנימער און קערפּערס פֿון די דענער זענען ניט געשניטן פֿון איין שטיק ווי ביי די דייטשן. דאָ זעט מען אַ פֿילפֿאַרביקן פּנים עלעמענט, מער ענליך צו די ענגלענדער. אַ טייל ניט אַזוי שיין, אָבער אַ טייל (הויפּטזעכליך פֿרויען) מיט צוציהונגס־קראַפֿט. אין דער דענישער שפּראַך געפֿינט מען פֿיל ענגלישע, דייטשישע און פֿראַנצויזישע ווער־טער. דאָך פֿאַרשטייענדיק די דריי שפּראַכן קען מען נאָך גאָרניט פֿאַר־שטיין דעניש.

קאָפּענהאַגען ווי פֿיל אַנדערע גרויסע שטעט צייכנט זיך אויס מיט אירע דענקמעלער און אַלטע קירכעס, מוזעאומס און טעאַטערן. אַ באַזונ־דערן רייץ פֿאַרמאָגט אָבער די שטאָט מיט איר אויטאָמאַט־קאַפֿעען ווי אַלע מינים עסנוואַרג ווערן „דערלאַנגט" אויטאָמאַטיש, ווו דאָס עסן איז אַזוי געשמאַקפֿול.

פֿיין קינסטלעריש באַאַרבעט זענען אָט די קאַפֿעען־ווענט, שטיקער לעבעדיק דאָרף און שטאָט־פֿייזאַזשן, טייל מיט דעם לעבנס־שטייגער

פון ווייטע לענדער און פעלקער קוקן אַראָפּ פון יעדן ווינקל.

די טעכניק און פּראָדוקציע זעט אויס אַ גאַנץ שוואַכע אין פאַרגלייך מיט לאָנדאָן, בערלין, פּראָג אָדער פּאַריז.

לענגאויס דעם קאַנאַל וואָס שניידט דורך דעם האַנדלס־צענטער זיצן הונדערטער פרויען מיט ווייס איבערגעדעקטע קעפּ. פונדערווייטנס מיינט מען אַ נאָנען־פּראָצעסיע, אָבער צוקומענדיק נענטער טרעפט מען האַרעפּאַשנע פרויען וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פיש האַנדל.

ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן, פּונקט ווי פיל קליידער און שיך וועלכע קומען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, אַזוי מיט קולטור, פיל איבערזעצונגען און אין אָריגינאַל, די נייעסטע אויסגאַבן פון ראַדיקאַלע און רעכטע שרייבער. אַ מערהייט הענישע ביכער זענען דעטעקטיוו־געשיכטעס, און „געפּעפּערטע" ראָמאַנען מיט „אָנציענדע" היליעס.

פּאָליציי אין „געגנעראַלסקע" מונדירן רעגולירט די באַוועגונג, אָבער ניט די פוס־גייער דאַרף מען רעגולירן, וועלכע וואַרטן, וועלן ניט איבערגיין די גאַס ביז וואַנעט עס וועט זיין צייכן ניט, די עטליכע טראַמוואַיען און אויטאָבוסן דאַרף מען רעגולירן, רעגולירן דאַרף מען די „פויגל" אויף ראָווערן.

אַ שטאָט גייט אויף רעדער. ווו מ'גיט זיך אַ דיר, ראָווערן, ראָווערן אין די צענדליקער, הונדערטער און טויזענטער נעבן פאַבריקן, געשעפטן, אונטערנעמונגען. אַלע ווענט זענען געמאַכט כדי אָנצושפּאַרן, אַוועקשטעלן ראָווערן.

אַלט און יונג אויף ראָווערן צו דער אַרבעט, האַנדל, קויף, איינקויף און ביינאַכט צום ראָטהויז ווו יונגוואַרג קומט כאַפּן אַ שמועס.

גאַנצע רייען רעדלעך וואַרטן אויפן גאַסן־צייכן, ווו דער „געגנעראַלסקער" פּאָליציי־מאַן זאָל געבן אַ מאַך מיט דער האַנט און זיי לויפן, פליען ווי פויגל אויף אַ געיעג, ביז וואַנעט זיי ווערן אָפּגעהאַלטן פון אַ צייכן, אין אַ צווייטער גאַס.

אינדערפרי און ביינאַכט ווען די צענדליקער טויזענטער ראָווערן קומען אָן פון אַלע זייטן דאַכט זיך אַז קאָפּערניק האָט אַ טעות געהאַט, קאָפּענהאַגען שטייט אויף איין אָרט, די דענער דרייען זיך...

טיוואָלי־גאַרטן

זונטיק פרי איז קאָפּענהאַגען שטיל און געשלאָסן. דאָס ערשטע שפּאַצירט אַרום די זון, באַטראַכט די קירכן און מאָנומענטען, און דערנאָך קומען איינציקווייז פאַרשידענע טוריסטן און פּראָווינצער וועלכע וואַרפן מטבעות אין די אויטאָמאַט־קאַפּען.

דער טיוואָלי גאָרטן ניט ווייט פון צענטער שטאָט ווערט זונטיק פרי געשפּריצט און ריין געמאַכט און נאָכמיטאָג נעמט דאָס פאָלק שטראָמען אַהין. טויזנטער פאַמיליעס פון אַלע עקן שטאָט פילן אָן די קאַפּעען און באַלאַגערן די פאָנטאַנען און פאַרוויילונגס־פּלעצער.

אַ דעפּיליאַדע פון „קעניגס אַרמיי", יונגע חברה אָנגעטאָן אין קאַ־לירטע מונדירן, פּוטערנע היטלען מיט מוזיק און אַ קאַרעטע מיט צווי יונגע קינדער „קעניג און קעניגין" קרייזן אַרום עטלעכע מאָל דעם גאָרטן ווו דער עולם קוקט מיט נייגעריקייט. אַ אָפענע סצענע ווו עס ווערט געשפּילט טעאַטער און פאָלקס־טענץ מיט אָריגינעל היסטאָרישע קאָסטיומען און אַ באַזונדערער פּלאַץ פון לייכטע אַטלעטיק און אַקראָ־באַטישע שטיק ווו הונדערטער מענטשן קוקן אַרויף.

אַזוי צוביסלעך ווערט דער גאָרטן פאַרוואַנדלט אין איין פאַרווײ־לונגס־שטיק מיט פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון פרייד און געלעכטער לויט דער לעצטער מאָדערנער איינריכטונג.

אָבער צווישן די מאָדערנע טעכנישע שפּיל איינריכטונגען זעט מען נאָך אַזעלכע האַלב פאַרצייטישע און קינדערשע ווינקלען ווי צום ביי־שפּיל מ'לערנט זיך ברעכן טעלער און דער גרעסטער ברעכער באַקומט אַ געשאַנק און אַפּלאַדיסמענטן. (ביי יידן וואָלט אַזאַ בחור געדאַרפט אין קורצן חתונה האָבן...)

יונג און אַלט שטיפט, פאַרברייגגט און ווילט זיך ביי רייך אילו־מינירטע עלעקטרישע לאָמפּן. עס שלעפט און ציט אַריין, מ'קען ניט פאַרבלייבן קיין אויסנאָם.

כ'ווער אויך איינער פון דעניש פאָלק און צוזאַמען מיט אַ אומבאַ־קאַנטן דענישן יונגעמאַן זעץ איך מיך אין אַ מאָטאָר שיפל, כ'וויל אים פירן איבערן קליינעם וואַסער. ער לערנט מיך, פּרובירט ערקלערן, כ'פאַרשטיי קיין וואָרט ניט. ער נעמט איבער, פירט געניטער און רעדט, רעדט, דערציילט, כאָטש גיי ענטפער אים אויף טערקיש...

אַרום 12 ביינאַכט ווערט דער גאָרטן פון פאָלקס־פרייד און פאַר־ווײלונג פאַרענדיקט מיט שיסן פייערווערק צום הימל און דער עולם גייט זיך פאַנאַנדער.

באמת מקנא צו זיין אַזאַ פּשוט און געזונט פאָלק.

15 אויגוסט. דער צוג שאַרט זיך אַרויס דורך וואַקזאַלן ביים האַפן, לאָזט איבער פאַבריקן, שיפן, סעדער, און שטעטלעך, וועלדער און פעל־דער מיט אָפּגעשניטן קאָרן. אַ רייכע און זאַטע ערד אַרום קאָפּענהאַגען.

15־10 מינוט מיט'ן וואַסער ביז העלסינגבורג ווו מ'קאָנטראָלירט דאָקומענטען און באַגאַזש און ווו מ'דאַרף אויספילן אָנפראַגע־בויגנס. אַן עלעקטרישער צוג מיט אַלע באַקוועמליכקייטן פירט דורך אַ פּראַכט־פולע געגנט לענגאויס דעם וואַסער ביי „באַסטאַד". באַרגיק, וועלדער

און קאַליפּאָרניע פעלדער מיט שיינע הייזער אַלץ אַזוי ווי מיט כּישוף אויסגעשפּרייט ביים ברעג פון שטיל־פּאַסיפיקן וואַסער ווו פון דער צווייטער זייט קוקן אַריבער בערג־שפּיצן און פעלדער מיט קאָרן אָן אַ שיעור.

פאַמיליעס פאָרן פון זומער וווינונגען, אָפּגעברענטע לענגלעך סימפּאַטישע פּנימער, האַלטן זיך שטיל ווי ענגלענדער, פּרויען שטריקן, און מענער לייענען צייטונגען. אַלץ איז אַזוי מחיה׳דיק און רואיק. באַמערקט אַ שלאַנק ליבליך מיידל בעבן מיין וואַגאָן פענסטער דאָס אַ אויסלענדער איז זיך מחיה מיט איר שוועדישער באַטור אַרום, ווערט זי אויך באַגייסטערט און נעמט דערציילן אין ענגליש און אויף דייטש וועגן שוועדישן לעבן און פאַרגלייכט דאָס מיט אירס אַ יאָר איינדרוקן פון איר שטודיום אין לאָנדאָן.

„ניטאָ ביי אונז קיין אָרימעלייט", זאָגט די סטודענטין מיט שטאָלץ.

איך באַטראַכט אַ טייל פון די ריזיקע שטחים ערד און וועלדער וועלכעס שוועדן מיט די 6 מיליאָן איינוווינער פאַרמאָגט און פאַרשטיי ניט וואָסער חכמה איז ניט צו האָבן געגנוג ביי אַ עטוואָס דעמאָקראַטישע איינריכטונג.

אין גוטענבורג רוט דער צוג 20 מינוט. די באַקאַנטע פאַרשווינדט און ס׳הויבט זיך אָן אַ פרישער וועג מיט וועלדער און פעלדער. אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ קורצן דרימל זע איך אַז דער טאָג איז מיר ערגעץ אַנטלאָפן און מער ניט איבערגעלאָזט ווי געציילטע שטערן מיט טונקעלע וועלדער און די נאַכט נוצט דערוויל אויס די געלעגנהייט און גנב׳עט זיך אַזוי שטילינקע אַריין אין די וואַגאָנען ביז עס ווערט 10 אָוונט ווו רעקלאַמעס אַזעלכע גרין־רויט שרייענדיקע פון האָטעלן און פּראָדוקציע אויסאַרבעטונגען שרייען אַריין אין די וואַגאָן פענסטער. שטאָקהאָלם איז דאָ!

שטאָקהאָלם

אַ גרויס שיינער וואָקזאַל און ביים אַרויסשטעלן אַ פוס אין שטאָט אַריין טיילט איינער איין נומערן די פאַרזאַמלטע שאָפערן, ווו יעדער קריגט פּאַסאַזשירן לויט אַ ריי.

די שטאָט מיט האָטעלן און געשעפטן זעט אויס פאַרשלאָפן שטיל און קיין ביליקן האָטעל צימער איז ניט אַזוי לייכט צו פּאַקן. איבערגעוועקט ערגעץ אַ יונג מיידל וועלכע רעדט ניט קיין שלעכטן ענגליש און פאַרדינגט מיר אַ צימער פאַר 4 קראָן, ווי פאַר׳ן שלאָפן באַמערק איך אַ

נאָטיץ: „די געסט ווערן ערנסט געבעטן זיך באַקאַנען מיט די טרעפּ אין פאַל פון אַ שריפה". נו, כ'האָב מורא אויסצוטאָן די הויזן...

16 אויגוסט. כמעט די זעלבע פּנימער ווי אין קאָפּענהאַגן. די שוועדן זענען אַ ביסל שלאַנקער, האָבן מער חן און די פרויען זענען מיט מער געשמאַק אָנגעטאָן. מ'זעט דאָ פיל זילבערנע קעפּלעך ביי קינדער און יונגע מיידלעך. ס'דאַכט זיך אַז די זון שיינט דאָ אויך מיט זילבערנע שטראַלן.

שיינע עלעגאַנטע געשעפטן אויפן לאַנדאַנער און פּאַריזער שטייגער, אָבער די מערהייט אַרטיקלען זענען אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד און אַמעריקע.

אין די פּאָפּולערע מאַגאַזינען „טעמפּאָ" זעט מען פיל דייטשישע שטאָל, אייזן און שפּילצייג פאַר קינדער, אַרטיקלען פיל ביליקער אין שטאָקהאָלם ווי אין בערלין...

אַחוץ די עלעגאַנטע מוזיק־קאַפעען זען זיך אָן פּאָפּולערע „נאָרמאַ" קאַפעען מיט געשמאַקע עסנס און קעלנערנס וועלכע באַדינען אויף אַלע שפּראַכן.

די שטאָט מיט אירע בריקן איינגעטונקען אין וואַסער און גרינס איז פול מיט צויבער. גאַסן לאַנגע, שמאָלע, באַרגיקע, מיט איין באַרג, מיט צוויי, ווי קעמלען מיט הויקערס, אַלטע שלעסער, קירכעס, פּאַלאַצן, מאָנומענטן און רייען מיט נייע געביידעס לויטן לעצטן פּאַרנעם פון טעכניק. פיינע קולטור און ספּאָרט אינסטיטוציעס, אַ ריזיק קאָנצערט־הויז. דאָס אַלץ זאָגן עדות אַז די שטאָט ווערט אָנגעפירט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן. (סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן האָבן די מערהייט אין שטאָט־ראָט).

מ'זעט טאַקי ניט די אַזוי באַקאַנטע אָרימע קוואַרטאַלן פון נויט, שמוץ און ענגשאַפט וועלכע געפינען זיך אין יעדע גרויסע שטאָט פון אייראָפּע, שטאָקהאָלם זעט אויס ווי אַ אויסנאַם.

די שפּראַך איז ענליך צו דעניש. דאָ ווערט אויך פיל גערעדט דייטש און ענגליש.

ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלע ריכטונגען. די מערהייט זענען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע אויסגאַבן (קאָמוניסטישע און אַנאַרכיסטישע). פיל פון די בייעסטע אויסגאַבן רעדן פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד און שפּאַניע.

פיל אויסגעשטעלטע בילדער, אַזעלכע גאַסן־האַליעס פון גרינסן און פרוכטן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט ווי אויפן פּאַריזער שטייגער, אָבער פרוכטן זענען אין שוועדן ניט ביליק.

דער דורכשניטליכער אַרבעטס־לוין איז נאָך עטוואָס העכער ווי אין ענגלאַנד און דער דורכשניטליכער אַרבעטער זעט אויס פיל ריינער

און זאַטער ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע הויפּט שטעט.

ערנסט אינטעליגענטע פּנימער פון קליינבירגער און רייכערע לייט וועלכע מאַכן אַן איינדרוק פון געצוימטקייט און ווילן, געמישט מיט אַ ביסעלע שטייפער האַלטונג.

כאָטש דער מיטל־קלאַס דערמאַנט פּיל אין ענגלישן מיטל־קלאַס דאָך איז ניטאָ די זעלבע איינגעבוירענע העפליכקייט ווי ביי די ענגלענ־דער אָדער די וואַרימע העפליכקייט ווי ביי די פראַנצויזן. דאָ קריגט מען אַ שטופּ, אַ שטויס, אָן אַ „פּאַרדאָן״.

שטאָקהאָלם ביינאַכט איז ווי אַ אַנגעצונדענע אילומינאַציע שטאָט. די האַנדלס־גאַסן צעשיטן אַזוי פּיל קאָלירטע פייערן און די קאַפעען און קינאָס (אַ מערהייט אַמעריקאַנער בילדער) שלעפּן אַריין מיט אַזוי פיל עלעקטרישע פאַרבן. די בריקן און פּאַלאַצן פּאַרוקט אַזוי סודותדיק צווישן שאָטנדיק וואַסער, אַלץ שפּרודלט מיט פרישקייט, געזונט און ריינקייט אין רייכן שטאָקהאָלם, די שטאָט איז רייצנד און באַקוועם.

* * *

ניטאָ פיל יידן אין דער האַלב מיליאָניקער שטאָט. די יידישע גע־מיינדע (סינאַגאָגע) געפינט זיך צווישן גרויסע שיינע סקווערן וועלכע לאַכן מיט אויפגעפּראַלטע טירן און טישלעך פון קאַפעען. אין עטוואָס אַ זייטיקער גאַס שטייט זיך די געביידע מיט העברעאישע אותיות צו וועלכער עס פאַרבלאַנדזשעט קוים אַ יידיש דייטשישער פליכטלינג פון בערלין.

יידישע מיידלעך מיט עטוואָס דיקערע פיגורן ווי די צאַרטע שווע־דישע, פאַרמאָגן טונקעלע האָר און אויגן. זיי בעמען אויף אויף שוועדיש און דייטש, אָבער גיבן ניט פיל אינפאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן אין שטאָקהאָלם. מ׳קען אָבער באַמערקן יידישע געשעפטן פון יידן וועלכע לעבן שוין 150־200 יאָר אין שוועדן, זיי זענען אַלע אַסימילירט, זענען אַריינגעגלידערט אין אַלגעמיינעם שוועדישן לעבן און האַלטן נאָר אויף די שול און געמיינדע כדי זיך ניט אויסצומישן מיט די „גרינע״ פון רוס־לאַנד און פוילן.

די „פריש־געקומענע״ וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט די לעצטע 3־4 צענדליק יאָר זענען אויך עטליכע טויזנט אין צאָל. זיי רעדן נאָך צווישן זיך יידיש, פיל פון זיי זענען שוין אויך אַרויפגעאַרבעט און די איבעריקע מאַכן אַ לעבן ביי האַנטווערקעריי און קליין־האַנדל.

די „גרינע״ פילן זיך ניט היימיש צווישן די אַסימילאַטאָרן פון משה׳ס גלויבן, זיי האָבן אַ אייגן שולכל, אָבער זיי באַקלאָגן זיך אַז זייערע קינדער אַסימילירן זיך שנעל „און האָבן אפילו חתונה מיט שיקסעס״...

* * *

18 אויגוסט. דער וועג פון 8.50 פרי מיט אַ עלעקטרישן באַקווע־מען צוג וועלכער פירט קיין אָסלאָ דורך שאַרלאָטענבערג. אין שאַרלאָ־טענבערג זיצט מען איבער אויף אַ באַרוועגישן וועלכער גייט אויף קוילן, מיט פיל ווינציקער באַקוועמליכקייטן ווי אויף שוועדישע באַנען, וועלכע יאָגט איבער פיל וועלדער און לויפט דורך אַ באַרגיקע געגנט באַזעצט מיט פיל הייזער, אויך פילפאַרביק און אינטערעסאַנט.

אסלא

אַ קליינער וואָקזאַל און אַלטע קליינע הייזער קומען אַנטקעגן, האַרט ביים וואָקזאַל דער האַפן און אַ גרויסער גרינער באַרג מיט הייזער־פלעקן „לויפט" אין שטאָט אַריין גרייט אַריבערצושפּרייזן דאָס וואַסער מיט די שיפן אַרום. פאַרשידענע מענטשליכע פנימער און קערפּערס אין אָסלאָ.

זילבער בלאָנדע קעפּ און טונקעלע האָר, מיטלוווקסיקע און הויכע פעסטע ריזן וואָס „שיסן" אַרויף, פאַרמעסטן זיך מיט דעם באַרג, גייען אים איבערוואַקסן...

אַ מאַרק מיט אַ טראַמוואַי סטאַציע, שטייען עטליכע מענער און פרויען, דרשענען און צימבלען, זינגען און רופן „בענטשער צו גאָט", און אַחוץ דאָס ביסל מענטשן אַרום האָבט זיך אַז די אַלטע קירכעס, מאָנו־מענטן און הייזער, זענען אויך אַהער צוזאַמענגעלאָפן. אַלץ איז אַזוי כאַ־אָטיש אַנגעשטעלט און אַנגעוואָרפן אָן דיסציפּלין.

די נייע געביידעס זענען מאָדערנע איינגעשטעלט אין רייען אַרום נאַציאָנאַל־טעאַטער און ווי באַלד מ׳לאָזט זיך גיין גלייך אַנטקעגן דעם וואָקזאַל קומט מען צו די „בולוואַרן" וווּ איין זייט איז פאַר די שפּאַצי־רער, געשעפטן און רייזע ביוראָס און קעגנאיבער אַ סקווער מיט דרייען אויסגעשטעלטע בענק פאַר די וואָס „פאַלן" אַרויס פון מאַרש. זיצן דאָ פיל מענטשן בייטאָג און אין די אָוונטן, זיי כאַפּן אָן „אומזיסטן קוק" צום הויפּט טראָטואַר.

די יוגנט זעט דאָ אויס מער רירעוודיק און שטיפעריש ווי אין שטאָקהאָלם אָדער קאָפּענהאַגן.

ביז קיין גרויסע רייכע געשעפטן, די געשעפטן זענען ניט מיט אַזאַ גלאַנץ ווי אין די פריערדיקע צוויי סקאַנדינאַווישע לענדער, ניטאָ קיין

„פּאָפּולערע“ מאַגאַזינען און די מערהייט סחורות ווערן אויך אימפּאָר־טירט פון אַנדערע לענדער.

עס פעלן דאָ די געשמאַקע קאַפעען און רעסטאָראַנען. אַ מערהייט קוקן אַרויס ספּאָרט מכשירים פון שוי־פענסטער, כאָטש נעם קיי אַ פּאָר שיך מיט גרויסע טשוועקעס, איידער מ׳טרעפט ערגעץ צו אַ מיטלמעסי־קער קאַפע.

סחורות און עסנווארג ווי אין שוועדן און דענמאַרק, מיט העכערע פּרייזן ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, אָבער דער דורכשניטלי־כער אַרבעטס־לוין איז דאָ ניט אונטערשטעליק פון דענמאַרק און שוועדן, אַזוי אַז מ׳זעט ניט קיין נויט אויף די פּנימער און מענטשליכע וווינונגען.

ביכער און צייטונגען פון אַלע ריכטונגען. דאָ זען זיך שטאַרק אָן סאָציאַליסטישע שטרעמונגען און די פיל אויסלענדישע איבערזעצונגען פאַרנעמען פּלאַץ נעבן קנוט האַמסונס ביכער.

די שפּראַך איז ענליך צו שוועדיש און דעניש, פיל אַנגעשטעלטע רעדן דייטש און ענגליש.

די פרויען אַזוי גוט ווי די מענער פאַרשידענאַרטיק אין וווקס און פאַרב, אָבער זיי זען אויס מער לעבעדיק און צוגעלאָזן, עס פעלט זיי בלויז די געשמאַקע קליידונג פון די שוועדישע פרויען.

אין אַלגעמיין איז אָסלאָ ניט קיין גרויסע שטאָט, פיל קלענער ווי שטאָקהאָלם און קאָפּענהאַגען, דאָך זעט דער פּאַרקער אויס גרעסער אין צענטער פון שטאָט, ווייל דאָס אַריינדרייען און אַרויסדרייען פון גרע־סערע גאַסן און סקווערן מאַכט אַזאַ טראַמוואַיען טומל.

אַ בליק אין קונסט גאַלעריע און סקולפּטור מוזעאום רעדט ניט מיט אַזוי פיל אויסשטעלונגען ווי אַ פּאַריז אָדער לאָנדאָן, אָבער אייגנאַרטי־קעס צוגלייך ווי אין שוועדן און ספּעציעל די בילדער פון פישער־לעבן און נאַטור־בילדער ווי אָפּגעשניטן פון לעבן.

דאָ און דאָרט וואַרפן זיך דורך מאַלערייען פון מאָדערנער גרויס־שטאָטישער אַרבעט און נויט, אָבער ווי ניט צוגעפּאַסט צו נאָרוועגיע, ווייל אין גאַס זעט מען ניט אַזעלכע אָרימע קינדער און ניט אַזעלכע דערשלאָגענע מאַמעס.

* * *

זונטיק אין אָסלאָ איז ממש אַ שטילשטאַנד. בלויז ביים וואַקזאַל רודערט זיך מיט רוק־זעק און האַלב־נאַקעטע פיס וועלכע געהערן אַ מערהייט צו ענגלענדער. די ענגלישע טוריסטן פאָרן אַרויס צו די בערג.

נאָכמיטאָג פאָרן הונדערטער מענטשן מיט דער „האָלמענקאָלל־באַן“ דורך אויסגעהאַקטע פעלזן צווישן וואַלד און באַרג פון איין זייט און טאָלן פון דער צווייטער זייט ביז וואַנעט מ׳קומט צום העכסטן

פונקט „פּראַגנערסטערן", 14 הונדערט פוס הויך ווו אַרום און אַרום אונטן ליגן וואַסערלעך, קאַלירטע פעלדער און הייזער, אַ פּראַכטפולע לאַנדשאַפט. טייל וועלדער און בערג אַרום זענען שוואַרץ און וואַסערלעך וועלכע זען אויס גראַ מיט שוואַרצע פלעקן ערד און פינקלדיקע שטיי־בעלעך. אין די וואַסער־נעסטן לעבן טויזנטער פישער פון יאָר־הונד־ערטער און אויבן אין די האָטעלן קומען רייכע ענגלענדער און אַמערי־קאַנער רוען אין די פיינע האָטעלן און רעסטאָראַנען ווו זיי שלעפּן מיט אַזעלכע צעקנייטשטע פּרויען מיט געפאַרבטע אויגן און באַקן.

צוריקוועגס אין שטאָט אַריין באַמערק איך איינעם מיט אַ פידל וועלכער שפּילט צו קריגן נדבות, און באמת אַ פרעמד בילד, דעם ערשטן בעטלער וואָס איך באַגעגן אין די לענדער.

די שטאָט איז אַלץ שטיל, כמעט ווי זיך ניט אויפגעכאַפּט און שלאָפט איבער דעם זונטיק טאָג, מערבית וואָס אויפן מאַרק־פּלאַץ שטייען צענדליקע יונגע און אַלטע פּרויען אין אוניפאָרמען, איינע אַ געלע, אַ כוואַטסקע פירט אָן. זי טיילט יעדער איינער אַ פּסוק פון נייען טעסטאַ־מענט, זיי זינגען אַלע צוזאַמען שיינע מעלאָדיעס וועלכע ווערן באַגלייט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן. די צערעמאָניע ווערט פאַרענדיקט דורכ'ן רעגן, דער עולם צעלויפט זיך, און טונקעלע מונדירן איינגע־שטעלט אונטער פאַראַסאָלן גייען און מאַרשירן אָפּ, מיט געזאַנג.

זייער צייטונג האָבן די שיינע געזונט שמייכלדיקע מיידלעך פון „פּרעלסעסאַרמעען" ניט געקאָנט פאַרקויפן, ווייל דער זונטיקדיקער עולם איז געקומען זען פאַרשטעלונג, וויל ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע...

קיין בערגען

22 אויגוסט. דער וועג פון אָסלאָ ביז בערגען איז דורכגעהאַקט צווישן פעלזן און מ'טרעפט בערג, הייזער, ביימער, עטליכע פאַבריק־קוימענס און וועלדער.

עס קומען אָן גלייך אויסגעאַרבעטע וועגן, קאַלירטע פעלדער, מער הייזער, ביימער און וואַסערלעך. אַלץ זעט אויס ווי פון אויבן אַרונטער־געוואָרפן, און אָט טייל הייזער „עקשנים" הויבן אָן צוריק אַרויפקריכן אויבן אויף די בערג, אַלץ צוזאַמען ווי אַ פּראַכטפולער נאַטור־קאַפּריז.

ביי „האָטאָאָסעט" באַווייזן זיך ווייסע בערג־שפּיצן, דערנאָך נאָ־קעט שטיינערנע בערג אָן שניי. עס נעמט הערנאָך יאָגן מיט שטיקער שנייאיקן ווינט, אַ זאַוויערוכע, ווינטער לאַנד אין מיטן זומער און עס קומען אָן בריקן האַלב פאַרמאַכטע פאַרפאַנצערטע צווישן „פּריש־גע־

שניטענע״ נאַסע פעלזן, עפּעס ווי אַ שטיק באַן־ציוויליזאַציע וואָלט זיך אַריינגעשרויפּט אַדער די רויע נאַטור וואָלט זיך מיט אַ דינעם לוי־פּענדן פּאַס פון קולטור אַרומגעוויקלט (וויצנדיק אין וואַגאָן פּילט מען קעלט, שרעק און שטאָלצקייט. מענטש באַהערשט פאַרט די נאַטור!)

מיטאַמאָל ביי אַ סטאַציע „וואַסס״ באַווייזט זיך אַ זומערדיקע וועלט. גרינע בערג, וועלדער, הייזער און אַ בלאָ וואַסער, אַלץ געקומען צולויפן אָנקוקן די באַן און מענטשן פון „ווינטער־לאַנד״ דאָס זיי שווינדלען פאַר די אויגן מיט זייערע קאָלירטע „קליידער״ פון אַלע זייטן.

נאָכאַמאָל ווי דער צוג גנב׳עט זיך דורך שפּאַרעס און שניידט דורך, עגבערט דורך פעלזן, און אָט אַ ביסעלע פונדערווייטנס אַ פאַרזאַמלונג פון גרעסערע און קלענערע בערג מיט פאַרשידענע פנימער און פיגורן, און קליינטשיקע באַ׳חנ׳טע הייזקעס לאַשטשען זיך צו זייערע פיס און גרינע פאַרטוכער, זען אויס ווי קליינע קינדער טוליען זיך צו מאַמעס מיט ברייטע פלייצעס און הויכע קעפּ, ווילן ניט אָפּלאָזן די פאַלעס...

אין טייל ערטער פאַר׳גנב׳ענען זיך שטיל וואַסערן און גליטשן זיך דורך צווישן בערגישע פיס און מענטשליכע פינטעלעך באַוועגן זיך אויף פּיצלעך האַלץ געשניטן פון באַרגס בוימערדיקע פלייצע, מענטשעלעך וועלכע ווינען אין די קליינטשיקע הייזעלעך לעבן מיט ווייב און קינד אין אַזעלכע צווישן ריזיקע בערג, קליינע וועלטעלעך און אויף דער אי־בעריקער וועלט אַזלכע פּראָבלעמען ווי שפּאַניע און כינע...

עפּעס אַ אויסגעטראַכט לעבן פון קליינעם איינציקן מענטש צווישן גרויסע נאַרוועגישע בערג.

בערגען

אַרום 7 פאַרנאַכט נאָך 11־12 שעה פאָרן קומט מען קיין בערגען און ווי מ׳שטעלט נאָר אַריין אַ פוס אין שטאָט אַריין זעט מען ווי די בערג זענען פאַרויס פאַרלאָפן, זיי לאַכן אַריין אין שטאָט פון אַלע פיר זייטן.

גיסט אַ רעגן און איילענדיקע איינצעלנע טריט לויפן זיך פאַרבאַ־האַלטן אונטער דעכער פון שטילע גאַסן, שטייען יונגע יאַטן נעבען אַ הויף, און וואַרטן דאָס האַלב באַנעצטע דורכלויפער זאָלן זיך איינבויגן, אויפהויבן דאָס אונטערגעוואָרפענע געלט־בייטעלע, ווי זיי גיבן עס שנעל אַ צו צו זיך מיט דעם דינעם שנור, און סיי די „געפונער״ סיי די יונגע שטיפער, און דער „גרינער״ וועלכער ווערט אַריינגעשלעפּט אין דער שפּיל, אַלע לאַכן הארציק. (די חברה דערמאָנען אין די יידישע שטי־פערס אין וואַרשע).

אַרום דעם קאַנאַל איז לעבעדיק מיט שיפן און שיפלעך, עטליכע יונגע חברה פון „פרעלסעס אַרמעען“ צימבלען אויף אינסטרומענטן, איינער רעדט צו די אַרומיקע שיף און וואַסער האַרעוואַניע־פּנימער, מיט פּאַטאָס און גלויבן ביז וואַנעט אַ רעגן צעטרייבט די „הייליקע“ פּראָפּאַגאַנדע.

23 אויגוסט. דער פרימאָרגן איז דאָ עטוואָס וואַרימער ווי אין „קאַלטן“ אָסלאָ און די באַוועגונג פיל רוישיקער. די אַריינגעוואָרפענע שטאָט וועלכע קען ניט אַנטלויפן צוליב די פאַרשטעלטע בערג־„ווענט“ איז פאַרשידנאַרטיק אין בוי, און פילפאַרביק אין מענטשן־מאַטעריאַל.

פּנימער און קערפּער געבוי, באַוועגונגען און מאַניערן, פון פאַרשידענע טיילן איראָפּע. ענגלישע, האָלענדישע, סקאָטישע און דייטשישע שטריכן. אַ צונויפגעמישטע שטאָט פון הונדערטער יאָרן האַנדל, און אַריינוואַנדערונג, פון אַרומיקע לענדער ביים אָפענעם ים.

100 טויזנט איינוווינער מיט אַ גרויסן האַנדלס און שיפס־פאַרקער, אַ שטאָט מיט אַלטע הייזער, קירכעס און מאָנומענטן וועלכע שטייען פאַרוקט אין ווינקלען, שעמען זיך צו באַווייזן אין מאָדערנעם צענטער, פון פיינע געביידעס און געשעפטן וועלכע האָבן פאַרנומען דעם מזרח ביים וואַסער, און ווינקען זיך איבער מיט זייערע מאָדערנע הייזער־פּריװאַט וועלכע קוקן אַרונטער פון אַלע זייטן בערג.

אין די שמאָלע געדרייטע אַלטע געסלעך עפּעס ווי אַ זכר פון אַלטע צייטן, וווינען אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס אַזוי געזונט און פעסט גע־בויעט, און נעבן די סקווערן, פּאַרקן, קאַפעען און רעסטאָראַנען ווי אַלץ שרייט אַראָפּ לויט אַ ענגליש און אַמעריקאַנעם נוסח, איז בייטאָג גאַנץ שטיל, נאָר ביינאַכט קומט זיך די שטאָט צונויפמען.

ביינאַכט ווערט די לאַנגע „אַללאַוו קירכעסגייט“, ווי פון הימל אַראָפּ, באַפלאַנצט מיט יונג צאַפּלדיק געזונט לאַכן, און טומל, פון הונ־דערטער בחורים, און מיידלעך.

יונגע שיינע קעפּלעך און שלאַנקע בויגעוודיקע קערפּערס, גאָלד זילבערנע האָר, געאָרימט מיט טונקל און שאַטיק, וויצלען זיך און האַלטן זיך פריי, פריידיק, און נאַטירליך. זיי שטיפן, וואַרפן בליקן, באַגריסן זיך, און שליסן קאָנטשאַפט, אַרבעטער און מיטל־קלאַס קינדער זען אויס זיכער און זאַט.

און די בערג פינקלען, לאַכן און קוועלן אַז, סיי פון זייערע פאַרבאַ־האַלטענע מענטשליכע נעסטן אויבן, אויף אַלע „שטאָקן“, און סיי פון יונגענמאַן און יונגע פרוי, וואָס שטראַלן אויס דאָס גליק פון לעבן, ביי זיי צופוסנס...

פון בערגען ביז ניוקאַסל

24 אויגוסט. אַרום 11 פרי פּרובירט די שיף „וועגוס" פּאַמעליך זיך אַרויסגנבבענען פון צווישן בערג־„אַלייען", אַ וועלט מיט שטיינערנע בערג וועלכע טונקען זיך, ווילן ניט אַרויסקריכן פון וואַסער.

אַרום 12 ווערן די לאַנגע טישן באַזעצט און קעלנער דערלאַנגען געשמאַקע עסנס צו די יונגע און עלטערע, פרישע און צעקנייטשטע פּנימער וועלכע פילן זיך ווי איין משפּחה אויף דעם אינזל „וועגוס". ביטאַ דאַ די פראַגע פון אַרבעט־זוכן און עקספּלואַטאַציע, דאַ לעבט מען קאָלעקטיוו.

ביי מיין טישל אַ מיידל אין די יאָרן, דינע לאַנגע פינגער און ביטערע פּנים־קנייטשן, רעדט אַ אַמעריקאַנעם ענגליש און דערציילט פון איר וווין־פּלאַץ פון זוניקן קאַליפאָרניע (וואַסער קאָנטראַסט מיט איר מידקייט). זי וויל דערגיין וואָס צוויי יונגע ענגלישע בחורים פון אַ שול־גרופּע קענען איר רעקאָמענדירן צו זען אין ענגלאַנד.

זי נעמט אַרויס אַ פאַרשריבן העפטל און שטעלט זיך פאַר זיי פאַר אַלס שרייבערן ווי די צוויי חברה שיסן הערנאָך אויס מיט אַ געלעכטער ווען זי ענטשולדיקט זיך — „אַפּצורוען"...

די שיף קען זיך אַלץ ניט אַרויסקריגן פון צווישן די שטיינערנע בערג מיט די געציילטע הייזער.

לויפן נאָך גרויסע פויגל מיט שריַיענדיקע שנאָבלען, ווי פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן רופן זיי מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע שניי־ווייסע פליגלען און ווען די שיף וואַרט ניט, כאַפּן זיי דערוויַיל ברעקלעך וואָס די שיף מישט איבער אין ים־טאָפּ, און לויפן ווידער נאָך, פאַרסאַפּעט, ווי זיי וואָלטן טאַקי געהאַט רעזערווירט פּלעצער אויף דער שיף.

אַ שיינענדיקע זון, מענטשן וואַרימען זיך אויפ'ן דעק, ערשטע קלאַס, מיט מער באַקוועמליכקייטן, מענטשן מיט רייכערע קליידער, מער ווערטפולע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און מער מידע און פולע פּנימער וועלכע רעדן פון געלט־העכערקייט. דאָס אַלץ האַלט זיך באַזונדער.

אין די קיכן ערשטע און צווייטע קלאַס רייניקט מען, מ'קראַצט און מ'וואַשט די קעסלען און שיסלען, חברה מיט לוסטיקע כמעט זאַרגלאָזע פּנימער האַלטן זיך ביים איינגעווייד פון דער שיף, זיי די וועלכע קאָכן און שפּייזן, רודערן און פירן די לייט אויבן, זיי האַלטן זיך צוזאַמען, קומען ניט אין קאָנטאַקט מיט דער אַנדערער וועלט.

ביסלעכווייז נעמט דער טאָג אַנטלויפן און אַנטלויפנדיק פאַרלירט ער אַ ברענענדיקע מאַסע וועלכע טרינקט זיך אין ים, ווייל בשום אופן

ניט אַרונטער, שלעפּט מיט דעם הימל און פּאַרײיניקט אים מיט די בערג און וואַסער. אַלץ איז פֿאַרפּלאָכטן אין רויטער פֿאַרב, ווי אַ אָנגעצונדענע וועלט, און דער מענטש אויף אַזאַ דירעווודיק שיף־„אינזעלע" קען בלויז צושמידן זײַן בליק צו אַזאַ זונען־אונטערגאַנג, און בלײַבן פֿאַרגאַפֿט פֿון אַזאַ נאַטור שײנקייט.

25 אויגוסט. אַרום 7.30 פֿרי איז דער הימל פֿאַרכמורעט און דאָס וואַסער האַלב גראָ. די שיף איז פֿון בײנאַכטיקן רעגן אַ אָפּגעוואַשענע. די בערג האָבן וויזט אויס ערגעץ זיך פֿאַרשלאָפֿן און די שיף האָט פֿאַר זיך אַ פֿרייען וועג. בלויז דער הימל דאָרט ערגעץ ווײט וועלכער דאַכט זיך אַז ער וועט ניט דורכלאָזן, ווײַל ער האָט זיך אָראָפּגעלאָזט צום וואַסער.

אַרום 8 פֿרי זענען די קעלנער מיט זייער סערוויר גרייטקייט ביי די טישען ווי אַ טייל עלטערע וועלכע קענען ניט שלאָפֿן און אַ טייל יונגע חברה וועלכע זענען שטענדיק הונגעריק פֿירן שוין אַ „קאַמף", פֿאַרמעסטן זיך מיט די אָנגעשטעלטע עסנס און ווי באַלד די לאַכעדיקע צייגער זיגן שנעל, זענען די קעלנער גרייט צושטעלן נאָך קרבנות אין פֿאָרם פֿון זעמל מיט פּוטער, אייער, פּרוכטן, קאַלטע פֿליישן און פֿאַרשידענע געטראַנקען.

ביסלעכווײַז באַווײַזן זיך פֿאַרשפּעטיקטע האַלב פֿאַרשלאָפֿענע פֿאַרלעד און מיטליעריקע מענטשן מיט אַזעלכע אומצופֿרידענע כמעט בייזע פּנימער, די בלאַסע נאָך בלאַסער ווי נעכטן און די מיט לאַנגע נעז נאָך מיט לענגערע, באַשר די שיף האָט זיך אַ ביסעלע געשפּילט, געהוידעט מיט די מענטשעלעך און זיי ניט געלאָזט אײַנשלאָפֿן...

טייל זענען אַזוי אומצופֿרידן דאַז זיי באַווײַזן זיך אינגאַנצן ניט, זיי ליגן אין די קאַיאַטעס, און די קעלנער און דינער ווי שטענדיק געווינט נאָכצוגעבן אַזעלכע טוריסטן־קינדער, זיי זוכן אויף יעדן, און יעדע באַזונדער, מיט טאַצן פֿרישטיק.

אַרום 2 נ. מ. דערנענטערט זיך אַ שטאָט אייגעהילט אין אַ גראָען מאַנטל מיט טונקעלע פֿאַבריק־קוימענס און שיפֿן, דער האַפֿן פֿון ניו־קאַסל פֿירט אין אַ וואַקזאַל אַריין און דערנאָך אַ וועג מיט קוילן־וואַגאָנען, פֿעלדער, און שיטערע בוימער און דאַרע בינטלעך געשניטן קאָרן, פֿאַבריק־קוימענס און שטעט מיט אײנגעשטעלטע „מיליטערישע" הייזער־רייען, אַ וועג מיט שטיקער פֿון באַזעצטן ענגלאַנד.

אַרום 10 אָוונט באַווײַזט זיך דער ליכטיק גרויסער וואַקזאַל קינגס־קראָס, וועלכער וויזט אַן אַ שטאָט פֿון גלאַנץ און נויט, פֿון אָרים און רײַך, אַ ריזיקע שטאָט, לאָנדאָן.

די ליבלעכע שטאָט פּאַריז (יאַנואַר 1939)

פּאַריז פּאַרטאַק איז אַ מידע, האַלב פֿאַרמאַטערטע און נישט אָפּגערייניקטע שטאָט פֿון נעכטיקן טאָג לעבן. די גרויסע בולוואַרן ווערן געוואַשן און געסקראָבעט, איינצעלנע קעלנער און באַדינער סערווירן די שטענדיק וואַכע אומרואיקע טיפּן, עלטערע רירעוודיקע פֿרויען און מענער וואַגאַבונדן זוכן צווישן די אַרויסגעשטעלטע מיסט־קאַסטנס אַרום די געשעפֿטן פֿון שיינע שוי־פֿענסטער, וועלכע שרייען באַלד באַגינען מיט אַזוי פֿיל קאָלירן און שטאָפֿן קאָמבינאַציעס, מיט ווויל־יונגערישקייט און געשמאַק, און אַרום די פּאַריזער האַליעס ווערן אויסגעלאָדעוועט טויזנטער וועגענער און לאַסט־אויטאָס וועלכע האָבן פֿאַרזאָרגט דער שטאָט פּאַריז מיט נאָך אַ טאָג פֿליישן, גרינסן און פּרוכטן, פֿון אַלע מינים.

די ערשטע אויף די פֿיס זענען די אַרבעטער גאַסן. פֿאַרשידענע אַרבעטער פֿון גרויסע פֿאַבריקן און קלענערע האַנטווערקער וואַרשטאַטן אַנגעטאָן אָפּט אין סאַמעטענע הויזנס, פּולאָווערן (אָן רעקלעך) און היטלען אָדער בערעטן אויף די קליינע קיילעכדיקע קעפּ וועלכע שטייען אַרום די קאָנטואַרס (בופֿעטן) אין זייערע לאָקאַלע קאַפֿעען, „צעקייען" פֿאַמעליך קליינע פּיצינקע גלעזלעך קאָלירטע ווײַנען אָדער אַ שוואַרצע קאַפֿע און פֿרעגנדיק דעם קאַפֿע אייגנטימער פֿון די „לעצטע געשעענישן", אַרום דאָס געסל, אָדער וועגן די פּאָליטישע נייעס, און פֿאַרענדיקן מיט אַ וויץ וועגן פֿרויען, און פֿאַרשווינדן.

אונטערגרונט און אויטאָבוסן ווערן באַלאַגערט פֿון רירעוודיקע יונגע פּראָווינציזקעס, און פּראָווינציזן, האַנדלס געשעפֿטן און בעקערייען צעעפֿענען טיר און טויער, און צוגלייך מיט דער אומצאָליקער מאַסע קליינע זייטיקע האָטעלן, אין יעדן געסל, אַזוי אויך די אומצאָליקע קליינע און גרעסערע קאַפֿעען, וועלכע רוקן אַרויס בענקלעך צו דער באַוועגליכער גאַס, וועלכע רוישט און טומלט, לויפֿט און איילט זיך צו אַ נייען טאָג לעבן.

איינצעלנע איילן זיך נישט אין די פֿרימאָרגן שעה'ן אין דעם פּאַריז, דאָס זענען יונגע פּאָרלעך וועלכע האָבן נישט געהאַט גענוג די נאַכט און זיי פֿאַרענדיקן די ליבע שעה'ן מיט אַרומנעמען זיך און קושן. מיטליעריקע פֿרויען וועלכע גייען אַרויס „פֿאַרן טיר" מיט זייערע הינט, כדי צו כאַפּן פֿרימאָרגן לופֿט, און פֿאַמיליע פֿרויען וועלכע רעכענען אויס ווי אַזוי בעסער און געשמאַקער צו קאָמבינירן דעם מיטאָג פֿאַר דעם מאַן און קינדער, וועלכע דאַרפֿן קומען פֿון דער אַרבעט.

ביסלעכווייז ווערן די רויִקערע האַנדלס־גאַסן און בולוואַרן מער לעבעדיק ווי רעקלאַמע און רייץ, געטראַנק און פֿאַרוויילונג נעמט זיך אַרײַנדרייען, אַרײַנשמעלצן, אין ראָד פֿון אַרבעט, און פּראָדוקציע, אַ

גאַנצע שטאָט מיט פיר מיליאָן איינוווינער איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג.

מיטאָק־שעה איז פּאַריז איין גרויסער רעסטאָראַן מיט אַן אַ שיעור קליינע און גרעסערע אַפּטיילונגען ווי דער פּאַריזער אַרבעטסמאַן, אַר־בעטספרוי, האַנדלס־מענטש און לײַדיקגייער איז פאַרנומען ביים עסן, רעדן, דיסקוטירן און וויצלען. ווי באַלד אַ שעה אָדער אַ שעה מיט אַ האַלב איז ניט גענוג צו פאַרענדיקן אַ פאַרשידנאַרטיקן מיטאָק, מיט דויט וויין, איז גענומען צוויי שעה מיטאָק, דער פּאַריזער האָט צייט, ער יאָגט זיך ניט ביים עסן...

די אַרבעטער גאַסן זענען די ערשטע אויפגעשטאַנען, גייען זיי די ערשטע שלאָפן, די גאַסן און פּלעצער פון ליכט, פרייד, זנות און רייך הויבן אָן צו לעבן ערשט נאָכמיטאָק.

גלייך מיט דעם הערפּאַשנעם בולוואַר בעלוויל קומט מען צום „מאָנמאַרט" און „פּיגאַל" וווּ די קאַפעען און האָטעלן פאַרנעמען לענג־אויס די ברייטע לאַנגע בולוואַרן מער פּלאַץ ווי אַלע אַנדערע געשעפטן און אונטערנעמונגען. פיל פאַרדעכטיקע פרויען פיין אָנגעטאָן און באַ־שמירט זיצן אויסעווייניק און אינעווייניק אַרום די טישלעך און פיל שלעפּן און ווינקן פון יעדן ראָג און ווינקל. דאָ וואַקסן אויס קאַבאַרעטן און האַלב פינסטערע איינגענג ביי יעדן טריט, און אין די געדרייטע בערגיקע געסלעך פון געזאַנג, פאַרדושעטע שיכרות, און נאַקעטע פרויען־אויסשטעלונג, געפינען פרייד און אַפּוועקסלונג אַלערליי מינים טוריסטן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע פירן אינדערהיים אַ שטיל איינגעהאַלטן לעבן.

און ווי אויף צו להכעיס האָט זיך גאַנץ אויבן פאַר׳גנב׳עט איינע פון די שענסטע וועלט־קירכעס, מיט דעם נאָמען „סאַקרי־קער", זי קוקט אַרונטער אין טאָל, דרינגט אַריין אין האַלב פאַרמאַכטע פאַרבאַרגענע טיר און פענסטער, כדי אַלץ אויפצונעמען און באַריכטן גאַנץ אויבן, צו גאָט, ווי זי האָט ניט אַזוי ווייט צוצוקומען.

פאַרבלאָנדזשען צייטווייז אייבצעלנע פרויען און מענער, זיי פאַר־קריכן גאַנץ אויבן, טייל טוריסטן, ווייל זיי ווילן פונדאַנען כאַפּן אַ בליק אויף אַ טייל פון פּאַריזער פּאַנאָראַמע, און טייל פרויען יונגערע און מיטליעריקע, וועלכע הערן זיך שטיל צו צו די שעפּטשענדע ווערטער פון גלח, און איבערלאָזנדיק עטליכע סאַנטים, מיינען זיי אויסצוקויפן זייערע זינד, און מאַכן פּלאַץ פאַר נייער „פרייהייט" וועלכע גייט אָן ביי דעם „הייליקן־האַרץ" צופוסנס...

אַרום „סאַקרי־קער" זאַמלען זיך הונדערטער יונגע מוטערס און גוווערנאַנטקעס מיט זייערע קליינע קינדער, דאָס איז איינס פון די גרינ־סטע און שטילסטע ווינקלען פון גאַנצן געגנט באַרבעס־ראָשעשואַר ווו מ׳זעט ניט קיין אונטערוועש זיך טרוקענען, פאַרוואָרפענדיק קאָלירטע „טראַנספּאַראַנטן" וועלכע מ׳טרעפט אַזוי פיל אין דעם גאַנצן 20טן און

18טן אַראָנדיסמאַן סיי פון שטילן פּראַכטפולן בית עולם „פּער לאַשעז" ביז אויף קילאָמעטערס די לענג, רוישיקן געגנט „פּיגאַל".

„פּלאַס דע לאַ רעפּובליק" איז ווי אַ קווער שניט, פונדאַנען קען מען זיך אויסקלויבן אַזעלכע שטילע בולוואַרן ווי „בומאַרשע" און „וואָלטער" וועלכע וועלן צופירן צום הויכן שפּיציקן טורם די געוועזענע תּפיסה באַסטאַי. די פּרויען סטאַטוע ווייזט אָן און רעדט פון „פריהייט, גלייכהייט און ברודערליכקייט", סיי די נעמען פון די בולוואַרן און סיי די נעמען פון גאַסן און מאָנומענטן אַרום זיי אַלע האָבן אַ שייכות מיט דעם קאַמף פון די פּאַריזער וועלכע האָבן צעשטערט די באַסטיליע און אײַבערגעלאָזט דעם טורעם מיט אַ מלך פון אויבן. די געשיכטע פון אַזעלכע גאַסן ווי פּאַבורג, סט. אַנטואַן וועלכע פאַלן אַריין אין „פּלאַס דע באַסטאַי" איז פול מיט קאַמפן פאַר מענטשליכע רעכט ווי פיל אייבוויבער פון דעם געגנט וויסן צו דערציילן און נאָך הײַנט ביי געדענקונגס טעג, ווי אַזעלכע פון זשאַרעס, אָדער דעם 14טן יולי, דעם טאָג פון צעשטערן די טורמע (1871) קען מען טרעפן אַ גאַנץ פאָלק מאַרשירן אונטער ליבעראַלע, סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פענער, וועלכע שווערן טריי צו האַלטן די געוווּנענע פּאָזיציעס, וועלכע זייערע פּאָטערס האָבן אויסגעקעמפט אין פּאַריז.

שטיל איז דער אַרבעטער געגנט אַרום „פּלאַס דע באַסטאַי" און „נאַסיאָן". בלויז פון צייט צו צייט שטעלט זיך דאָ לענג אויס די בולוואַרן די „פּאַרוויילונגס־פאַבריק", אויף רעדער, גערופן מיטן נאָמען „פּעט" (אַ יום טוב) ווי טויזנטער אַרבעטס מענטשן יונג און אַלט קומען דרייען אויף די שפּיל רעדער, כדי צו געווינען פלעשער ווין, שאַמפּיין, שפּילצייג פאַר קינדער, און נאָך אַנדערע אָן אַ צאָל באַלדיקע פאַרגעניגנס, פון שיסערייען און שפּילערייען. דער „פּעט" מאַרשירט אָפּ צו אַנדערע טיילן פּאַריזער פלעצער און בולוואַרן, דער „באַסטאַי" בלייבט ווידער פאַרטאָן אין מעבל פּראָדוקציע און פאַרשידענע אַנדערע האַנטווערקערײ אויסאַרבעטונגען.

בלויז איין לאַנגע און שמאָלע גאַס ווערט באַזוכט פון גלאַנציקע אויטאָמאָבילן, און די האַלב שמוציקע גאַס „רי דע לאַ ראָקעט" האָט אַ נאָמען פון פּאַריזער אַפּאַשן־לעבן, ווי יונגען אין קאַסקעטן, רויטע בלוזעס און גאַרטלען טאַנצן מיט זייערע שיינע טעמפּעראַמענטפולע מיידלעך, ביז וואַנעט עס דערגייט צו איפּערזוכט־סצענעס, ווי זיי שטעכן מיט מעסערס די „אויסכאַפּער" אָדער פאַרעטערנס...

ענגלישע און אַמעריקאַנער טוריסטן קומען זוכן די „ווילדע" אַפּאַשן אָדער „בראַווע" אונטערוועלט יונגען, אָבער פאַרבליבן איז מער ניט ווי אַ לעגענדע אַרום „רי דע לאַ ראָקעט", די גאַס איז געוויינליך ווי אַלע אַנדערע מיט האַלב ביליקע און שמוציקע קאַפעען, ווי פּראָסטיטוטקעס פאַרנעמען די טישלעך, און דזשאַז קלאַפּט צו.

דאָ און דאָרט באַמערקט מען אַ נייע קאַפע מיט מער דזשאַז־שפּי־לערס און טענצער, די טירן סודותדיק „פאַרמאַכט" און די פּרייזן פון די גלעזלעך העכערע, אָבער די אַפּאַשן זענען ניטאָ...

„פּלאַס דע לאַ רעפּובליק" פירט צו די „גרויסע בולוואַרן" ווי דער אַריינפיר איז מיט אַ טריאומף טויער (פאַר לודוויק דעם 14טן) און דער טראָטואַר וואַקסט אונטער די פיס צוגלייך מיט די אַנצאָליקע שיינע גע־שעפטן, ריזיקע אָנציענדע אָפענע קאַפעען און סינעמאַס, אַ לאַנגע „בריק" מיט אויסגעשטעלטער רייכקייט, לײדיקגייערײ, באַגער און מיד־קייט, וואָס ציט זיך ביז דער שיינער געביידע פון דער נאַציאָנאַלער אָפּערע, און פיינער אַרכיטעקטור, די באַרימטע קירכע „מאַדלען".

ביז האַלבער נאַכט זענען די בולוואַרן באַלאַגערט פון פאַרשידענע מענטשליכע פנימער און שפּראַכן, אַ מין אָנציהונגס קראַפט פאַרמאָגן די ליכטיקע שרייענדע בולוואַרן דאָס דער מענטש פילט זיך פריי און זאָרגלאָז, די פיס שווימען אין אַלגעמיינעם ים פון מענטשליכן שפּאַציר, און די אויגן געניסן פון דער אָפענער אַרויסגעשטעלטער וועלט, וועל־כע שניידט, און פאַרוואָרפט מיט אַזוי פיל קאָלירטע פאַרבן, וועלכע שטעלן זיך אויס אין פאָרם פון ווערטער, און נעמען פירן, שלעפן, ווי צוגעשמידט, ווי לונאַטיקער צו דער לבנה.

ווער האָט צייט, ווער באַמערקט די שמאָלע האַלב פינסטערע געס־לעך וועלכע שטיצן אונטער, אָדער אויף וועלכע די „בריק" פון די גרויסע בולוואַרן" איז אָנגעהאָנגען. די הונדערטער גאַסן און געסלעך פאַברי־צירן, און אַרבעטן, שטעלן אַרויס די שיינע העמדער, שיך, קראַוואַטן, אַנצוגן, מאַנטלען און קליידער, די האַרמאָניש צענויפגעשטעלטע דאַמען־הוטן, אין די געסלעך זיצן טויזנטער באַ׳חנ׳טע יונגע און עלטערע פרויען, וועלכע שטעלן צענויף דעם דרויסנדיקן לוקסוס און די מערהייט פון זיי איילט אַהיים צו די פיציקנע צימערלעך, ווען די פראַנטאָווע גאַסן נעמען זיך באַרימען מיט זייער האַרעוואַניע, אָבער „פאַרגעסן" אָנצו־געבן זייערע נעמען...

קען מען טרעפן ווי פרויען פון „אַרמי דע סאַלי" (סאַלווישאַן אַרמי) טראָגן אַרום, בעטן זיך מ׳זאָל קויפן פאַר שפּאָט ביליק די ביבל, און די גלעזלעך מיט קאָלירטע ווײַנער ווילן ניט מאַכן פּלאַץ פאַר דער ביבל, דער העכער פּרייז פון צוגעטיילטע פאַרציעס זנות, קען ניט אָפּטרעטן פאַר ביליק צוגעטיילטע גאָטספאַרכטיקע ווערטער.

טיילמאָל גייען צוויי־וויז און דריי־וויז אַרבעטער, וועלכע שרייען אויס די נעמען פון לינקע צייטונגען, זיי שפּאַנען דורך ווי פויגל, מיט מאָנענדיקע שטימעס ווילן זיי פאַרהאַלטן גלאַנציקן שמייכל, און אָפּטיילן גאַרגל פון גלעזל, זיי די פעסטע יונגלעך מיט צייטונגען וועלכע רעדן פון אַנדערע אידייען, און אויפגאַבן, צו די וועלכע זיצן אַזוי ווי ביי זיך

אין דער היים, צו אָבסערווירן די פאַרבייגייער, ווערן פלוצלינג דערמאָנט אַז מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַלץ אויפגעבויעט און צוזאַמענגעשטעלט, די מענטשן מאָנען, זיי ווילן אַ חשבון...

די בולוואַרן זענען ווי אָפּגעשניטן ביים פּלאַץ „קאָנקאָרד" (אַט דער פּלאַץ פון רעוואָלוציע ווי דאַנטאָן, ראָבעספּיער, לודוויק דער 16טער, זע־נען גיליאָטענירט געוואָרן), איינער פון די פּרעכטיקסטע פּלעצער אין איירָאָפּע, און ביט ווייט פון דעם פּלאַץ דער „טוּלערי" גאָרטן, אַ מין קונסט גאָרטן, פון פיינער סקולפּטור, אויף יעדן טריט און דער באַרימ־טער וועלט מוזעאום, „מוזיי דע לוווּר".

צו דער רעכטער זייט קומט מען צו די באַרימטע „עליזייער־פעל־דער" (שאַנז־עליזיי) מיט פּאַלאַצן פון פּרעזידענט, ווי די „פעלדער" ציען זיך ביז „עטואַל", דער טויער פון טריאומף (פאַר נאַפּאָלעאָן) מיט׳ן אומ־באַקאַנטן זעלנער.

פון „עטואַל" ביז די ענדע „שאַנז־עליזיי" ווי אַ שטיק פּראַכטפולע קאָמביטאַציע פון קולטור און נאַטור. דער ברייטער שאָסיי, ברייטע טראָ־טואַרן, ריזיקע היזער און קאַפעען, לוקסוסאָווע סינעמאָס, און רייכע געשעפטן און לויפענדע טאַקסיס מיט ליכטיקע „אויגן", צווישן צוויי זייטן ליכטיקע לאָמטערנעס, מיט שושקענדע בוימען־בלעטער. דאָס בילד, דער אָנבליק ביינאַכט, שמידט צו, אַזאַ רחבות, גלאַנץ און שיינ־קייט.

„סאן־מישעל" און „מאנפארנאס"

די שולן און סטודענטן געגנט וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער לאַטייניִשער קוואַרטאַל" איז „סאָן מישעל". אַ ריזיק ברייטער לופּ־טיקער בולוואַר נעבן דער סען ווי פּאַריז ווערט צוטיילט אויף צוויַיען, גרופּירן זיך חברה שילער און סטודענטן פון אַלע עקן וועלט. ניטאָ נאָך אַזאַ פּלאַץ אין פּאַריז ווי מ׳זאָל זען אַזוי פיל יוגנטלעכקייט און מיידלעך מיט ביכער אונטער די אָרעמס און אינטעליגענטע פּנימער, ווי אין דעם געגנט ווו די מערהייט פּאַריזער היכשולן שטייען איין. רייכע און האַלב רייכע זונדלעך און טעכטערלעך, טייל נעמען דאָס שטודירן גאַנץ ערנסט, און וואַרטן צוריקצופאָרן אין זייערע לענדער מיט דיפּלאָמאָס, כדי צו ווערן זעלבסטשטענדיק אַ דאָקטאָר, אַדוואָקאַט אָדער לערער, און טייל וועלכע זענען דאָ, פּשוט ווייל זייערע טאַטעס האָבן געלט, און די שטאָט הייסט פּאַריז, ווי שיינע פרויען זענען „צוגעלאָזן" מער ווי אין אַנדערע לענדער, און ווייל מ׳דאַרף אַהיים פאָרן מיט אַ נאָמען כדי צו טאָן אַ רייכן, גאָר רייכן שידוך...

פאַרשידענע געוועזענע, און סתם „פּערספּעקטיוו" סטודענטן, קו־מען זיך צוזאַמען אין סאָן מישעל, מיידלעך פון פאָלק, פּאַריזער און פּראָ־

ווינצער פּאַרקויפערנס, גהווערנאַנטקעס, היטן מאַכערנס, און קליידער־בייערנס, זיי מישן זיך אויס, געפינען פּרייבט צווישן די „לוסטיקע״ סטודענטן, און אַמאָל געלינגט אַזאַ איינער, באַכן צוזאַמענלעבן אַ שטיק צייט מיט איינעם וואָס פאַרנעמט זיך מיט שטודיום, דאָס ער זאָל זי ניט אויסבייטן אויף אַ צווייטער, נאָר טאַקי מיט דער „פּראָסטער״ אָבער קלוגער מיידל, בלייבן ווייבען.

דאָ רוישט און טומלט ביינאַכט, דאָ קלינגט די פראַנצויזישע שפּראַך אין אַלערליי אַקצענטן, דאָ קומען פיל גאַסן פרויען, זיי פאַרלייגן דאָ זייערע נעסטן, ווייל די „לעבעדיקע״ סטודענטן זענען גוטע קליענטן...

עפּעס אַ געמיש פון וויסן, יונגען געלעכטער, און ביליקער תאוה, סימפּאַטישע שפּראַך, און אויך פּראָסטע באַמערקונגען, פון כמעט הפקר־פּנימער, אין דעם געגנט פון היציקער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט, אַרום „סאַן מישעל״.

דער בולוואַר „מאָן־פּאַרנאַס ״(מיין הימל) איז ניט אַזוי באַלויכטן, און ניט אַזוי באַזעצט פון קאַפעען, אָבער האַלט זיך פאַר מער יחוס פון דעם סאַן מישעל, ווייל דאָ גרופּירן זיך מענטשן וועלכע האַלטן זיך שוין פאַר אויסגעשטודירטע, ווי באַלד ניט אין די הויכשולן, איז פון לעבן. דאָ זיצן שרייבער, מאָלער און שפּילער, מענטשן וועלכע זענען געבענטשט אָדער האַלטן אַז זיי האָבן טאַלאַנט, צום שאַפן.

די גרעסטע טייל וועלכע שאַפן און פאַר וועלכע „מאָנפּאַרנאַס״ איז זייער היים, זענען די מאָלער וועלכע קיינער ווייס ניט גענוי זייער צאָל, זיי פאַרנעמען בוידים־שטיבעלעך, און גרעסערע מאָלעריי־אַטעליעס, ווי זיי מאָלן, און מאָלן פרויען־קערפּערס, טיילן פון פרויען־קערפּערס, אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, אין פאַרשידענע פּאָזעס. דאָ שוויבלט און גריבלט פון אַ פאַרשידנאַרטיקן פרויען־מאַטעריאַל, טייל וועלכע האָבן געהאַט די זכיה אויפגעכאַפּט צו ווערן צוליב זייער שיינקייט, אָריגינעלקייט (און אויך מיאוסקייט) און טייל וועלכע וואַרטן מען זאָל זיי „באַמערקן״. אין צווישן־צייט טיילט מען פּאַרציעס „ליבע״ אפילו צווישן ניט קינסטלער, אַבי זיי באַצאָלן.

די פּנימער פון די מאָלער און אַלערליי שרייבער זענען אינטערעסאַנט און לעבעדיק. אַ געמיש פון פאַרשידענע נאַציאָנען וועלכע זיצן אָפּ שעה׳ן לאַנג ביי אַ גלעזעלע קאַפע, און טייל מער ערנסטע פאַרוקט אינעווייניק אין די קאַפעען, ווי זיי שפּילן אַ פאַרטיע שאַך.

ניט זייער פיל פון די צענדליקער און הונדערטער מאָלער, און נאָך ווינציקער פון אָט די שרייבער און פּאָעטן, האָט געהערט דאָס פאָלק פון פּאַריז, ניט אין די גרויסע קונסט גאַלעריעס זענען זיי אויסגעשטעלט, און ניט די שוי־פענסטער רעדן מיט זייערע ביכער, דאָ און דאָרטן טרעפט מען עטליכע בילדער פון מאָלער וועלכע זענען פאַרוקט אין

קלוגערע פענסטער, אויפ׳ן מאָנפּאַרנאַס, אָבער די מערהייט פון די טוי־זענטער מאָלער, וועלכע מאָלן מאַדלענס צאַפּלדיקע ליבע טרוימען, אָדער עראָטישע פּאָזעס פון יוגנט לעבן, אָדער באַשרייבן, דיכטן דעם נשמה־צאַפּל פון אַ „סובטעלער אומגליקלעכער ליבע“ אָדער „אַ געזונטע אומ־אַרמונג אין די אָרעמס פון געזונטן זשאַן“, וואָס „פאַרמאָגט מענליכקייט און דינאַמישער פאַנטאַזיע“, דאָס אַלץ בלייבט ווייזט אויס ליגן אין אָנגעהויבענע לייוונטן, און שטיקער שרייב פּאַפּיר, וועלכע פיל פון די מאָלער און דיכטער מוזן אויפגעבן ווייל זיי לויפן אַרום כאַפּן באַרגן אַ פּאָר פראַנק צו באַצאָלן פאַר דעם אָרימען האָטעל־צימערל, אָדער האַלב פּיסטערע פּאַציאַטקע.

פיל סטודענטן און מענטשן מיט שוואַכקייטן צו דער פען, און פּענדזל, האָבן שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק אַז בייען הייזן, פּרעגן, שטריקן, אָדער פאַרקויפן אַרטיקלען, ווערן אַן אָנגעשטעל־טער, איז פיל מער פּראָדוקטיוו, ווי זיך „אַרומטראָגן מיט אַ טאַלאַנט“. עס ווענדעט זיך נאָר וויפל אַזעלכער פון ראַדיקאַלע אידייען האָט ביי־צוקומען, איבערקומען, פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, און עס ווענדעט זיך אויך צי מ׳קען קריגן עפּעס אַרבעט אין גאַס.

קומען אויך רייכע זאַטע לייט וועלכע האָבן מיט שרייבעריי און מאָלעריי ניט צו טאָן, זיי קומען פאַרברענגען אין דערנעבנדיקע קאַ־פעען און קאַפּעען ווי די קעלנער פאַרנויגן זיך צו זיי אויך אַ ביסל „ליטעראַריש“, עפּעס אַ מין שטאָלץ, אַ שטיק „יחוס“ ליגט אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון באַדינער און באַדינטע וועלכע לעבן, און פאַרלעבן, אין קולטורעלן צענטער פון פאַריז, אין „מאָנפּאַרנאַס“...

ליבע אין פאריז

אין פאַריז פאַרבאַהאַלט זיך ניט דער יונגערמאַן אָדער יונגע מיידל מיט זיינע צערטליכע ליבע געפילן, קיין שום „חרפה“ אָדער צוריקגע־האַלטנקייט, ווי באַלד יונגע מענטשן פילן סימפּאַטיע איינער צום צווייטן, אדרבה: זאָל די גאַס זען ווי מיר געפעלן זיך.

ניטאָ די קולטורעלע פאַרשטעלטקייט און ראַפינירטקייט ווי אין אַנ־דערע שטעט, ווי אומעטום אויסער פאַריז. עפּעס ליגט דאָ אַ געוויסע דע־מאָנסטראַציע, מ׳וויל דווקא ווייזן אַז דאָס זענען נאַטירלעכע, שיינע גע־פילן, פון יוגנט־לעבן מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך ניט שעמען.

דאָ ווערט ניט „געריצט“, ווייל די גאַס איז צוגעוווינט דערצו. דאָ וועט קיינער (אויסער אַ אויסלענדער) זיך ניט אומקוקן, ווי אַזוי דער בחור האַלט דאָס מיידל אַרומגענומען, אין גאַס, אין אונטערגרונט, און אין אויטאָבוס. דאָ וועט מען אָפּטרעטן, ניט שטערן אַ פּאָרל וועלכעס איז

צוזאַמענגעדריקט, מיט באַהאַפטענע ליפּן, נאָז און אויגן. קושן זיך איז אַ גאַנגבאַר אַרטיקל אין פּאַריז.

אַפּטמאָל טוט וווּנדערן אויף אַזאַ „קעלבערנער התפּעלות“, ווי יונגע (און אָפּטמאָל עלטערע) פראַנצויזן ווייזן אַרויס אויף דעם געביט פון עפנטלעכער־ליבע. שעה׳ן לאַנג שטייט מען אָפּ אויף איין אָרט, און מ׳שפּיגלט זיך, מ׳קוקט זיך אין די אויגן אַריין, גלייך ווי זיי וואָלטן דעם גן־עדן דאָרט דערזען.

ביי יעדן טרעפן זיך, און ביים געזעגענען, בייטאָג, און נאָך מער ביינאַכט, הויבט זיך אָן אַ מין קושן, די גאַנצע פאַמיליע קושט זיך, און עס זעט אויס אַז דאָס קושן איז שוין אַריין אין זייער טראַדיציע ווי דאָס רויט־וויין. זיי, די ענערגישע און קלוגע פראַנצויזן, זענען געבענטשט מיט אַ גרויסן סכום צערטלעכקייטן, מער ווי אַנדערע פעלקער.

ניין, עס רופט ניט אַרויס קיין ווידערגעפיל, הגם די צערטלעכקייטן און ליבע אויסדרוקן קומען פאַר צווישן ביליקער גאַסן־ליבע ווי פּראָס־טיטוטקעס אויף זייער אַנציענד פראַנצויזישן שטייגער, שלעפּן יעדן מאַן ווען די גאַס ווערט נאָר אָפּגערייניקט פון האַנדל און אַרבעט. אָבער די יונגע פּאָרלעך פאַרמאָגן אַזוי פיל גראַציע און טאַקט, דאָס מען מוז מיטשמייכלען מיט זייער גליק פון רייצנדער יוגנט און נאַטירלעכקייט.

און מיטלאַכן, מיטפרייען זיך מיט די פראַנצויזן מוז מען אויך ווען מ׳טרעפט זיך אָן מיט זייער מונטערקייט, ביים שפּילן און מיטזינגען גאַסן־לידלעך, ווי סענטימענטאַלע מיידלעך און עלטערע פרויען זינגען מיט, מיט די גאַסן שפּילער און זינגער און קויפן באַלד די נומערן געזאַנג, און מיטפרייען זיך מוז מען ווען מ׳טרעפט גאַסן־פאַרוויילונגען ווי האַרעפּאַשנע און אַרבעטער געגנטן פייערן אַ געוויסע „יום טוב פון שול“ צי סתם אַ פייערונג, ווי אַלט און יונג טאַנצט מיט נאַטירלעך פריילעכע פּנימער, און פריינטשאַפט, ממש אַ מחיה זיך צו פילן איינער צווישן זיי.

* * *

שבת נאָכמיטאָג אין די אַרבעטער געגנטן איז אַ שטופּעניש און איי־לעניש. פּאַריזער מאַן און פרוי גייען איינקויפן אין די מאַרשעס (מאַרק־פּלעצער און גאַסן) און פּאָפּולערע מאַגאַזינען. די סינעמאַס ווערן אָנגע־פילט מיט מיטליעריקע און עלטערע פראַנצויזן און די יוגנט לאָזט זיך צו די גרויסע בולוואַרן און טאַנץ פּלעצער.

מ׳טרעפט פיל מער זיך טוליענדיקע פּאָרלעך. מאַן און פרוי נעמען זיך צייט צו פּיעשטשען און נאָכגעבן, ווי דער ער, פּרובירט זיין שטרענג, מענעריש און באַפעלעריש, און די פרוי מער ווי אַ גאַנצע וואָך „שקלאַ־פיש“ מיט גרייטקייט, מיט אַרבעט און בעל־הבתישקייט, ווי קיין האַק איז פאַר איר ניט צו שווער פאַר דעם מאַן, וועלכן זי ליבט, און ער פּרובירט איר אַרויסהעלפן אין שטוב־ווירטשאַפט, און זונטיק פאַרברייננג.

דער זונטיק אין פּאַריז איז שטענדיק אַ פֿאַרשלאָפֿענער און פֿוילער. נאָכמיטאָק ווערן אַרבעטער גאַסן לעבעדיקער, מ׳טרעפֿט זיך אין לאָקאַלע קאַפֿעען, מיט ווייב און קינד, מ׳כאַפּט אַ קערטל, און מ׳שטעלט גלעזער פֿון אַלע קאָלירן. די גרויסע בולוואַרן ווערן אָנגעפּילט מיט פּראָווינצער, און טיפֿן פֿון אונטער פּאַריז, ווי אַלץ שטופּט זיך צו די ריזיקע שיינע מאַגאַזינען פֿון „לוווּר" און „סאַמאַריטאַן", וועלכע שטעלן אויס אַזעלכע אָנציענדע שטאָפֿן און פֿאַרבן, מיט געטאָקטע עלעקטרישע פֿאַרפּוצטע מאַנעקינען אָט ווי לעבעדיקע מיידלעך, וועלכע דרייען זיך און בויגן, שמייכלען צו די פֿאַרבייגייער, און דאָס ביסל פּאַריזער פּרויען־וועלט ווערט אַנטציקט פֿון שיינעם וועלטל, מיט אַזעלכע שיינע שטאָפֿן און קאָמבינאַציעס, וואָס קען אַזוי פֿיל צוהעלפֿן צו רייצן און אימפּאָנירן, וואָס קען צוגעבן אַזוי פֿיל חן צו דער געשמאַקער האַלטונג פֿון די סימפּאַטישע בויגעוודיקע פֿראַנצויזישע פֿרויען.

די קינאָס זענען זונטיק מער אָנגעפּילט ווי אַ גאַנצע וואָך. דער עולם לאַכט מיט, מיט די קאָמעדיעס, און ווערט טרויעריק געשטימט צוליב די טראַגעדיעס, און בשעת דער פּויזע פֿון איין פֿילם צום צווייטן, לאָזט מען זיך אײַנדרויסן צו די קאַפֿעען, כאַפּן „אַ גלעזל".

זונטיק בייטאַכט ווי שטענדיק אַרום האַלבער נאַכט, הויבט זיך אָן דאָס לעבן אין די רייכערע טיילן פֿון פּאַריז ווי טאַקסיס לויפֿן בליץ שנעל, די מענטשן אינעווייניק זענען דענערווירט, איינער וויל דעם צווייטן איבעריאָגן, פֿאַרכאַפּן ערגעץ אַ בעסער פּלאַץ, אָדער אַ בעסערע מינוט. די גרויסע ליכטיקע רייך אויסגעשטאַטע קאַפֿעען שטייען אָפֿן, געבויגענע שמייכלדיקע דינער מאַכן אויף די טירלעך פֿון די אָנגעלאָפּענע אויטאָמאָבילן, הכנעה׳דיק, ווייזן זיי דעם אַריינגאַנג, ווי די „חשוב׳ע" הערן ווערן באַלד אויפֿגעכאַפּט פֿון שמייכלדיקע קעלנער, אַלץ בוקט זיך חניפֿה׳דיק, לויט׳ן קלאַנג פֿון דער מטבע, מיט ווײַנען און ליקערן ווערט אויפֿגענומען די מענטשהייט אין פֿראַקן, וועלכע האָבן דעם מאָנאָפּאָל פֿון בילדונג, האַנדל, ירושה פֿאַרמעגן. זיי פֿירן אָן מיט פּאַרלאַמענטן, מיט פּרעסע און פּאָליטיק, און אַרום זיי, פֿון זייער חכמה, ווילן געניסן האַלב און גאַנץ נאַקעטע טענצערנס, יונגע שיינע פֿריש צאַפּלדיקע מיידלעך, וועלכע פֿירן אָן מיט ליבע, פּערפֿום און עראָטיק.

בערזע, פּאָליטיק און האַנדל, ציוויליזאַציע און באָמבע אויסאַרבעטונגען, אויסגעמישט מיט קונסט, ליטעראַטור, און פֿרויען קערפּערס. אַ פּאַריזער שפּעט ביינאַכטיקער צוזאַמענקום, אויף „שאַנז־עליזיי", „פּיגאַל" און „מאָנפּאַרנאַס", ביז אַ האַלב גראָער פּאַרטאָק נעמט ביסלעכווייז אַריינשטעלן פֿיס, און די הערן נעמען זיך איילן אַהיים אויסרוען די נערוון, זיי דאַרפֿן זיך צוגרייטן צו פֿאַרנעמען ווירדיקע פּלעצער, פֿון באַפֿעלן, און רעכענען קאַפּיטאַלן, פֿון טרייבן אַקציעס, און קאָנטראָלירן

פאַבריקן, פון עסן מיטאָקן, און רויכערן ציגאַרן, פון שמייכלען צו פרייַנט, און דיסקוטירן די פּאָליטיש אָנגעשטרענגטע לאַגע, און דער עיקר, פון וואַרטן אויף 12 ביינאַכט...

אויך נאָך האַלבער נאַכט אין פּאַריז, שלאָפן מענטשן אויף האַרטע געלעגערס, אין קליינע דושנע צימערן, אַריינגעפּאַקט, אַריינגעקלעפּט צווישן פייכטע שמאָלע גאַסן, מענטשן פאַרהאָרעוועטע ווי אַלע חושים זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אַריינגעפלאָכטן אין די רעדער פון פּראָדוקציע: הייזער, אייזן, שטאָל, קליידער, שיך, און ברויט.

אויך נאָך האַלבער טאַכט אין פּאַריז ליגן איינגעקאָרטשעטע מענטשליכע קערפּערס וועלכע פאַרמאָגן נשמות ערגעץ איינגעגראָבן צווישן טראַנטעס, אָדער טאַקי אונטער דער הויט פון באַוואַקסענע ניט ראַזירטע בערד, אָדער צווישן יענע פרויען־„פּעקלעך", וועלכע רייסן איבער זייער שלאָף מיט שטיקער „ליבע־דעקלאַמאַציעס" אָדער בייזקייט צוליב דורכפאַרנדע טאַקסיס. נאָר קעגנאיבער ליכטיקע קאַפעען און טומלדיקע פּלעצער, ווילן דווקא ליגן אויסגעלייגט אויף צייטונגס־„מאַטראַצן" די עלטערע וואַגאַבונדן, וועלכע האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף צו פירן אַ אַנשטענדיק ריין לעבן. אפשר כדי צו דעמאָנסטרירן, ווייזן אַז אָט צוליב אַזאַ ווילטאָק פון יענע הערן, ווילן זיי ניט ברעכן דעם קערפּער אין פאַבריקן, און גאָט צו דאַנקען וואָס מ'איז געבוירן עכטע פראַנצויזן, און מ'קען געניסן פון דער „פרייהייט" צו שלאָפן אונטער בריקן, און נעבן קאַפעען...

* * *

שטיל פליסט דער סען אונטער די פילצאָליקע בריקן וואָס פאַרייניקט ביידע טיילן פון פּאַריז, אַנטשוויגן אָפּגעשלאָסן זענען די ביכער ביידלעך וועלכע ווערן אַ גאַנצן טאָג דורכגעקוקט פון פאַרשידענע שילער, און שרייבער, אַלטע פרויען און יונגע מיידלעך, וועלכע נישטערן צו געפינען עפּעס ביליקס, און ווערטפול, און שטיל ווי אויף די שפּיץ פינגער, ביים פּלאַץ „טראָקאַדעראָ", שטייט דאָס העכסטע און שענסטע פון פּאַריז, דער געפלאָכטענער שטאָלענער שלאַנקער „אייפּל־טורם". ער קוקט אַריבער פאַרטאָק איבער דער שטאָט וועלכע לעבט אַזוי זאָרגלאָז און לייכט, באָדט זיך אין אַזוי פיל ווייַן, און ליבע, שפּילט זיך אַזוי קינדעריש, און תמימות'דיק, אַזוי קרעמעריש אָפּנאַרעריש און חניפה'דיק, אַ שטאָט מיט אַזוי פיל צוציהונגס־קראַפט פון שיינקייט, צווישן שימל, בויט און האָרעוואַניע, אַ שטאָט פון גרויסע בולוואַרן.

אַ שטאָט ווי מ'קען שנעלער לערנען פון לעבן, און אַלט ווערן, און אַ שטאָט ווי מ'קען בויען פאַנטאַזיעס און טרוימען, און בלייבן יונג.

פאַריז מיט אירע אַלע שיינע און מיאוסע אייגנשאַפטן איז אַ ליבליכע שטאָט.

איראפּעאישע שטריכן

צווייטער טייל

דורך לענדער און שטעט (1939)

15 יולי. שבת 8.40 פרי, פון לאָנדאָן־ברידזש מיט אַ שיף קיין אָסטענד.

הונדערטער ענגלענדער „וויק־ענד" פאָרער, מיטלקלאַס און אַרבעטער פון לאָנדאָן און אַרום לאָנדאָן פילן אָן די שיף. אַזעלכע קליינשטעטלדיקע פנימער און מאַניערן, אַלע לייענען דעם „דיילי עקספרעס", די ווייבער זיצן אַזוי ברייט פאַרכאַפנדיק די זיץ־פלעצער אויפ'ן דעק, ניט זאָרגענדיק צי ס'קען זיין פלאַץ פאַר נאָך אַ פערזאָן. אין די האַלב טונקעלע ווינקלען פון שיף וווּ ס'געפינען זיך בופעטן מיט פלעשלעך משקה פון אַלע סאָרטן, שטייען אויסגעדאַרטע, אויסגעפראַצעוועטע מענער, און דיק־צעגאָסענע ווייבער, מיט אָנגעשמירטע פנימער, וועלכע שטופן זיך שווייסיק, האַרט נעבן אַנדערן, און יונגערע מענער האַלב מיט געמאַכטער וואָקלדיקייט, פּרובירן אַרומנעמען די מיטליעריקע דיקע ווייבער; אַ טיפּ ענגלענדער וועלכער „פאַרגעסט זיך" ווען ער פאָרט אַרויס פון דערהיים, און זיין האַלטונג איז ווייט פון צו זיין עסטעטיש.

שטילע פאַמיליעס וועלכע האַלטן זיך צוזאַמען, און באַטראַכטן, פרעגן אויס, די פרייזן פון קאַפע און קאַלטע געטראַנקען ווי זיי פאַרגלייכן מיט לאָנדאָן.

דאָס גאָלד־בלאָע וואַסער שפּילט זיך מיט דער שיף אַזוי געלאַסן, ווי מיט אַ קליין קינד, און אָט קומען צעלויפן אַלע ווילע אַזעלכע שלענגליכע זונען־שטראַלן, לאָזן זיך גלייך צום ביר־סאַלאָן כאַפּן אַ טרונק ביר, אָבער דאָס וואַסער פאַרשטעלט זיי דעם וועג מיט דער הילף פון כוואַליעס, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די דינע צעשפּליטערטע שטראַלן, זיי, די כוואַליעס זענען שטאַרקער, עס העלפט ניט דער געראַנגל, גאַנצע דיוויזיעס זונען־שטראַלן ווערן פאַרנאַרט און דערטרונקען...

7.45 נ מ. ביי אָסטענד ווו צענדליקער האָטעל דינער, טאַקסיס און דראָזשקעס באַלאַגערן די אָנקומענדע ענגלענדער. די שטאָט שטייט זיך אין אַ זייט, וויל זיך גאָרניט אַריינמישן, און איך כאַפּ די באַן קיין ליעזש ווי ס'לויפן דורך פאַבריקן און שטיקלעך פעלדער, הייזקעס און ביימער, אָט גליטשט זיך דורך די שטאָט בריסעל, מער פעלדער און אָן אַ שיעור פאַבריקן מיט איינציקע ביימער וועלכע בליקן אַריין אין די וואַגאָנען־פענסטער.

ליעזש (בעלגיע)

אַרום 10 אַזייגער קומט אונטער די שטאָט ליעזש, ווי אויף גאַמענע זוילן, שטילערהייט, זאָגט זי „גוט־אָוונט", און ווינקט צו מיט רויטע רעקלאַמע פייערן, פון האָטעלן און קאַפּעען אַרום דער באַן־סטאַנציע, וועלכע רייצן זיך מיט אַ גאַסט: „היינט זענען ביי אונז אַלע צימערן פאַרנומען, אין ליעזש איז היינט „אַ וואַסער־אויסשטעלונג".

16 יולי. 9 פרי. אַ בלאָער הימל, אַ פרישע אַנגעטועטער, גרייט זיך ווייזט אויס צו גיין אין קירכע אַריין, ווען גלעקער צעקלונגען זיך פון אַלע זייטן, די שטאָט ליעזש כאַפּט זיך אויף אַ מונטערע.

דער ערשטער איינדרוק איז פון אַ געזונט פלעמיש און פראַנצויזיש רעדנדיק פאָלק. די פראַנצויזישע טיפּן זענען מיט טונקעלע האָר, דינער, געשניצטער און באַוועגליכער, פון די קלענער געוויקסיקע, ברייטליכע פלעמיש רעדנדיקע, וועלכע פאַרמאָגן מער קאָלירן אין די באַקן, און פעסטערע הענט.

פיינע געשעפטן, קאַפעען און רעסטאָראַנען, עס טומלט און רוישט אין די ברייטע און שמאָלע גאַסן און געסלעך אַרום דער שטאָטישער טעאַטער געביידע. און ווי באַלד מ׳וויל אָנהויבן פון וואַקזאַל, קען מען אַזוי דורכגיין און דורכבלעטערן אַלטע היסטאָרישע געביידעס און מאָנומענטן, וועלכע פירן טריט ביי טריט ביז׳ן האַנדלס־צענטער. ביסלעכווייז דערציילן זיי די געשיכטע פון דער שטאָט, און געגנט אַרום ליעזש, וועלכעס הויבט זיך אָן מיט אַ באַפרייאונגס־דאַטע פון 1830 מיט דעם פּאַטריאָט שאַרל ראָזשעי, וועלכער האָט דעם געגנט באַפרייט פון האָלענדישער הערשאַפט.

עס מאַרשירן סקווערן און גערטנער, אַזאַ שטילער און רואיקער טייל שטאָט, ביז וואַנען זיי ווערן פאַרהאַלטן ביי בולוואַר „אַוראַאי", דאָס האַרץ פון ליעזש מיט הונדערטער טאַקסיס און בלומען פאַרקויפערנס, שווי־פענסטער און שפּאַצירנדן עולם, וועלכעס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ פיל גרעסערע שטאָט, ווי פון 200 טויזנט איינוווינער. אין ליעזש, להיפוך צו אַנדערע שטעט, דאָ ווינט דאָס אָרימקייט ניט אונטן, נאָר אויבן, און אַרויפקומען צו דער טייל פון אַרבעטנדיקער און האָרעפּאַשנער שטאָט, איז דורך אַ גאַס מיט הונדערטער טרעפּ מיט אַ נאָמען „מאָנטיען" ווי די „אַלטע־שטאָט" מיט קליינע גראָשנדיקע קרעמלעך, אַלטע קליינע קירכעס, און אַרבעטער וווינונגען, אַלץ אַזוי ענליך צו אַרבעטער געגנטן אין אַנדערע שטעט.

* * *

די „וואַסער־אויסשטעלונג" אין אַ זייט פון דער שטאָט ליעזש איז

כמעט ווי אַ מיניאַטור פון פעלקער און לענדער. דאָ ווערט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די קראַפט פון וואַסער ווען קאָנטראָלירט דורך טעכניק. מ׳טרעפט דאָ, ווי אויף יעדע אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג, פיל אָריגינעלע שיינקייטן פון מאָלעריי, און אַרכיטעקטור. אַחוץ די שיינע לאַנדשאַפטן פון פאַרשידענע לענדער מיט זייערע שיף און וואַסער טעכניק איז דאָ היטלער־דייטשלאַנד מיט וואַסער שטראָמען, וועלכע פליסן איבער דייטשלאַנד און די ריזיקע וואַנט „געקנעטענע״ מאַפּע אין קאָלירן, שליסט איין אין „דייטשלאַנד״, פראַג פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע, און דאַנציג פון פוילן, מיט אַ אונטערשריפט: „היטלער הָט פיל מאָל פאַרגרעסערט דייטשלאַנד׳ס וואַסער־ווירטשאַפט״. דערצו ווערט נאָך צוגעשמאָלצן מיט היטלער־פּראָפּאַגאַנדע, ווי ביים אַריינקום ווערן פאַרקויפט פּאָסטקאַרטלעך, בילדער מיט קליינע קינדער, צו וועלכע עס שמייכלט דער גוטער אַדאָלף...

דער „פּאַוויליאָן פון אַרבעט״ איז פיין און עסטעטיש צוזאַמענגעשטעלט. דאָ גייט דורך די געשיכטע פון אַרבעטס־רעכט, און פאַרזיכערונגען מיט פאַרשידענע מיינונגען פון עקאָנאָמיסטן און אַרבעטער פריינד רעפּאַרמער, ווי דאָס קליינע בעלגיע שטייט ניט אָפּ פון אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער.

עס איז אויך דאָ אַ שפּיל און אַטראַקציע אָפּטיילונג, וועלכע זעט אויס מאָגער און בלאָס אין פאַרגלייך צו פאַריזער אַטראַקציע אָפּטיילונג אין 1937 אויסשטעלונג, אָבער אַ אָפּטיילונג מיט אַ סצענע אונטערן פרייען הימל ווי הונדערטער אַרטיסטן און סטאַטיסטן אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען שטעלן פאָר די געשיכטע פון דער שטאָט ליעזש, איז ממש אַ פאַרכאַפּנד־בילד, ווי אַזוי די שטאָט פון אַמאָל און היינט, איר לעבנסשטייגער, אירע קאַמפן, זענען לעבעדיק פאַרפיקסירט.

ביינאַכט איז דער האַנדלס־צענטער איינגעשטילט, נאָר די בייטאָקשטילערע געסלעך, וועלכע פאַלן אַריין אין הויפּט בולוואַר „אַוראַאַי״, די ווערן טומלדיק. עס דערטראָגט אַ דזשאַז־קוויטשעריי פון פאַרשידענע פאַרמאַכטע און פאַרשטעלטע קאַפע־ווינקלען, מיט אַזעלכע טונקל־רויטע רעקלאַמע פייערן, ווי פוסטע יונגען שטייען אויסערוועניק, זיי וויזן אָן אויף די האַלב באַקעטע פרויען־בילדער אין די פענסטער, און זאָגן צו פיל מער אינעווייניק צו די יונגע חברה וועלכע ספּק׳ן זיך, צי זיי וועלן דאָ קריגן די פאָרציעס צוגעזאָגטע „פריייד״.

עס דאַכט זיך ווי אַ שטיק נאָכגעמאַכטער צעלאָזענער פאַריזער „מאָנמאַרט״ האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט אין בעל־הבתישן ליעזש, און חברה ווייסן נאָך ניט ווי אַזוי מען באַקאַנט זיך מיט אַזאַ גרויסשטאָטישע סחורה, צו וועלכער זיי האָבן ניט קיין פולן צוטרוי...

קיין לוקסעמבורג

17 יולי. אַ גאַנצן טאָג באַטראַכט ליעזש מיט אירע גאַסן, פּאַרקן, געזונט פאָלק וועלכעס אַרבעט, האַנדלט און באַוועגט זיך פריי.

6.40 נ. מ. הויבט זיך אָן אַ וועג פון פאַבריקן און דערנאָך אַ באַרגיקע געגנט מיט פיל הייזער צופוסנס און פיל זומער־קעמפּס. גרעסערע זאַמ־דיקע בערג, טייל אָן גרינע „קליידער" ווייזן אַרויס האַרטע קנאָכיקע שטיקער קערפּער, טייל דורכגעבויערטע, דורכצולאָזן באַנען און טייל בערג נאָר וואָס מיט אָפּגעשניטענע גלידער וועלכע ליגען ניט ווייט פון קאָפּ און „לייב און לעבן", אַ מין רחמנות געפיל נעמט אָן ווי אַזוי בערג קוקן זיך איבער מיט זייערע שטיקער „בלוט און פלייש" וועלכע מ'האָלט ביים אָפּפירן כדי אויסצואַרבעטן ברוקירטע וועגן און שאָסייען, ווי מ'וועט איבער זיי טרעטן. אַ לעצטן בליק, כאַפּן בערג צו זייערע קערפּער־טיילן און טראַכטן זיך: וועגן וויס צי אונז, איבעריקע אברים וועט ניט אויס־קומען צוליידן פון מענטשליכער אכזריות, גלידערווייז וועלן מיר דאַרפן טיילן דעם זעלבן ציוויליזירטן גורל, ערגעץ אויף אַ שטאָטישער גאַס אָדער וועג.

עס קומען אָן שטיקער פעלדער, מיט קי און קאָזעס, וועלכע קייען געמיטליך זייער אָונט ברויט, און פיל הייזער וועלכע יאָגן זיך פון אַלע זייטן, פאַרבעטן די דורכפאָרנדע פּאַסאַזשירן צו זיך אין פּענסיאָנען ווי זיי זאָגן צו רו, געזונט און לעבן.

ביי „רעמושאָפּס" און „טרואַ־פּאָן" שפּאַצירן אַרום פאַרשידענע בריקן, זיי קוקן זיך אָן מיט פילפאַרביקע בערגלעך און שטעטלעך, וואָלטן אפשר אָוועק ערגעץ איבערנעכטיקן, אָבער עס שלעפּן זיך מיט פון אונטן אַזעלכע וואַסערן, און גיי קריך מיט זיי אין אַ פּענסיאָן אַריין.

די זון באַטראַכט די פּרעכטיקע קאָמבינאַציע, און צי האָט דען גאָר שענער געקאָנט צעזייפגעשטעלט ווערן, אפילו עס זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון אויבן?

ווען שוואַרצע וועלדער־„וועגט" נעמען פאַרשטעלן, איז בלויז ווי עמיצער וואָלט געוואָלט אָפּשרעקן, פאַרשטעלט די אויגן אויף אַ ווייל, באַלד פאַלן אָוועק די „וועגט", און עס שפּרונגען אַרויס אַזעלכע פלאַכע אָפענע גרינע פעלדער ביז „טרואַ־וויערזש" וווּ עס רופט זיך שוין לוק־סעמבורגער באָדן, און באַאמטע מאַכן קיינע צערעמאָניעס, זיי לאָזן באַ־טראַכטן די נאַטור. ווער וועט דען צוכאַפּן דאָס קליינע לוקסעמבורג, וועלכעס הויבט זיך אָן מיט וויס־געקאַלכטע הייזער, ווי אָפּגעשניטן בעלגיש באָדן.

לוקסעמבורג

אַרום 10 אָוונט נעמען זיך די דיקע ווייבער אין די וואַגאָנען וואַרפן אויף וואַליזעס און פּעק, און אַזעלכע פּיצלעך דאַרע מיידעלעך לויפן נאָך זייערע פעסטע מאַמעס, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַ דרייפערטלדיקע דייטשישע שפּראַך צעשאָטן איבער וואַגאָנען.

אַ גאַנץ שפּאָרער וואָקזאַל וויל זיך באַווייזן מיט דער גרויסקייט פון דער שטאָט, האָט ער צוגעגרייט גרויסע האָטעלן אויך מיט שטאָטישע רעקלאַמעס, מוזיק־קאַפעען און רעסטאָראַנען, און ער האָט אויסגעזעצט מענטשן ביי טישלעך אינדרויסן, און זיי יעדן דערלאַנגט אַ גראָ טעפל ביר, אַבי געסט זאָלן זען דאָס לוקסעמבורג איז מיט פאַרנעם.

יונגוואַרג טאַנצט. זיי שליידערן אַרויס הילכיקע געלעכטערס, וועל־כע דער וואָקזאַל כאַפּט אויף, און טיילט איין יעדן פרישן גאַסט, עפּעס קען מען דאָ מיינען מ'איז ערגעץ אין רוישיקן פראַנקרייך, אָבער פון אונ־טער די האָטעלן און קאַפעען הענגט אַ טונקעלע שטילקייט, ווייזט אויס אַז שטאָט האָט איבערגעלאָזט די ביינאַכטיקע טומלער, און אַליין געגאַנ־גען שלאָפן.

דער אייגענטימער פון האָטעל „קאָסמאָפּאָליט" שמייכלט האַלב פויל, אין אַ פאַרשלאָפענעם פראַנצויזיש, און לאָזט מיך איבער אין אַ צימער מיט אַ אָנגעלייגטער הויכער בעט, שטאָקן מיט קישנס, ער פרעגט מיך גאָרניט צי כ'האָב מיטגעבראַכט אַ לייטער פון פיקערלעשער...

18 יולי. באַלד אין דער פרי טומלט צוביסלעך אונטערן פענסטער. דאָס שטעטל איז 7 פרי אויף די פיס.

ניטאָ יענע פריילכע כאַליאַסטרע וועלכע האָט נעכטן אַריינגענאַרט קיין לוקסעמבורג. די קאַפעען זענען כמעט ווי ליידיק, בלויז רייזע־ביוראָס בעטן זיך מ'זאָל „אַריינשפרונגען" באַקוקן די שטאָט.

דער טוריסטן־אויטאָקאַר פירט איבער פרינציפּאַלנע גאַסן ווי די הויפּט גאַס איז „גראַנד רי", אַלץ זעט אויס באַשיידן און שטיל. אָבער עס וואַרפן זיך אין די אויגן פיל מאָנומענטן און אַלטע שלעסער, ווי דער אינטעליגענטער ערקלערער אין אויטאָקאַר גיט איבער אין קורצן די געשיכטע פון די אַלע דענקמעלער, אין אַ פליסיקן פראַנצויזיש און דייטש. מיר קומען צו צו אַ קאַזאַרמע און דאָ ערקלערט ער איז די מיליטערישע מאַכט פון לוקסעמבורג: „די אַרמיי באַשטייט פון 350 מאַן, און 2 האַר־מאָטן"...

די ענגלענדער, דייטשן און פראַנצויזן, אַלע לאַכן פון אַזאַ מאַכט, און דער טוריסטן אָנפירער לאַכט אויך, אָבער זיין לאַכן איז מער איראָניש, ווייל ער גלויבט ניט אין זייער מאַכט איבער לוקסעמבורג, זייערע לענ־

דער שטיקן מאַראַליש פיל נידעריקער, מיט זייערע טויזנטער האַר־מאַטן און פילע דיוויזיעס סאָלדאַטן.

דער צענטער פון שטאָט איז מיט בריקן איבער בריקן און עטליכע ברייטע בולוואַרן מיט בלומען־סקווערן מיט מאָנומענטן פון מלכים, פרינצן פּאָעטן און קאָמפּאָזיטאָרן מיט אַ צוגאָב פון סאָלדאַטן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה. די אונטערשטע טייל שטאָט באַשטייט פון ביר־ברויערייען, פאַבריקן און אַרבעטער וווינונגען אַחוץ פעסטונגען און קאַזעמאַטן.

אַ וועלט מיט פעסטונגען צווישן בוימער און בלומען שטעלט פאַר איין לאַנגע קייט פון שפּאַנישע, דייטשישע, פראַנצויזישע און עסטרייכישע מיליטערישע אָקופּאַנטן ווי יעדער גענעראַל און מיליטערישער באַזיגער האָט געלאָזט צובויען און צופעסטיקן, אונטערערדישע הייל, אַזוי, אַז גאַנצע קילאָמעטערס זענען דורכגעלעכערטע שטיינער אין פאַרשידע־נע פאָרמען און עפענונגען, זיג־זאַגן, וועגן און אַלייען, באַלויכטן מיט קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך, און טיילווייז מיט זונען־שטראַלן. עס זעט אויס אַז גאַנץ אייראָפּע האָט געשיקט מיליטער זיך צו שלאָגן און פאַר־נעמען לוקסעמבורג אין פאַרלויף פון די לעצטע עטליכע הונדערט יאָר, און דאָך איז לוקסעמבורג געבליבן ביי די לוקסעמבורגער...

געזונט, ברייט, ריין און מאַסיוו זען אויס די מענער און פרויען וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ביר־אויסאַרבעטונגען און ביר טרינקען, קיין בויט, קיין שמוץ אין די זייטיקע טיילן שטאָט ווי עס וווינען אַרבעטער און האַנטווערקער. די שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט פיל פריוואַט־אָפּ־געשלאָסענע, און אָפענע פּאַרקן, אומעטום אָטעמט מיט לופט, גרינס און בלומען, אָבער אַזאַ שטילקייט כאָטש אַרויסשלעפן די 60 טויזנט איינ־וווינער פון זייערע שטובן, און אַריינפירן זיי צו די מיט רייץ און כישוף באַטור־לאַנדשאַפטן אַרום, וועלכע איז אַזוי מחיה'דיק שיין קאָמבינירט, מיט קאָלירן און פאַרבן, ווי „נאָכגעמאַכט" די בעסטע נאַטור מאָלעריקען.

אויך דאַנסינגען, און האַלב וווינקענדיקע דריי־פּערטל פאַרמאַכטע קאַפעען מיט עטליכע פרויען־בילדער, אין פענסטער, וועלכע האַלטן זיך ביים אויסטאָן, און בלייבן אינדערמיט, פאַרמאָגט דאָס שטילע בעל־הבתישע, זאַטע, לוקסעמבורג. אָבער די פּלעצער זען אויס ווי פאַרשעמ־טע, ווייזט אויס אַז נאָכצוטאָגנצן פּאַריז איז לוקסעמבורג ניט פעהיק...

מעץ (פראַנצויזישע שטעט)

19 יולי. אַ שעה רייזע פון לוקסעמבורג ווי דער וועג איז פּילפּאַר־ביק און די פראַנצויזישע גרענעץ כמעט ווי ניט באַמערקבאַר. בלויז פאַב־ריקן קומען צעלויפן און זאָגן אָן אַז זיי וועלן אַריינפירן קיין מעץ. אַ

גרויסער פיין איינגעריכטעטער וואָקזאַל ווי אַן אַלטער פּאַלאַץ, ווייזט דעם וועג צו אַ היסטאָרישן טויער מיט צייכנס און שריפטן וועגן שלאַכטן און קאַמפן מיט שונאים, און באַלד קומט אונטער אַ שטאָט וועלכע סאַ־לוטירט מיט זעלנערישן סאַלוט.

80 טויזנט איינוווינער און 30 טויזנט סאָלדאַטן, אָבער סאָלדאַטן לאָזן זיך הערן און נוצן אויס יעדע פרייע מינוט צו שפּאַצירן, פאַרנעמען זיי טאַקע די טראָטואַרן, רעסטאָראַנען און קאַפעען, אַחוץ גרויסע געביי־דעס ווי זיי שטעקן אַרויס קעפּ צום דרויסן.

ביט דער קריגערישער גאַנג און ביט די זעלנערישע שטייפקייט ווי אין אַנדערע לענדער, די פראַנצויזישע סאָלדאַטן זען אויס מענטשליך, פאַרמאָגן חן, צוגלייך ווי אַלע פראַנצויזן, און אפילו אין זייער „פאַר־טשעפּן" מיידלעך ליגט אויך אַ שטיק קינדערשע־שפּילעוודיקייט, אַן סאָלדאַטישער גראָבקייט.

אַ שמאַלע האַנדלס גאַס איבערגעוואָרפן איבער קאַזאַרמעס, מאָנו־מענטן און קירכעס, דאָס שטעלט מיט זיך פאַר דער טומל און פאַרקער, און הערנאָך קומט אַן „אַלט מעץ". בינטלעך פון צענדליקער פאַרשידענע געסלעך, מיט פייכטער אָרימקייט און שמוץ, וווּ עס לעבן אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

די איינציקע געביידע וועלכע קוקט אַריבער די בייזע הייזער, און אי־בער אַלע 3־4 שטאָקיקע אַלטע הייזער איז די מעצער קאַטעדראַלע מיט איר גרויסאַרטיק געשניצטער אַרכיטעקטור.

ווו מ'רירט זיך איז זי דאָ, די קאַטעדראַלע. מ'זעט זי פון אומעטום, און ווייזט אויס אַז זי האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט, געוואָלט זען מעץ, האָט זי זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן שמאָלע פּאַסאַזשן, און אַלע געסלעך מיט די הייזער האָבן איר אומישנע פאַרשטעלט דעם וועג, און זי קען זיך ניט אַרויספּלאָנטערן, קוקט זי אַריבער אפשר וועט פּאַרט אָנקומען אַ פיינער מאַן און וועט מעשה קאַוואַליער די שיינע ברייטע מאַדאַם פון דאַנען אַרויספירן...

די מעצער יוגנט איז רירעוודיק און ענערגיש, מיט קלוגע אויגן, און פלינקע באַוועגונגען. פאַרנאַכט פילן זיי אָן די גאַסן, מיט שמייכל און לעבעדיקייט.

פיל סינעמאָס און טעאַטערס זען אויס פיין אויסגעשטאַט ווו די פיל־מען ווערן ערקלערט אויך אין דייטש, פאַר די איינוווינער וועלכע באַנוצן זיך מיט דער דייטשישער שפּראַך.

אַחוץ די קלענערע און גרעסערע קירכעס און מיליטערישע מאָנו־מענטן און קאַזאַרמעס וועלכע זען זיך אָן אין דער שטאָט איז דער שטאָט־גאָרטן דאָס סאַמע שענסטע און שטילסטע.

לענגאויס דעם וואַסער „מאָזעלל" ציען זיך צענדליקער בערגיקע

אַליקעס מיט בענק און בלומען וועלכע וואַרטן אויף פּאָרלעך, אָבער דער לאַנג־קילאָמעטערדיקער גאָרטן איז כמעט ווי ליידיק. אַחוץ עטליכע איינזאַמע עלטערע פּרויען, און אָפּיצירן מיט מיידלעך, זעט מען ניט די יוגנט זאָל אַהער מאַרשירן.

* * *

אין די האַנדלס־געסלעך טרעפט מען יידישע פּנימער און פּרעגנדיק אַזאַ מין ייד, וועלכער רעדט אַ גוטן פּראַנצויזיש שטייענדיק נעבן זיין געשעפט, וועגן יידן אין מעץ, הייסט ער גיין צו קאַפע „עקסעלסיאָר"... אַ קאַפע אַ מאָדערנע ניט ווייט פון וואָקזאַל, ווי אין פּראָנט זיצן אָפיצירן מיט מיידלעך, זיי שעפּן נחת פון די זומערן געזאַנג און שפּיל, וואָס דער אָרקעסטער, און געפּאַרבטע הויזנדיקע פּרויען, טיילן איין. אַ קאַפע מיט אַ אייגענטימער אַ געוועזענער קאָלאָנעל, וועלכער היט אָפּ און באַמיט זיך צופרידענצושטעלן אַלע קליענטן... טיף פּאַרוקט אין לאַנגען זאַל זיצן אין די ווינקלען מענטשן מיט אויסגעהאָרעוועטע פּנימער, און איראָנישע בליקן, וועלכע בלעטערן קאָרטן.

פּראָווינצער יידן פון פּוילישע שטעטלעך פּאַרברייננגען דאָ, נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי שניידעריי, און הויזירעריי, דאָ אין דער קאַפע און אין אַנדערע קאַפּעען געפינען זיי אָפּרו און גענוס...

דאָס זענען ניט קיין געבוירענע פּראַנצויזן, די יידן זענען נאַטוראַליזירטע, און טייל נאָך „גרינע" וועלכע רעדן נאָך אַ האַלבן יידיש מיט ברעקלעך פּראַנצויזישע ווערטער, זיי זענען עטליכע טויזנט אין צאָל, אָפּגעריסן פון גרעסערן יידישן ישוב אין פּאַריז, ווי עס באַוועגט זיך אַ שטיק יידיש קולטורעלע אַרבעט, די יידן אין מעץ ווערן פולשטענדיק פּאַרגראָבט.

די געבוירענע פּראַנצויזישע יידן מישן זיך ניט מיט די „גרינע" וועלכע „מאַכן זיך" פאַר פּראַנצויזן און רעדן עפּעס אַ מין „פּרעמדע שפּראַך", אָבער מ'טרעפט זיך אַמאָל אין שול וועלכע ליגט ערגעץ צווישן הויקערדיקע דורכגענג נעבן שמאַטע קרעמלעך און מיסט אָפּפאַל.

אָט נעבן דער שול־געביידע צווישן בריקן און קאַנאַלן, זעט מען יידיש אָרימקייט. יידישע קינדער אַרומגעהאָנגען נעבן רינשטאָקן, צווישן הונדערטער פּינסטערע בליקן פון אַלזשיריאַנער, עפּעס אַ מרה־שחורה'־דיק בילד, פון אַזאַ אַרט יידיש לעבן אין מעץ.

דיזשאָן

21 יולי. פאַבריקן, פעלדער און וועלדער באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. אָט האַכט זיך אַז דער וועג פון מעץ ביז דיזשאָן ענדיקט זיך מיט אַ שפּרייז ווי מ'פאַלט אַריין אין אַ וואַלקן־אָפּגרונט, אָבער עס נעמען אָנ־

קומען קאַליִרטע פעלדער אָנגעשטעלטע מיט כל־טוב, וועלדער מיט זון און טוי, אַלץ אַזוי ברייט און רחבות׳דיק פאַנאַנדערגעשפּרייט. אַ געבענטשטער פּראָווינציעלער באָדן, וווּ די מוטער ערד באַווייזט זיך מיט פעט־לייביקייט, קראַפט און לעבן.

נאָך 5 שעה פאָרן קומען אָן פאַבריקן און ווידער אַמאָל בערג, און עס באַווייזט זיך די שטאָט דיזשאָן. ניט אַזוי טומלדיק ביים אַריינשטעלן דעם ערשטן פוס. די האָטעלן און קאַפעען האָבן צייט צו באַטראַכטן אַ פרישן גאַסט. אַ טויער ווי אין מעץ, וועלכער ווייזט דעם וועג אין שטאָט אַריין, און עס נעמען אָנקומען שמאָלע גאַסן מיט האַנדל און גערויש. געוווקסיקע יונגעלייט און מיידלעך מיט פיין געשניצטע פנימער, און מאַניִרליכע האַלטונג. שיין עסטעטישע שוי־פענסטער פון ביכער און זשורנאַלן, און אויך פיל סאָלדאַטן אין קאַפעען און רעסטאָראַנען.

אַזעלכע ריינע זייטיקע געסלעך און מאָנומענטן מיט נעמען פון פּאָעטן, מאָלער און שרייבער, וועלכע זענען געבוירן אָחער האָבן געלעבט אין דיזשאָן, דאָס אַלץ וועקט אַ שטיק דרך ארץ.

ציען זיך זייטיקע גרין־באַוואַקסענע בולוואַרן, מיט שטילע פּלעצער, וועלכע זען אויס ווי לאַנגע שמעקעדיקע שפּאַציר־וועגן, אויף וועלכע יונגע באַלעבאָסטעס באַנוצן זיך אויף ראָווערן, כדי צוצוקומען צו די זייטיקע געסלעך פון שפּייז און פּראָדוקטן.

מ׳זעט ניט קיין אַרבעטער עלעמענט אין צענטער שטאָט. די מערהייט פון די 95 טויזנט איינוווינער זענען מיטל־קלאַס מענטשן, ווייל די פאַבריקן און אַרבעטער וווינונגען זענען אויסער דער שטאָט.

פעלן ניט קיין אַלטע קירכעס אין דיזשאָן. אָבער די אויסערליכע באַפּוצונגען און אַרכיטעקטור־שניצערייען זען אויס אַביסל אַנדערש ווי אין אַנדערע שטעט מיט זייערע געזימסן פון חיות, בהמות און מענטשליכע משונה׳דיקע צורות. די קירכע סט. מישעל איז אין פראָנט מיט קעפּ פון יידישע נביאים, און די זייטן זענען באַפּוצט מיט קעפּ פון חיות. דאַכט זיך ווי אָנצושרעקן די דורכגייער, אָנוואַרפן אַ מורא, אָדער ווי אַ חוזק צוגעטראַכט פון וועלכן אַטעאיסט... מ׳טרעפט אינעווייניק פינסטרע ווענט, און וואַקסענע ליכט, ווי אין אַלע קירכעס. און אויסער עטליכע עלטערע קניענדע פרויען זעט מען ניט קיין שום לעבן, הגם פאַרשידענע אויסערליכע און איניערליכע פּלאַקאַטן רופן דער יוגנט, און סאָלדאַטן, זיי וואָרענען פאַר „שלעכטע פילמען", וועלכע ווערן באַצייכנט לויט זייערע נעמען מיט רויטער פאַרב וועלכע מען דאַרף אויסמיידן...

אַ שיינע סימפּאַטישע שטאָט וועלכע מאַכט אַן אַריסטאָקראַטישן איינדרוק, ווירקט גוט מיט איר קולטורעלן אויסזען, אָן גרויסער אָרימקייט. די מענטשן זען אויס פריינדליך און סימפּאַטיש.

* * *

מ׳טרעפט זיכער ווייניק יידישע פנימער אין דיזשאָן. דאָ און דאָרט נעבן אַ געשעפט באַמערקט מען אַ פּאָר יידישע אויגן פון אַ יידיש מיידל, וועלכע פאַרמאָגט עטוואָס יידישעס אין איר פיינעם פראַנצויזיש, אָבער מעגליך אַז דאָס איז אַ פראַנצויזקע וועלכע רעדט אַביסעלע אויף אַ העכערע שטימע, און באַוועגט עטוואָס מער מיט די הענט. אין אַ שיינעם געגנט בלאַנקט אַרויס אַ שיין־אויסגעבויטע שול אַזוי אַ פאַרמאָט פון אַ טעמפּל ערגעץ אין ווייטן מזרח, זי וואַרט אפשר וועלן דאָך יידן פאַרבלאָנדזשען אַהער.

אַרום 5 נ. מ. (שבת) טרעפט מען אַ שמש, אַ חזן און אַ צענדליק מתפללים, אָבער דאָס זענען ניט קיין פראַנצויזישע יידן נאָר דייטשישע פליכטלינגע. זיי שטיצן אונטער די רייכע שיינע שול מיט אַ מנחה.

ליאָן (די שטאָט פון זייד)

23 יולי. פון דיזשאָן קיין ליאָן נעמט 3 שעה פאָרן. אַ אויסערגעוועגליך רייכער וועג, עס בלענדעט מיט פילפאַרביקייט. אַ וועג פון פעלדער, וועלדער און וואַסערלעך, אַלץ אַזוי אָנציִענד און קאָלירפול ביז וואַנען עס באַווייזן זיך גרויסע בערג, פיל הייזער און פאַבריקן, ווי מ׳ווערט דערנאָך „אַריינגעכאַפּט" פון אַ טונעל וועלכער האַלט אָפּ 10 מינוט (דאַכט זיך אַז שעה׳ן) און אַ פאַרנעם פון אַ שטאָט פאַר די אויגן.

ווי מ׳לאָזט זיך נאָר אַרונטער פון וואָקזאַל צו דער שטאָט, קומען אָן סקווערן און אַלייען, זיי זאָגן דעם ערשטן ברוך־הבא. און דערנאָך טומלדיקע בולוואַרן באַזעצט מיט אַלע מינים שפּילערייען, ווי אין פּאַריז „אָפּעט" (אויסגעשטעלטעביידלעך פאַרוויילונגען). דאָ טרעפט מען דאָס פאָלק, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג.

און וואָסער קאָנטראַסט פון די ליאָנער פנימער צו די פון דיזשאָן. ביטאָ די אויסגעצאַצקעוועטע און אויסגערוטע שטריכן, דאָ טרעפט מען אויסגעפּראַצעוועטע אויסגעמאַטערטע מענטשן, ווי אין יעדער גרויסער אַרבעטער־שטאָט. די 600 טויזנט איינוווינער מיט זייער האַק און פּאַק פון האַנדלס־גאַסן, גרויסע מאַגאַזינען, פאַבריקן און וווינונגען ווערן דורכגעשניטן דורך צוויי וואַסערן, וועלכע רופן זיך „ר׳האָן" און „סאָהן", זיי האָט זיך דווקא פאַרגלוסט צו טרעפן אין ליאָן, און צוזאַמען דורכשפּאַצירן די לענג פון דער שטאָט.

אַ פאַרנעם פון אַ האַנדלס־צענטער מיט גאַסן און גרויסע געשעפטן, האָטעלן און קאַפעען, סינעמאַס און מאָנומענטן. אַלץ איז רייך אויסגעשטאַט מיט גלאַנץ און געשמאַק.

אָבער עטוואָס אָנציִענדעס וועלכעס מ׳טרעפט דאָ מער ווי אין אַנדערע פראַנצויזישע שטעט, אַזעלכעס וואָס קוקט אַרויס פון שוי־פענ־

סטער און מאַגאַזינען, אַזעלכעס וואָס ווינקט, רופט אין פאַרשידענע שטילע און פאַרשייטע קאָלירן און נואַנסן, הויפּטזעכליך רעדט דאָס צום פרויען פאָלק, אָבער אויך מענער קענען ניט פאַרבייגיין ניט גנב׳ענדיק שטיקער פיינע ווייכקייט און עלאַסטישקייט, ווי דאָס זענען די פאַרשי־דענע זייד שטאָפן אין דעם ליאָן.

די שטאָט איז רייך אין זייד־געשיכטעס, און גראָדע האָבן אַרבעטער צו דערציילן ניט פון „זיידענע צייטן" הגם זייד־מלאכה איז פאַרפלאָנצט אין ליאָן שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

ניין, מ׳יאָגט ניט, מ׳לויפט ניט ווי אין פּאַריז, דער ליאָנער איינוווי־נער נעמט דאָס לעבן אַביסעלע געלאַסענער, עס וואַרטן ניט אויף אים אַזוי פיל בולוואַרן און „מאָנמאַרטס" ווי אויף דעם פּאַריזער.

פאַבריקן און קירכעס, מאָנומענטן און מוזעאומס, אַ געמיש פון מיס־טיציזם און ראַציאָנאַליזאַציע, פאָמעליכדיקע באַלעבעסלדיקייט און גע־שווינדע טעכניק געשיכטע און מאָדערנער היינט אויסגעגאָסן אין בראָנז און גראַניט, ניט אַזוי שרייעריש „הפקר׳דיק" ווי אין פּאַריזער גלאַנץ, נאָר דיסקרעט איינגעהאַלטן און כמעט ווי זיכער. דאָס פאָלק עסט, טרינקט, אַזוי געזונט ערדיש, אַפּעטיטליך. אַ ספּעציפיש ליאָנער קוך־קונסט וועלכע שמעקט אַרויס, שיקט אַרויס אַפּעטיטליכע ריחות פון אָפענע און פאַרהאָנגענע רעסטאָראַן־טירן, און ווי באַלד מ׳טוט אָן דעם כבוד, און מ׳הייסט זיך סערווירן, קריגט מען טאַקע פיינע געשמאַקע פּאָרציעס, נאָר אַהיים מיטצונעמען... פאַרשידענע איינריכטונגען און גע־ביידעסוועלכע זענען מיט פאַרנעם איז די נייע פּאָסט, נעבן פּלאַץ „בעל־קור", ווי אינעווייניק זעט אויס ווי אַ מאָלעריי־אויסשטעלונג. די ווענט זענען מייסטערהאַפט באַאַרבעט מיט פאַרשידענע וועלט טיילן, און דאָס לאַנד פראַנקרייך, מיט איר אַרבעט און טעכניק.

טיילט זיך אויס דער פּאַרק „טעט דע אָר" (גאָלדענער קאָפּ) ווי צווישן די מאָנומענטן אַ ריזן־מאָנומענט, מענער טראָגן אַ טרומנע (גע־פאַלענע אין וועלט־קריג) וואָס איז ממש פאַרכאַפּנד.

אויך מאָדערנע ריזיקע 15־18 שטאָקיקע געביידעס אין נייען פאָלקס־געגנט, געביידעס מיט מאָדערנע באַקוועמליכקייטן וועלכע גאַסן טראָגן אַזעלכע נעמען ווי עמיל זאָלאַ, און ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם אַנרי באַרביס, צווויי נעמען וועלכע זאָגן פיל, פון קאַמף פאַר בעסערע פאָלקס באַדינגונגען.

אַ טראַמוואַי פירט אַרויף אויבן צו „קרואַ־רוסס", ווי אַ טייל פון דער שטאָט ליאָן לעבט און אַרבעט. די אויבערשטע טייל שטאָט איז כמעט ווי אָפּגעזונדערט פון דער אונטערשטער וועלט, מיט אַ ריזיקן שטיין, אַזאַ מין „גרענעץ" ווי דער ריזיקער באַרג־שטח ענדיקט זיך, און לאָזן די הייזער, פאַבריקן און קלויסטער־שפּיצן פּרובירן אַרויפקריכן, לאָז די

גאַנצע אַרמיי, וועלכע האָט אַזוי געגעבן אַ שפּאַציר צו ווי אויף אַ באַפעל פון אַ קאָמאַנדיר, לאָז זי פּרובירן זיך פאַרמעסטן מיט דעם באַרג, וועלכער האָט „געפאַנגען" איינעם פון די „גענעראַלן", די קירכע „נאָטער־דאַם", וועלכע שיינט אַראָפּ מיט אַרכיטעקטור, און אינעווענייקסטער רייכקייט.

ליאָן פאַרמאָגט די זעלבע פריינדליכקייט און מענטשליכע וואַרים־קייט ווי פּאַריז, מ'פילט זיך דאָ היימיש צווישן אַרבעטער און מיטל־קלאַס מענטשן, דאָס פאָלק פון ליאָן ווירקט סימפּאַטיש.

* * *

יידן אין ליאָן ציילן ניט פיל. דער עלטערער עמיגראַנט שטאַמט אַ מערהייט פון טערקיי. זיי, די טערקישע יידן, וועלכע לעבן שוין עטליכע דורות אין ליאָן, פאַרנעמען אַ גרויס אָרט ביים האַנדל, זיי האָבן אַ איי־גענע שול און האַלטן דאָרטן זייער גאָט.

די עטליכע טויזנט פּוילישע יידן וועלכע מ'הערקענט אין גאַס לויט זייערע פּנימער, פאַרנעמען זיך אויך מיט האַנדל און אַ גרויסער טייל לעבט פון שניידעריי.

זיי לעבן צעוואָרפן, און ווילן זיך נאָר טרעפן צופעליק, יעדער צי־טערט דער צווייטער זאָל אים ניט אויסכאַפּן...

אין אַ זייטיק געסל נעבן באַלעבטן פּלאַץ „רעפּובליק" הענגט אַ שילדל „כשר" ווי דער אייגנטימער רעדט דייטשמעריש, און דייטשישע יידן מיט קאַפּעלעך, אַלס צייכן פון „פרומקייט" און עטליכע פראַנצויזישע יידן, זיי באַלעקן זיך מיט טעלערס לאָקשן, און שטיקלעך פיש, און די ווענט רעדן פון פּאַלעסטינער ניי יידיש לעבן, ווי צווישן די נייע און אַלטע ביבלישע מאָטיוון שיינט אַרויס אַ בילד ווי יוסף ראַנגלט זיך, לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון פּרעה'ס ווייב...

מ'זעט ניט קיין מאָדערנע יידיש לעבן אין ליאָן, ווייל דער עלטערער עלעמענט פאַרנעמט זיך מיט האַנדל, און אויסמיידן „צופּיל" יידן, און דער יונגער יידישער עמיגראַנט פון פּוילן באַזעצט זיך ניט אין ליאָן.

* * *

פון ליאָן ביז מאַרסעיל טרעפט מען בערג, טונעלן און פעלדער פאַרפלאַנצט מיט בוימער, דערפער און שטעטלעך. וואָס נענטער צו מאַר־סעיל אַלץ קלאָרער דער הימל און אַלץ וואַרימער.

צענדליקער קילאָמעטערס זענען מיט שטיינערנע בערג, טרוקענע פעלדער כמעט אָן גרינס. דאָ און דאָרט טרעפט מען איינצעלנע פאַר־בלאָנדזשעטע הייזער וועלכע שטייען ווי בראַווע סאָלדאַטן, העלדן, אַליין איינגענומען גרויסע פּאָזיציעס אין מיטן פעלד, און וואַרטן אַנדערע זאָלן נאָכקומען.

טונעלן און בערג פון איין זייט, און רעכטס באַווייזן זיך מחנות היי־זער און פאַבריקן. זיי לויפן, שלעפן אַלץ מיט אַ געיעג, און צווישן די

פּיס שאַרט זיך אַריין קרישטאָלן וואַסער.

עס דערנענטערט זיך אַ שטאָט מיט געדויש און קלאַפּעריי וועלכע ליגט 5 שעה פאָרן פון ליאָן.

מארסעיל (אַ שטאָט פוס אַרויף און פוס אַראָפּ)

25 יולי. אַ נייער גרויסער וואָקזאַל אונטער אַ ברענענדער זון, נעמט אָן ביי דער האַנט און פירט אַרונטער עטליכע שטאָק. זייטיק לויפן נאָך פּאַלמען־בוימער, זיי ווייזן אָן צו דער אונטערשטער שטאָט וועלכע האַלט אין איין אַנטלויפן פון וואָקזאַל מיט טראַמוואַיען, וועגענער, אויטאָס. זיי שטעלן פּיס, אַלץ שפּרייזט ווי אין אַ גויעג. מ׳לויפט, מ׳יאָגט, מ׳טראָגט, אַלץ מאַרשירט אין אַ ווילדן געאייל. דאַכט זיך אַז אָט וועלן די ריזיקע מאַגאַזינען, מיט די גאַסן און סקווערן מיטנעמען אויך די קליינע געסלעך וועלכע קערן זיך קאַזשעלקעס קאָפּ אַראָפּ, פּיס אַרויף, מיטשלעפּן די דיקע ווייבער וועלכע ווייסן ניט ווי צו שטעלן „אַ זיכערן“ טריט, אין אַזעלכע שפּרינגענדיקע געסלעך, מיטרייסן אויך די שוסטער־בודקעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט אין פראָנט טראָטואַר, פאַריכטן שיך, באַרימען זיך דאָ נאָך מער ווי אין אַנדערע טיילן פראַנקרייך, מיט זייער ליבע צו האַנטווערקערײ. דאָס אַלץ האַלט ביים אַוועקמאַרשירן, מיטמאַרשירן מיט׳ן הימל, צום בלאָען מיטלענדישן ים, וועלכער איז גרייט אַלע מיטצונעמען מיט האַק און פּאַק.

ווייסע, געלע, שוואַרצע און ברוינע. אַלע קאָלירן, שאַטירונגען און אויסדרוקן פון פאַרב און ראַסע, איז דער מענטשליכער מאַטעריאַל אין מאַרסעיל. אויגן מיט אַפריקאַנישע בליקן און אַזעלכע וואָס זשמורען האַלב לענגליך פון ווייטן יאַפּאַן און כינע. ברייטע רוסישע פּלייצעס און דינע פראַנצויזישע פּרויען פּיסלעך, הויכע אַמעריקאַנער און קליינטשיקע אַלזשיריאַנער, גראָבע בייכיקע הערן פון אַלע ראַסן, און קליינע דאַרע צייטונגס־פאַרקויפער פון פאַרשידענע פעלקער, וועלכע שרייען אויס די נעמען פון פראַנצויזישע צייטונגען אין אַ געמיש פון פאַרשידענע אַקצענטן. אַלץ שרייט, טומלט, פאַרקויפט און קויפט, שוויצט אונטער אַ גליענדער זון וועלכע דעקט איבער די שטאָט פון איבער 700 טויזנט איינוווינער, מיט אַ 7 מיליאָניקן טומל, אונטער דעם בלאָען הימל.

פעלן ניט קיין קירכעס און מאָנומענטן, פּאַלאַצן און קאַסינאָס וועלכע זענען ווי איבעריקע אין הו־האַ פון האַנדל וואַנדל. בלויז אַ נעבעכדיקע אָפּערא געביידע האָט געוואָלט ציען אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך אַריינגערוקט צווישן פלייש געשעפטן, און דריטראַנגיקע האָטעלן און רעסטאָראַנען, ווי יעדעס שפּיז געוועלבל און פאַריכטער פון זייגערס באַרימט זיך מיט דער פירמע „אָפּערא“.

אַ טראַמוואַי פירט צו דער פּליאַזשע ווי הונדערטער ווילִיעס און פּאַלאַצן שטייען פאַרבאַהאַלטן אין שטילקייט צווישן גרינס און פּאַלמען־בוימער. אַזאַ מין מחיה׳דיקער שפּאַציר לענג אויס „פּראָמענאַד דע לאַ קאָרניש“ וועלכער פירט קיילעכדיק עטליכע קילאָמעטער אַרום ברעג פון ים ביז עס לויפט אונטער אונטער אַ באַרג פון שטיין, אויף וועלכן עס רוט אַ קירכע „נאָטר־דאַם“ מיט פינסטערע זאַלן און „הייליקע בילדער“, און אונטן אַ שטאָט מאַרסעיל מיט אַ וואַסער און אינזעלעך אַרום אַ גרויסע שיינע פּאַנאָראַמע פאַרכאַפּט דאָס אויג פון אַלע זייטן.

אַ גאַנץ שיין בילד פון אויבן. אָבער שפּאַצירנדיק גלייך מיט די בולוואַרן מיט מאָדערנעם לוקסוס, און האַנדל, קומט מען צום „אַלטן פּאָרט“, ווי הונדערטער פּישער שיפלעך, יאַכט שיפלעך און משא־שיפן, פאַרדעקן דאָס וואַסער ווי אַ אָנגעשטעלטער טיש מיט פאַרשידענע שפּילצייג־זאַכן. אַלץ אַרום איז אַזוי ברייט שמייכלדיק, און הפקר׳דיק, לאַכעדיק מיט אָפענע טירן און פענסטער פון מוזיק קאַפעען און רעסטאָראַנען. זאַטע מענטשן לאָזן זיך גערן באַדינען, און קעלנער סערווירן מיט אויטאָמאַטישער געוווינהייט, דאָס לעבן זעט דאָ אויס זאַט, לוסטיק, ריין און צופרידן.

נעמען פיס פאַרקריכן צו דער רעכטער זייט פון דעם „אַלטן פּאָרט“, איין שמאָל געסל שלעפּט אַריין אין אַ צווייטס, אין אַ דריטס, און באַלד פאַרוואַנדלען זיך שמאָלע שמוציקע געסלעך, און רינשטאָקן, מ׳נעמט זיך פאַרלירן אין אַ טיפעניש פון לעכער, וועלכע זענען פון אויבן באַהאַנגען מיט „פענער“, נים פון דער 150 יאָר פייערונג פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון : „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט“, נאָר פון קאָלירטע אונטער־וועש און אַלערליי מענער און פרויען אויסשניטן, פאַרשידענע פאָרמען און מאָהעלן וועלכע שליסן ברידערשאַפט פון איין זייט רינשטאָק שפּאַרע, צו דער צווייטער דורך שטריק פון שוואַרצע עפענונגען וועלכע דאַרפן פאָרשטעלן פענסטער און מ׳קען זיך פילן גאַנץ זיכער אונטער אַ רעגן ווייל דער הימל קען אַהערצו נים צוקומען.

זיצן און ליגן אויסגעשמירטע קינדער, זיי קלעפּן אין די רינשטאָק פּאַסאַזשן, פּנימלעך פון פאַרשידענע פעלקער אָפּשטאַמען קוקן נאָך יעדן פאַרבלאָנדזשעטן דורכגייער וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין זייער וועלט פון שמוץ און שטינקעכץ. פרויען און מענער קעפּ רעדן צווישן זיך אויף אַלערליי שפּראַכן, זיי שטאַרצן אַרויס פון די פענסטער לעכער, און פילן אָן די קאַפּע־שטיבלעך און שפּייז־געוועלבלעך וועלכע זען אויס ווי פינסטערע פאַרפירערישע עפענונגען, און פינסטערע היילן, אַזעלכע קאַפען מיט דרויסנדיקע בייכיקע ווייך־פּעסער, און פאַרשמירטע פרויען־פנימער, וועלכע ווינקן ביי האַלב אויסגעלידיקטע פלעשלעך צו דרויסנדיקע דורכגייער.

דער עיפּוש׳דיקער לאַבירינט פאַרשלעפּט אַלץ ווייטער און טיפער,

לאָזט בשום אופן ניט אַריין די זון, און ווען דער אָוונט פאַלט צו, ווערט דער געדרוך שטיקענדער, די פּנימער זען אויס שוואַרצער, פיל טונקעלע קעץ קריכן אַרויס פון באַהעלטענישן און נישטערן צווישן אָנגעוואָרפענע מיסט־פעקלעך, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער די געסלעך, און ווי פלע־דערמייז וואַלטן דאָ איבערגענומען די הערשאַפט.

אָבער אויך „פרייד" פאַבריצירט דער טייל פון סאַמע מאַרסעילער אָפּפאַל. ביינאַכט נעמען זיך באַווייזן עלעקטרישע ליכט, רעקלאַמעס וועל־כע שיינען אַראָפּ מיט קרענקליכן גלאַנץ פון פאַרמאַכטע לאַדנס און טירן, אַרום וועלכע עס גרופּירן זיך אַלטע דעגענערירטע פרויען טיפּן, וועלכע וואַרטן אויף געסט...

פרייד און פאַרווײלונג זאָגן צו די באַלויכטענע שמוץ ווינקלען, צווישן די אומצײלבאַרע קראַנקע נעסטן, מוזיק שלײדערט אַרויס פאַר־שוויצטע טענער, וועלכע לויפן איבער צו די גאַנץ־שוואַרצע מיסט־פאַסאַזשן, ווי די קעץ האָבן שוין באַוויזן צו פאַרנעמען אַלע דורכגענג.

קומט מען צוריק אַרויס צו דער אָפענער טייל שטאָט, ביים „אַלטן פּאָרט" ווי לעבן איז דערטרעגליך, איז ווי פון אַ ענג קלעפּיקער באָדע, וועלכע לאָזט זיך ניט אַראָפּשווענקען פון שײנעם ים, אַזאַ מין שמוץ־ווינקל, ווי דאָס גרויסע פאַריאַגטע מאַרסעיל זאָל קענען האַלטן איר אָפּ־פאַל, און אַזאַ מיסט־קאַסטן האָט מען אַ נאָמען געגעבן „אַלט־פּאָרט" כדי צו פאַרדעקן מאָדערנער עגאָאיסטישער שטאָט־ווירטשאַפט, וועלכע זאָרגט ניט פאַר די דערשלאָגענע, אין זומפּ טאָפּטשענדע, מענטשליכע לעבנס.

כמעט אַלע מאַרסעילער גאַסן ווערן פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער שטילקייט ווען די נאַכט פאַלט צו. ווי מיט כישוף איז דער טומל, דער בייטאָגיקער הו־האַ, פאַרטריבן. פון די געשרייען, איילענישן און פאַר־קויף איז בלויז מיסט און אָפּפאַל פאַרבליבן. דאָס לעבעדיקע און רירעוו־דיקע, ווי מיט'ן וואַסער אַוועקגעשווומען. טייל פאַרבאַהאַלטן זיך אין סי־נעמאַס, אין טעאַטערן, טייל רוקן זיך אַריין טיפער אין די קאַפעען, און בלויז איינצעלנע שפּאַצירער, וועלכע האָבן ניט „איינגעשטעלט" בייטאָג צו שווימען אין לויפענדיקן שטראָם, קוקן זיך איצט אַרום ווי די שטאָט האָט פאַרלוירן איר רייץ און לעבן, וועלכע פּראָסטיטוטקעס, און פּאָלי־ציי־לייט פּרובירן איבערנעמען, די ערשטע מיט שאַנדע־פאַרקויף, די צווייטע מיט שטאַרקע מאַכט־בליקן, וועלכע דערמאָנען אין די פּאַריזער פּאָליציייאישער סעקציע „פליקעס" וועלכע קענען באַנוצן פויסטן אין אַ בויט־פאַל...

אַרום 1 פאַרטאָג איז די שטאָט כמעט ווי אַ פאַרזונקענע אין שלאָף. נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, האַנדל, לאַדעווען, נאָך אַ שווערן טאָג גע־ראַנגל פאַר עקזיסטענץ, בלויז דער „אַלטער־פּאָרט" איז ווי אַ ריזיקער

מיאוסער בלאָטער. דאָס בלייבט אין געדאַנק פון אַ באַזוכער וועלכער האָט איבער דער שטילקייט פון מאַרסעיל.

פון מאַרסעיל קיין קאַן

27 יולי. די זון ברענט ווי אין אַפריקע ווען דער צוג פאַרלאָזט מאַרסעיל אַרום 12 בייטאָג. בערג, פעלדער, ביימער און דערפלעך לויפן נאָך, ווילן אויך אַנטלויפן פון דער היץ.

טונעלן פאַרהאַלטן, ווילן ניט דורכלאָזן די באַן מיט אַזוי פיל מיט־לויפערס, אָבער דער צוג גליטשט זיך דורך, שמוגלט דורך די גוטע פריינט, און אומגעריכט קומט צו לויפן דער מיטלענדישער ים, ער האָט זיך אויך אַרויסגעכאַפּט, פאַרלאָזט דעם „אַלטן־פּאָרט״, וויל מיטפאָרן קיין קאַן.

הויבט זיך אָן אַ געראַנגל צווישן בלאָ־גרינעם וואַסער מיט די פעל־דער, וועלדער און הייזער. זיי ווילן באַנט זיין, ניט פאַרלירן דעם קאָנ־טאַקט מיט דעם אַנטלויפענדען צוג, און דאָס וואַסער ווינקט, קריכט אונ־טער פּאָלעס און ביימער שפּאָרעס, וויל דווקא פאַנאַנדערשטופּן גרויסע בערג, מיט פּיצעלע „קינדער״־בערגלעך וועלכע ער כאַפּט אויף די פּליי־צעס, און דאַכט זיך געוווּנען, דער ים לויפט גלייך מיט די שינעס.

אָבער אַזאַ אָנגעלויף פון בערג, אַזאַ מין פאַרזאַמלונג פון אַלע זייטן, זיי קוקן צו ווי דער ים אַנטלויפט מיט זייערע קלענערע בערג, טראָגט זיי אויף זיינע ברייטע פּלייצעס. אָן אַ שיעור בערג, פון אומעטום וואַקסן זיי אויס, זיי נעמען צו הילף פעלדער און ברייט צעוואַקסענע ביימער, גע־שניטענע בינטלעך קאָרן, שטעטלעך און גערטנער, און פּאַלמען־ביימער, נעמען צו הילף פאַבריק־קוימענס, און דאַכט זיך אַט דער ים איז אין קלעם, פאַרשפּאַרט, פאַרשטעלט, פאַרינגלט דורך די אַלע פאַרשידענע מחנות, ביז וואַנען עס באַווייזט זיך אַ סטאַציע „סט. ראַפאַעל״ און מיט דעם ים, וועלכער האָט קונציק באַוויזן צו פאַרלויפן אונטן אַרום, און בלאָזט אַריין זיין קילן אָטעם אין די וואַגאָן־פענסטער, וויל אַלץ פאַר־יאָגן מעשה־זיגער. עס העלפן שוין ניט די ברייטע פּאַלמען־ביימער וועלכע ווילן דעם ים פאַרשטעלן, ווי ברייטע יידענעס „אַ צעלאָזן קינד״ מיט זייערע „פאַרטוכער״, ווייל דאָס בלאָע, דאָס וואַסערדיקע, איז שוין האַרט ביי די שינעס, דערלאַנגט אונז רייזנדע „שלום עליכם״.

ווי פון הימל אַראָפּ וואַקסט אויס אַ שטיינערנע וואַנט מיט ביימער־דיקע „וועכטער״, וועלכע יאָגן זיך אין אַ זיג־זאַגן וועג, און דאָ דאַכט זיך קומט שוין דער געראַנגל פאַר צווישן צוג און דער וואַנט, ווער עס וועט פריער און בעסטער צוקומען צו דעם פאַרטריבענעם ים, אָפּט קומען בערג פריער, זיי האַלטן זיך אין איין געשלאָסענער ליניע, אָבער אומבאַמערקט

הערפּילט מען אַ קיל גלעטן אונטער די פיס, דאָס וואַסער איז אונטער די שינעס־בריקן. דאָ ווערט די שפּיל פאַרענדיקט ווייל אַ סך הייזער קומען באַגריסן די צוויי געסט, דעם צוג און דעם מיטלענדישן ים, וועלכע זענען פאַרפאָרן אין שטאָט אַריין.

קאַן (אַ שטאָט וואָס באַדינט)

נאָך קנאַפּע 4 שעה פאָרן ווערט מען אַריינגעפירט אין אַ באַשיידן וואָקזאַלכל ווי האַלב נאַקעטע ברוינע פלייצעס, פיס און הענט, פאַלמען־בוימער אין זייער שיינער מאַיעסטעטישער ברייט, קומען אַראָפּשלעפּן דאָס אָנטועכץ פון די נייע געסט.

צו וואָס אַזוי פיל טאַקסיס ביים וואָקזאַל ווען אַ לופּטיק ווינטל פירט איבער עטליכע האָטעלן און קאַפּעע־גאַסן גלייך צום אָפּענעם ים, ווי איין זייט איז פאַרשטעלט מיט טונקל פאַרנעפּלטע בערג, און די איבעריקע באַפּוצט מיט אַ קראַנץ פון שיינע הויכע פאַלמען־בוימער, און האָטעלן, האָטעלן אָן אַ שיעור.

ניט אַזוי לייכט צו קריגן אַ צימער אין די קלענערע פלעצער, ווייל אפילו די דריט־ראַנגיקע סקריפּענדע האָטעלכלעך באַטראַכטן אַ גאַסט, וויפיל מ׳וועט קענען פון אים אַרויספּאָמפּעווען, דורך דער צייט פון פאַרנעמען אַ שטיקל פלאַץ אונטער זייער דאַך, און די מערהייט רעדן אײַן מ׳זאָל פאַרזוכן זייערע געשמאַקע עסנס, וועלכע זענען די „ביליקסטע” אין קאַן.

און ווי אַזוי הויבט זיך אָן אַ טאָג לעבן אין דער שטאָט פון 50 טויזנט איינוווינער, אין קאַן?

מ׳שטייט אויף שפּעט, האַלב אָנגעטאָן גייט מען צום ים בעמען אַ באָד, און באַדינער וואַרטן אָפּ די הערן צום פרישטיק מיט אַזעלכע גרייטע ענגלישע, איטאַליענישע, אַמעריקאַנישע און דייטשישע שמייכלען, לויט דער מאַרקע פון אויטאָמאָביל. אַזוי ווערט פאַרבראַכט אין די האָטעלן און לוקסוס צעבויעטע רעסטאָראַנען ווי אַלץ דעמאָנסטרירט מיט בלוט און פלייש אָנגעפּראָפּטע גלידער, ביז עס ווערט סערווירט מיטאָק אויף פיל טעלער און טאַצן, און שטיקער איבערגעבליבענע שפּייזן ליגן אָנגעוואָרפן אין זייטיקע רעסטאָראַן ווינקלען פאַר דער דינערשאַפט ריין צו מאַכן.

אַרום דער פליאַזשע ווערט לעבעדיק, יונגע זין און טעכטער פון פאַרשידענע נאַציאָנען לאַכן און שטיפן צוזאַמען, זייער עראָטישער פיין, קערפּערליך־באַפליגעלטער רייץ, שפּילט אויף אינטערנאַציאָנאַלע טענער, ברידערליך זענען די יונגע שיינע יונגעלייט און מיידלעך, אַלע זענען פאַרייניקט, ווייל זיי שלאָפן און עסן אין די זעלבע פיין פאַרפּוצטע צימערן, אונטער געמיינזאַמע דעכער, און ווערן סערווירט פון איין טאָפּ.

אַלע פאַרמאָגן „חשוב׳ע“ טאַטע מאַמע, מיט געשעפטן, פאַבריקן, פעלדער, הייזער, אונטערנעמונגען, טרייב־קראַפט און פּאָזיציעס אין פאַרשידענע פלעצער אויפ׳ן ערד־קוגל. עס מאַכט ניט, וואָס טאַטעס קאָמבינירן, דרייען און שפינען בעסערע פּאָזיציעס צו פאַרכאַפּן, אין נאָמען פון „נאַציאָנאַליזם“ און „פּאַטערלאַנד“, דאָ, די יונגע לוסטיקע גוואַרדיע, וויל ניט וויסן פון טאַטעס חשבונות, פון האַרמאַטן און עראָפּלאַנען, זיי האָבן אַלע פיינע קערפּערס און באַגערן, דיזעלבע רייצנדע געשמאַקן, וועלכעס איז אַזוי פיין קאָמבינירט אין יוגנט, זון, וואַסער, בלומען, מוזיק און שפּיל, אין אַזאַ מילדער מחיה׳דיקער פאָרם ווי עס קען זיין אין קאַן.

די שפּאַציר אַלייען ווערן געדיכטער, די פרייע און אָפּגעצאָלטע זיך פלעצער במעט ווי פאַרנומען, און עס הויבט זיך אָן די העפּיליאַדע. באַחנ׳טע פראַנצויזקעס מיט אויסגעגאָסענע ווי פון בראָנז פיגורן, וועלכע האָבן נאָך ניט העצידירט ווי אַזוי זייער יוגנט שנעל און הולטאַיש צו פאַרטאַכליעווען, און יונגען מיט פעסטע פּלייצעס און געזונטע מוסקולן, מיט אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס אָדער אַמביציעס, זיי זען אויס ווי „געבוירענע בעמער“, זייער איינציקע קוואַליפיקאַציע איז וואָס מער צו גענִיסן, אַריינגיסן געזונט און גענוס אין זייערע קערפּערס, עפּעס ווי די וועלט איז באַשאַפן זיי אונטערצוטראָגן דאָס שענסטע און בעסטע, ווייל די וועלט דאַרף זיי אַלס אויסדרעווילטע „געזונטע ראַסע“...

איבערגעוואַקסענע אַמעריקאַנער און ענגלענדער, מיט זייערע פרויען און טעכטער, וועלכע קומען זיך אָפּרוען אין ביליקן יוראָפּ, נאָכדעם ווי זיי האָבן גע׳פּטר׳ט יאָרן אויף אַרויפאַרבעטן זיך, זיי שטעלן אַרויס דאַרע עלנבויגנס און קרומע קני, דאַכט זיך ווי געקומען אויף אַ ביינער אויסשטעלונג. פרויען פון אַ אומבאַשטימטן עלטער מיט בייזע פנימער און אומצופרידענע בליקן, ווי זיי וואָלטן ניט פאַרגינען די יונגערע און שענערע, זיי די פרויען טראָגן ברייטע הויזן, וועלכע הענגען אַראָפּ ווי פון דאַרע בוימער מיט צעפּאָרענע צווייגן, און פיל פון אָט די פאַרקרומטע פנימער, מיט אָפענע בוזעמס, פון אומבאַרירטע 4־5 צענדליק ווינטערס.

גראָבע פעסטע פרויען־קעפּ, אויף נאַקעטע „הינערשע־פיסלעך“, און יונגע מוידן וועלכע שלעפּן זיך אויף קלעצער, טראָגענדיק פעסלדיקע בייכער, מיט גראָבע אָרעמס, אָפענע גראָבע ליפּן, און האַלב נאַקעטע ברוסטן. פרויען מיט אינטעליגענטע פנימער, וועלכע שלייכן דורך אין לייכט באַשיידענע זומער־קליידלעך, און פרויען וועלכע ווילן רייצן, מיט פאַרשידענע שרייענדע שטאָפן, מיט שמאַלציקע תאווה אויגן.

אַ וועלט פון האַלב און דריי פערטל נאַקעטע פרויען און מענער, וועלכע קוקן זיך נאָך, און שפּראָצן מיט לאַנגווייליקייט און קנאה. מענער וועלכע זיצן דאָ מיט געדאַנקען פון געשעפטן און פאַבריקן, און מענער

וועלכע באַטראַכטן די גלידער פון שיינע יונגע מיידלעך, שפּילעוודיקע אונטער באָד־קאָסטיומען, מיידלעך וועלכע ווערן צייטיקער יעדע שעה, און זיקערע ווייבער וועלכע ציילן יעדן טאָג מיט שרעק...

טוריסטן אויף אַ וואָך, אויף טעג, מיט מאַנטלען אונטער די אָרעמס, וועלכע האָבן קוים באַוויזן אָפּצורייסן אַ פּיצל צייט פון זייער פאַרקויפעניש, אָדער אָפּשפּאָרונגען, זיי באַטראַכטן די וועלט מיט בייגיר און ענטציקונג, און טוריסטן וועלכע וויסן שוין אַלע „סודות“, האָבן שוין פּרובירט אַלץ אַרויסקוועטשן, אַרויסנעמען, זיצן איצט און פלאַנעווען פרישע פּלענצער, מיט נייע אַוואַנטורעס, און אומבאַקאַנטע פרייד.

פּאַלאַצן, מוזיק־קאַפעען, אויפנעמער און האָטעל־דירעקטאָרן קעגנאיבער דעם דעפּיליאַדע־ברעג, ציילן געסט, באַרעכענען פאַרדינסטן, און רייבן די הענט: דאָס געשעפט טראָגט.

ניין, אויפ׳ן געדאַנק טאָר ניט קומען אַזעלכעס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר פאַבריקן, קוילן־גרובנס און פעלדער, ווי מיליאָנען מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, שטיקן זיך אַ גאַנץ יאָר, אַרבעטן, כדי צוזאַמענשטעלן, אָפּשפּאָרן, פאַר די הערן, פאַר די קינדער פון די הערן, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט ביי אַלע ריוויערע ברעגעס. און אפשר אַראָפּברענגען די אַרבעטס־מענטשן אַהער אויף אַ שטיקל צייט, זיי זאָלן זיך דאָס געזונט פאַריכטן, אָנשעפּן מיט מונטערקייט און פרייד?

דער טאָג פאַרגייט, קען ניט אָנגיין אָן אויפהער, ווייל מענטשן האָבן הנאה. אַרום 8־9 ווערט די פּליאַזשע אָפּגעליידיקט, די זון ערגעץ אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אַזאַ מין „שעמעוודיקע“ לבנה, וועלכע נעמט אַריינשטעלן אומזיכערע טריט, און דאָס מאָט בלאָע וואַסער אָטעמט פריי אָפּ, אַוועק זענען די קוויטשערייען און וואַרפן זיך מיט שטיקער פון בלאָען ים־קערפּער, דאָס פּליסקעווען, ווי יעדער טאַנצט און הוידעט אויפ׳ן בויך פון שטילן פּאַסיוון אָרימען וואַסער, איצט לעבט דאָס וואַסער אָפּ, עס שפּילט זיך מיט די זאַמד־ברעגן און שטיינער, ווייל זיי אַריינשלעפּן, איבערדעקן, עפּעס אַזאַ שטיל געזאַנג זינגט אויס דער טייך, ביז וואַנען די טונקלהייט פון נאַכט דעקט איבער אפן שלעפערט איין, דער ים איז ווי אַ קינד איינגעשטילט.

אַוועק זענען די לעצטע בלאַנקענדע אויטאָס, ביי וועלכע רויט פּעסטע שאָפערן האָבן אַזוי געדולדיק ווי הינט געוואַרט און פאַרנייגט זיך, די טירלעך געעפנט פאַר די דינע, דאַר אויסגעווייקטע, זויערע דאַמען. די האָטעלן און רעסטאָראַנען זענען אין קאָלירן פאַרצירט, גאָפּל־מעסער קלינגען צום טאַקט פון גלעזלעך וויין, און הילכיקן געלעכטער, ווי דזשאַז־מוזיק, פּרובירט אַלע איבערשרייען, ביז וואַנען מענטשן צעלאָזענע קינדער ווערן מיד און אייניציקווייז, צוויי־וויז, שאַרן זיי זיך צו באַזונדערע צימערן.

האַלב־באַלויכטענע שטאָט־געסלעך זענען כמעט ווי אָפּגעליידיקט, פאַרמאַכט זענען די עטליכע מאַגאַזינען און שיינע פּאָסט־קאַרטלעך גע־שעפטן, די קלענערע האָטעלכלעך ווערן ביסלעכווייז אַנטשוויגן, געסל נאָך געסל האַלב שושקענדיק, באַגלייטן די לעצטע טריט צו זייערע נעסטן, וועלכע פּראָסטיטוטקעס פּרובירן פּאַרטווישן, רופן איינצעלנע מענער, צו פאַרברייגגען אין צווייען.

שלאָפט איין אַ שטאָט פון פּרעס, פאַרווײלונג, די באַדינער פאַלן די לעצטע פון די פיס, זיי האָרפּן די ערשטע אויפשטיין, ווייל אַ נייער טאָג ווערט געבוירן, און די הערן און דאַמען וואַרטן אויף באַדינונג.

די שטאָט קאַן לעבט און האָט הנאה פון באַדינען.

29 יולי. דער סקאַטלענדער, אַ שלאַנקער באַ׳חנ׳טער בחור, וועל־כער שטעלט זיך פאַר אַלס מעדיצין־סטודענט, האָט קאָליע געמאַכט אַ שפּאַר ביסל פונטן פון זיין פאָטער׳ס ירושה, פאַריז האָט אים „אויסגע־בייטלט״, מוז ער נעביך איינשטיין אין אַ ביליקן האָטעל, און איז פאַרט ניט מסכים מיט מיינע סאָציאַליסטישע אויספירונגען איבער קאַן, הגם ער צערעדט זיך וועגן אַ סקאָטיש נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכע האָט געערכטע פּרעטענציעס קעגן ענגלישער מלוכה־פירונג, וועלכע איגנאָ־רירט סקאָטלאַנד אין קולטורעלן און טעכנישן זין.

ער איז מוחל מיינע געדאַנקען און לאַדעט איין אויף אַ שפּאַציר אין זיין אויטאָ אַרום קאַן, ווי עס ענטפּלעקן זיך שיינקייטן לענג אויס דעם ים, שיינקייטן פון נאַטור און קולטור אויף לאַנגע קילאָמעטערס.

דאָ, ווי אין קאַן, האָטעלן און רעסטאָראַנען, ווי דער עס און שלאָף וואַלט זיך אָהער פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמענגעקליבן, ווי דאָס געלט־הערשאַפט מיט פעהיקייטן צו נעמען און געניסן, און האָטעל פירער, דערלאַנגער, מיט געבויגענער קני־גרייטקייט, צו דערלאַנגען און אונ־טערטראָגן, עפּעס אַ מין אויסבילדונג פון חניפה און שנאָרעריי באַזירט אויף „טרינק־געלט״, שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי דער סיסטעם האָט זיך אַזוי איינגעפונדעוועט.

פאַרזאָרגט און ערנסט זען אויס די קעלנער און האָטעל־פירער ווען זיי קוקן אויס געסט. ניט אָנגעקומען די צאָל געלט־מאַגנאַטן, וועלכע זיי האָבן ערוואַרטעט, אויף וועלכעס זייער פּרנסה באַזירט זיך. אויסגעפּוצט אין שניי ווייסע רעקלעך שטייען די שטייפע אויסקוקערס ביי די טירן, פון ברייט צעעפנטע כל־טוב הייזער, כאָטש נעם און שלעפּ אַריין אַ ביסל מעטאַל אַרבעטער און קוילן־גרעבער, זיי זאָלן אָנפילן די פּלעצער אַרום קאַן.

30 יולי. דער וועג פון קאַן ביז ניצע איז אַ שעה פאָרן, אַ וועג גלייך מיט דעם וואַסער.

כמעט דעם גאַנצן וועג לויפן באַן און ים געאַרעמט ווי אַ ברענענדי־

קע זון און בלאָער הימל קוקט נאָך דאָס איילנדיקע פּאַרל, אַלץ איז כמעט ווי פּאַרזונקען אין אַ מין זונטיקדיקער פוילקייט.

ניצע

בערג און הייזער באַגלייטן אַריין אין שטאָט ווי אַ שיינער וואָקזאַל מיט שטיקער אויפגעכאַפּטע נאַטור בילדער, אויף די ווענט, עפנט טיר און טויער צו שטילע גאַסן און בולוואַרן אַרום.

אַ פרוי מיט אַ אינטעליגענט פּנים און גראָע האָר, שרייט אויס שפּרייזענדיק מ׳זאָל ביי איר קויפן די קאָמוניסטישע צייטונג „ל׳הומאַניטע״, און באַשיידענע רעסטאָראַנטן דערלאַנגען אַרויס טעלערס זופּ צו דרויסענדיקע עסערס.

אַ האָטעל צימער איז זומער ניט טייער אין ניצע, צימערן בעטן זיך פּשוט מ׳זאָל זיי ניט פאַרשעמען.

ניצע זעט אויס גרויס, ריין און מיט געשמאַק. זי שטעלט פאָר די הויפּט שטאָט פון „קאָט ד׳אַזיר״, די שטאָט רעדט שוין מיט געשיכטע פון דאַטעס, קירכעס, מאָנומענטן און מוזעאומס, וועלכע זענען איינגעפלאָכטן מיט האַנדל און ים־פאַרגעניגנס. אַ שטאָט מיט אַ אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער סיי אין מענטשן מאַטעריאַל וועלכע זענען דאָ איינגעבירגערט און סיי אין שטודירנדיקן און לוקסוס עלעמענט.

ברייטע אָפענע בולוואַרן מיט קליינע און גרעסערע קאַפעען, שיינע געשעפטן און מאַגאַזינען, מיט פיין אַרטיסטיש צונויפגעשטעלטער שני־צעריי און אַנדענקונגס קאַרטן, לענגאויס פון וואָקזאַל ביז דער פּליאַזשע, מיט דעם נאָמען „קעי־ד׳אַנגליע״, ווי די ענגלישע שפּראַך איז די דאָמינירענדע.

רייך, ברייט און פילפאַרביק איז די רעכטע זייט פּליאַזשע מיט אירע פאַרשידענע פּנימער פון מיטליעריקע און עלטערע מענטשן. אַ מין פאַר־קעניגן דערפאַרנקייט גמישט מיט זעלבסט־זיכערקייט, ליגט אויסגעגאָסן אויף די אַלע זאַטע בעל־הבתישע געזיכטער פון די מענער און פרויען אַרום די פיין אויסגעבויעטע האָטעל־קאַפעען, אַ מין צופרידנקייט פון „גוט צוקייען״ דאָס לעבן, אין זייערע באַוועגונגען, געשפּרעכן און זייער אָבסערווירונג.

עס פעלט די אַ ביסעלע צעלאָזענע האַלטונג פון די יונגערע פאַר־געניגן זוכער אין קאַן, דאָ הערשט כמעט אַ מין קאָנסערוואַטיזם, נאָר מיט עטוואָס פרייע מאַניערן.

ערשט ביינאַכט ווען די אָפיציעלע פענסיאָנאַטן־געסט האָבן שוין באַוויזן איינצודרימלען און אויסצוגעגעצן זיך, דורך לאַנגע שעה׳ן פון בייטאָק צעצויגענער שטילקייט, קומט אָן אַ שטיק לעבן, אַ פאָלקסטימ־

ליכע באַוועגונג נעמט ביסלעכווייז פאַרפּלייצן די לאַנגע ברייטע טראָ־טואַרן, אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, און ניט קיין לוקסוסאַווע, נאָר לופטיקע, ריינע קליידער, נעמען אויספּילן אַלע פּלעצער אויף דער זייט קעגנאַיבער די ליכטיקע טרונק־פּלעצער, ווי טייל עלטערע און פּוילע, מיטל־קלאַס און רייכע מענטשן, קומען אַהערצו כּדי אויפצוכאַפּן שטיקער פרייד און באַגייסטערונג, שטיקער מונטערקייט וועלכעס עס שטראַלט אויס די יונגע שלאַנקע בחורים און מיידלעך פון פאַבריק און ביוראָ, וועלכע פלעכטן פאַרלעך, און שאַפן בערגלעך, אין אַ זינגענדיקער פראַנ־צויזישער שפּראַך, געמישט מיט אַ איטאַליענישן אַקצענט, און מיט אי־טאַליענישע אויגן און זשעסטיקולאַציעס. יונגער איטאַליענער און פראַנ־צויז צוזאַמענגעוואַקסן אויף הּעם באָדן פון ניצע.

כמעט ווי אומבאַמערקט ווערט דער פאָלקס־שפּאַציר איינגעשטילט, עס פאַרשווינדט נאַטירליכע פרייד און יוגנטליכער שמייכל, די גענעץ־געשפּרעכן פון די עלטערע ענגלענדער און אַמעריקאַנער בלייבן ווי ניט אָנגענומען פון דער נאַטור, בלייבן הענגען אין דער לופטן. אויסלייג־שטולן און בענק נעמען סקריפּן און בעטן אַ ביסעלע פרייהייט ביי די הערן וועלכע דעצידירן זיך קוים אויפצוהייבן אַזוי שווער, מ׳פילט אַז דאָס לעבן האָט איבערגעלאָזט די אַלע, וועלכע האָבן זיך בלויז אָנגע־האָנגען אין דעם, אָן שום פאַרבליבענער איניציאַטיווע.

די מוזיק קלאַפּט, קעלנער דערלאַנגען פאַרשידענע געטראַנקען אין קליינע און נאָך קלענערע גלעזלעך, דאָ הערשט אויך אַ מין „חבר׳יש־קייט״ צווישן פראַנצויזישע מיטל־קלאַס מענטשן און אַמעריקאַנער, וועל־כעס איז צעשמאָלצן אין פּעטע שמייכלען. נאָר די קעלנער האַלטן זיך ערנסט, זיי באַצאָלן ניט מיט צופיל בויגעוודיקייט און חניפה, אפילו ניט מיט צופיל „ליבליכקייט״, פאַר דעם „פור־בואר״ (טרינק־געלט), לאָזן זיך ניט צופיל דיקטירן פון די ענגלישע ווייבער, און איבערגעזאַלצענע ענגלישע מוידן, וועלכע רעדן באַפעלעריש אין ענגליש, ווי די קעלנער וואָלטן געווען זייערע דינער, אונטערטאַנער פון זייער וועלט אימפּעריע...

נייך, עס העלפן ניט די ביליקע לידלעך און דזשאַז־קוויטשערייען, די קעגנאַיבערדיקע זייט איז שטיל, פאַרשטומט נאָכהעם ווי די לעבעדיקע ניצע יונגע גוואַרדיע האָט פאַרלאָזט „קעי־ד׳אַנגלעי״, מער ניט וואָס דאָס וואַסער נעמט זיך אַרומשפּילן מיט אירע כוואַליעס, וועלן קערן זיך קאָ־זשעלקעס, דאַכט זיך ווי דאָס וואַסער לערנט זיך אַליין שווימען, וויל ניט בלייבן פאַרשעמט מיט מאָרגנדיקע שווימער, מיט וועלכע דאָס וואַסער וועט זיך לאָזן אין אַ געווּעט.

די אונטערגאַסן און געסלעך מיט פאָלקס־מענטשן און פּראָלעטאַ־ריער כאַפּן נאָך אַריין אַ טרונק־קאַפע פאַר׳ן שלאָפן גיין אין קליינע קאַ־

פּע־הייזער, און באַלד ווערט ניצע אַנטשוויגן, עס איז שוין נאָך 12 ביי־נאַכט.

* * *

אויך „אַ אַלטער געגנט" איז דאָ אין ניצע און דאָ ווי אין אַלע „אַל־טע געגנטן", האָט מען אַריינגעשטעלט די מענטשן, וועלכע ווערן אַלט ביי אַרבעט, ביים אויפבויען די נייע געגנטן, און נייע פּלעצער.

דער „קעי־אַמעריקען" פירט צו שטילערהייט צו אַ באַרג ווי פון גאַנץ אויבן קען מען כאַפּן אַ בליק צום ים, צו דער שטאָט ניצע, מיט אירע בערג אַרום, וועלכע זענען פאַרוועבט אין זונען־שטראַלן, פאַר־שפּינט אין בלאָער שיינקייט, אַ פאַנאָראַמע וואָס פאַרבלענדט. אָבער דורכשניידענדיק דורך די טיפּעניש פון באַרג וועלכער האָט דעם גורל איינצושטיין אין „אַלטן געגנט", נעמט שווינבלען און גריבלען מיט שימל, שמאָטעס, בויט און אָרימקייט, אַ וועלט פון שמאָל־טרעפּלדיקע געסלעך, מיט שוואַרצע הייזער און טונקעלע לעכער אַלס פענסטער. און אויף „דראָטן" פאַרצויגענע קאַלירטע וועש, און צעקנייטשטע אַרבעטס־הויזן, און דערצו פיל פרויען און קינדער וועלכע קוקן אַרויס פון די פינסטערע שפּאַרעס.

אַ בילד וואָס דערמאָנט שיעור אין מאַרסעיל ביים „אַלטן־פּאָרט". ווי ניט צו פאַרשטיין. פון איין זייט זאָל די שטאָט ניצע „אַראַפּפאַלן" אַ ברייטע, אַ לופטיקע, מיט שיינע געביידעס, מאַגאַזינען, און ליכטיקע טיר און פענסטער, ווי שויבן שפּיגלען זיך אין גאָלד־בלאָע זון־הימל און וואַ־סער פאַרבן, און פון דער צווייטער זייט אַזאַ גראָע און שוואַרצע פאַרב, אַזעלכע צוזאַמענגעדריקטע שפּאַרעס וועלכע האָבן „מורא" פאַר זון און לופט, „ליידן ניט" הימל קאָליר, און בינדן זיך אַרום מיט אונטערוועש קאָמפּרעסן ווי צו ווייזן אייביקע קאַפּ־ווייטאָק.

אויספלאָנטערנדיק פון די פאַרשידענע דורכגענג, ווי פאַרשידענע סימפּאַטישע פראַנצויזישע און איטאַליענישע קינדער קוקן נאָך מיט טונקעלע אויגן און שפּילעוודיקע מיילעכלעך, קומט מען צו ברייטערע גאַסן מיט האַליעס און פאַרקויף, ווייבער קויפן עסנוואַרג פון אַלע מינים. און אָט אַזוי פיל אַרבעטער־בלוזעס, און אַרבעטס־קליידער כדי דעם גאַנצן „אַלטן־געגנט" צו פאַרהענגען.

אַ קאַנאַל מיט אַ שטראָם פליסיק וואַסער וועלכער נעמט מיט די שמוץ, וואָס ווייבער לאָזן איבער ביים אויסדרייען „שטיקלעך", אַ קליי־נער סקווער, און דערנעבן אַ רייך אויסגעשטאַטע קירכע, און דאָ ווערט דאָס „אַלטע־געגנט" כמעט ווי אָפּגעשניטן פון די אַרבעטער אָפּן האַרע־פּאַשנע גאַסן, מיט די פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן, קרעמלעך און דעס־טאָראַנדלעך, עס הויבט זיך אָן די שטאָט פון האַנדל, פּענסיאָנאַט, קאַפע און פּליאַזשע.

31 יולי. שיינט אויף אַ לאַכעדיקער פרימאָרגן, דער הימל לאָזט זיך גליך צום וואַסער, וויל הנאה האָבן פון דער שפּיל צווישן די שווי־מערס, כוואַליעס און ברעג־זיצערס.

זיצן מאַמעס מיט קינדער וועלכע קענען נישט שווימען, זיצן עלטערע פרויען וועלכע אָבסערווירן ווי זייערע יונגע זין „לייגן קלאַפּטער“, און פאַמיליעס מיט קוישלעך און פּעק וועלכע פאַרברענגען אַ טאָג ביים ים, ווי עס גייט אָן שפּיל און לעבן.

אַ מעטער צוויי אַפּגערוקט פון די אַלעמאָל צולויפענדע כוואַליעס ווי אַ באַשטימטע גרענעץ, אָבער פּלוצלונג ווען מוטער און קינדער פאַרטאָן אין עסן, אָדער ווייבער פאַרטאָן אין שמועסן, גיט איין כוואַליע אַ שטויס אַ צווייטער, מער שטיפערישער, און מיט אַ שפּרונג נעצן זיך אונטער בינטלעך זאַכן און קליידער, אַזוי ווי כוואַליע וואָלט אויסגע־שריגן: „אָדער אין וואַסער אַריין, אָדער אָפּגעצויגן פונדאַנען“...

אַ קוויטשעריי, אַ ברומעריי, אָבער מ'קען די כוואַליעס נישט כאַפּן, סיידן זיך לאָזן מיט די האַלב נאַסע קליידלעך נאָכיאָגן, נאָכלויפן. און גיי דערקען, שטעל אויס אַלע כוואַליעס, כדי מאַמע־ים זאָל באַשטראָפן.

זיצן זיי אַ ביסעלע מער אַפּגערוקט די אַלע ווייבער, און וויסן נישט וואָס צו טאָן מיט זייערע נאַסע געזעסן, זיי האַלטן אין איין פּראָטעסטירן: אַזאַ חוצפה! צו לויפן און פאַרכליאַפּן, אונטערשווענקען צניעות'דיקע פרויען, וועלכע נעמען נישט אַרונטער די קליידלעך, ווי אָט יענע באַקעטע פרויען.

טראָגט זיך אַ שושקעריי פון איין כוואַליע צו דער אַנדערער: יענע זיצן נאָך אַלץ דאָ, ווילן נישט אָפּטרעטן, און זיי שילטן.

איז אַלע אינאיינעם, מיט איין שפּרונג, אַ לויף, און אַ נעץ אונטער די אַנדערע טיילן פון קערפּער און קליידלעך...

זיך אויס'טענה'ן מיט אַזעלכע לאַבוסעס איז שוין איבעריק. די ווייבער כאַפּן די קינדער און נאַסע פּעקלעך, און ציִען אָפּ, זעצן זיך 15־20 מעטער פון ברעג...

די שפּיל פון מענטש און וואַסער גייט ווייטער אָן. יונגע בחורימלעך און מיידלעך, נאָך יעדעס מאָל אָפּטונקען זיך אין וואַסער קומען אַרויס לענגער, גרעסער, פאַרשפּיצטער. די זון וואַרט כסדר כדי אַרומצוגלעטן, פאַרהאַרטעווען, באַאַרבעט די יונגע קערפּערס אין לעבעדיק בראָנז.

אַ מחיה צו זען ווי מענטש קען אויסוואַקסן שיין און געזונט ווען ער חבר'ט זיך מיט גוטע שפּייזן, מיט וואַסער און זון.

מאנאקא

1 אויגוסט. אַ קנאַפּע האַלבע שעה פאָרן פון ניצע, אַ וועג פון בלומען, פאַלמען־ביימער און גרינסן, אַ וועג ווי בערג טראָגן זיך אַרום

מיט פּאַלאַצן אויף די פּליצעס, גרייט איבערצושפּרייזן דעם בלאָען ים, אַ וועג מיט טונעלן און אויסערגעוויינלעכע בלאָע ליכטיקייט, און מען איז אין דער מלוכה פון מאָנאַקאָ.

דאָס מלוכה׳לע פון דריי שטעט: מאָנאַקאָ, מאָנטע־קאַרלאָ און באָ־סאָלעי, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון גאַנצע 25 טויזנט איינוווינער, און דער הויפּט שטאָט, וועלכע פאַרמאָגט ניט אַזעלכע קאַסינאָס ווי מאָנטע־קאַרלאָ, איז אויסגעפאַלן ניט מער ווי 3,500 מענטשן.

אַ שטעטל אַריינגעוואָרפן צווישן בערג שפּאַרעס, זעט אויס כישוף׳־דיק, מיט טויזנט שיינקייטן.

גאַסן און געסלעך מיט קליינטשיקע איטאַליענישע און פראַנצויזישע קאַפעען, האַנטווערקער, און עטלעכע היסטאָרישע מוזעאומלעך, מיט קאַ־טעדראַלן און קירכעס, מיט אַ פּאַלאַץ און אַ פּרינץ, וועלכער האָט רעגי־רונגס־מאַכט, און אַ קאָדעקס פון פראַנקרייך.

די געשיכטע פון מאָנאַקאָ איז פול מיט קאַמפן צווישן איטאַליע און פראַנקרייך. יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די פּאָרטן מיט דעם פיינעם קלימאַטישן געגנט, ווי די איינוווינער ציען זייער יחוס פון 12־טן יאָר־הונדערט רוים, און אַ באַפרייאונגס־אָפּמאַך פּאַריז 1814, ווי שטיקער אַרום געהערן צו פראַנקרייך און איטאַליע, אָבער מאָנאַקאָ מיט איר פּרינץ לואי, און עטלעכע ביר ברויעריקען מיט אַ צענדליק פּאָליציי־לייט, איז געבליבן זעלבסטשטענדיק.

מאנטע־קארלא

מאָנטע־קאַרלאָ איז אַרויפגעקראָכן אַ ביסעלע העכער פון דער הויפּט שטאָט מאָנאַקאָ, דער אַריינקום אין שטאָט אַריין איז ווי אין אַ בלומען גאָרטן.

ווייס איבערגעדעקטע דראָזשקעס מיט איטאַליענישע דראָזשקאַר־זשעס וואַרטן כדי נעמען אויף שפּאַציר, גאָס אַרויף און באַרג אַרויף וועל־כע ליגן אַזוי ציכטיק צעשפּרייט, איינגעטונקען אין זונען־שטראַלן, און בלאָ־רייצנדער אָנזעטיקונג פון הימל און וואַסער, צופוסנס.

הערשט אַ שטילקייט צווישן די האַנדלס־גאַסן, האָטעל און פּענסיאָ־נען־סקווערן. ניטאָ וועד עס זאָל געניסן פון די שמעקעדיקע פּאַרקן, די מערהייט אינטערנאַציאָנאַלע בלאַנקענדע אויטאָס שטייען איין ביים וואָקזאַל, ווי עס געפינט זיך אַ פּאַלאַץ, מאָנטע־קאַרלאָס קאַסינאָ.

דינער און באַאַמטע פירן צום אַריינגאַנג ווי מ׳דאַרף אויספילן אַ טוריסטן־קאַרטע מיט דעם באַזוכערס פּראָפעסיע (אַ וואונדער אויב צווישן די פּראָפעסיעס געפינען זיך קוילן־גרעבער אָדער ערד־אַרבעטער) און עס עפענען זיך ברייטע טירן, מיט ליכטיק לופטיקע זאַלן, אויסגעשטעל־טע טישן, אַרום וועלכע עס זיצן, און שטייען, הונדערטער מענטשן.

ניט קיין געוויינליכע עס־טישן אָדער שרייב־טישן, דאָס זענען טישן מיט לויפענדע רעדער, אין וועלכע מ׳וואַרפט גאַלקעס און די מלאכה פון לאָזן די גאַלקעס, און שאַרן געווינסן, אין פאָרם פון אויסגעקויפטע ביינדלעך וועלכע מ׳קריגט אין יעדן ווינקל פון די זאַלן. דאָס טוישן מענטשן אין אוניפאָרמען, אַזעלכע באַאַמטע פון דער אונטערנעמונגס־שפּיל.

אַלטע און יונגערע מענטשן, פּנימער מיט קנייטשן, גראָע האָר, ציטערדיקע אַלטע פינגער, זען אויס צו זיין טאַטעס, זיידעס, באָבעס, און פּנימער מיט יוגנטליכע שטריכן, שוואַרצע אויגן־ראַמען, און פּודער.

פּרויען מיט גייציקייט אין די אויגן אָן שום ווייבליכקייט, וועלכע וואַרטן מ׳זאָל צו זיי צושאַרן די ביינדלעך, און פרויען מיט מידע בליקן, בערוזע און פאַרלאָשענע געזיכטער, זיי וואַרטן מ׳זאָל פון זיי אַוועקנעמען די הויפּנס ביינדלעך, וועלכע זיי האָבן אָט אָקאָרשט געוואונען, אָדער גאָר מיט ביטערקייט צושאַרן צו זיך די ביינדלעך וועלכע ליגן נעבן זייערע שכנים און שכנ׳טעס....

אַ ראָד טרייבט, וואַרפט איבער פון האַנט צו האַנט ירושה־געלטער, האַנדלס־געלטער און עקספּלואַטאַציע־געלטער. טויזנטער ביינדלעך וועלכע זענען פונטן, דאָלאַרן, פראַנקן און לירן, פעזאָס און מאַרקן, געבריינגט פון לענדער ווו מענטשן אַרבעטן און פּראָדוצירן און זייער איבערפלוס, אָפּשפּאָר פון שוויס און האָרעוואַניע, ווערט דורך בערזעס, בענק און אויסטויש, אין באַנקנאָטן פאַרוואַנדלט, פון באַנקנאָטן אין מאָנאַקאָ־ביינדלעך, מיט וועלכע עס שפּילן זיך אָט די הערן.

מענטשן וועלכע זענען אַרויסגעפאַלן פון גרויסן לעבנס־ראָד, כאַפּן זיך אָן אין די געלט־רעדלעך, מענטשן פאַר וועלכע דאָס גרויסע שיינע לעבן האָט ניט מער קיין זין, ווייל זיי האָבן קיינמאָל ניט געפונען קיין פּלאַץ אין גרויסן פּראָדוקטיוון ראָד פון אַרבעט, שאַפן און נאַטירליכע פרייד, האָבן קיין מוט ניט צו פאַרענדיקן מיט זייערע שפּעקולירנדע־לעבנס, זיי שטעלן נאָך איין אויף דער לעצטער שפּעקולאַציע, און אפשר נאָך דעם לעצטן דורכפאַל, וועט זיין לייכטער צו פאַרענדיקן אַזעלכע שלעפּערישע, נודנע יאָרן.

אומעטקייט, אַ פּאַסיווע גלייכגילטיקייט, אויף פּראַק, און שנירלען פּערל, אויף שמאַלציקע פאַלדן, און דינע ביינערדיקע הענט, טייל מיט פלינקע באַוועגונגען, און טייל פאַמעליכע אָנפּאַנגערס, ציטערן נאָך איבער פאַרלוירענע ביינדלעך, און דריקן אויס צופרידנהייט, ווען צו זיי ווערן צוגעשאַרט ביינדלעך. אַ געמיש פון אומנאַטירליכקייט, געצוווּנגענקייט, און פאַרכאַפּטע שפּעקולאַנטן־גיריקייט, אַ שפּיל פון מאַניאַקישע רירעוודיקייט, און טויטער קאַלטקייט.

זייטיקע צושויער זענען מקנא די געווינער. דאָס זענען יונגערע

פֿאַרלעך אפשר נאָך אַ האַניק־חודש, וועלכע וואָלטן געוואָלט פֿאַרדינגען זייערע רייזע־קאָסטן, פּרובירן אַריינוואַרפֿן איינצעלנע ביינדלעך און צי־טערן איבער דעם ראָד וועלכער לויפֿט ווי אַ טייוול איבעריאָגנדיק די נומערן וועלכע שטעלן פֿאַר מענטשן אַרום טיש. טיילמאָל געלונגט אַזעלכן זייטיקן צושויער צו פּאַקן עטליכע הונדערט פֿראַנק, פֿאַר די עט־ליכע צענדליק, ווי ער וועט איינשטעלן צו געווינען עטליכע טויזנט. די שפּיל גייט אָן, און ציט אַריין.

פֿײַנע אויל־בילדער קוקן אַראָפּ פֿון די ווענט, לוקסוס און גלאַנץ אין יעדן זאַל, רעסטאָראַן און טרינק־פּלאַץ. וואַרט אַ זאַל מיט צייטונגען און זשורנאַלן אין אַלע שפּראַכן, מענטשן זאָלן כאַפּן אַ בליק צו ברעקלעך, אָפּקלאַנגען פֿון גרויסן דרויסנדיקן לעבן, וועלכע רעדן פֿון ערב גרויסע געשעענישן, און ראָד־פּלאָנטערנישן, קוקט אַריין אַזאַ ריינער בלאָער ים, אַזאַ בלומען־וועלט, שיינקייט און פּראַכט פֿון קולטור און נאַטור, און דאָ, די מענטשן, זען ניט, הערן ניט, זייער וועלט איז דער טיש, די לאַפּאַטקע און ביינדלעך.

מ'האָט אין פּראָלעטאַריער אויך ניט פֿאַרגעסן. ביים אַרויסגאַנג קען מען אַריינוואַרפֿן איין פֿראַנק אין די קעסטלעך, און מען קען געווינען גע־נוג אויף אַ טראַמוואַי־בילעט, אָדער אַ קורצע שטרעקע, דאָס איבעריקע ווי באַלד אַן אַרבעטער פֿאַרמאָגט ניט קיין טשעק־ביכל, וועט ער מוזן צוגיין צופֿוס...

פֿון ניצע קיין טריעסט

4 אויגוסט. פֿאַרנדיק פֿון ניצע ביז דער איטאַליענישער גרענעץ, איז אַחוץ מאָנאַקאָ און מאָנטע־קאַרלאָ פֿאָרט מען דורך אַ פּראָווינציעלע שטאָט מענטאָן, אַ שטאָט מיט עטליכע צוואַנציק טויזנט איינוווינער, האַנדלס גאַסן און קאַפֿעען, אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע דער־ציילט אויך פֿון שלאַכטן צווישן רוימער און פּראָווינציז, אַ שטאָט מיט גערטנער, קאַסינאָס, מאָנומענטן און קירכעס, אָבער אַלץ וואַרט אויף געסט. עס הערשט אַ אויסערגעוויינלעכע שטילקייט, בלויז נאַקעטע פֿיס פֿון ענגלענדער און ענגלענדערינס, וועלכע פּרובירן אָנפֿילן שטאָטישע גאַסן.

די גאַנצע געגנט פֿון ניצע ביז דער איטאַליענישער גרענעץ „וואַנט־מיאַ" איז פֿון שיינקייט, רואיקייט, מילדקייט און געזונט. קומען אָן אין אי־טאַליענישע גרענעץ באַאַמטע קאָנטראָלירן, און פֿאַרשרייבן, באַטראַכטן די צייטונגען, און אַ פֿאַשיסטישער באַאַמטער אויף פּיצינקע פּיסלעך באַ־מערקט ביי מיר די פּראָווינציעלע אָוונט־צייטונג „פּאַרי־סואַר" און ער קלערט ניט לאַנג: „עס איז ניט ערלויבט, האָסט נאָך אַזעלכע צייטונגען?"

באַלד פֿון דער גרענעץ דערקענט מען אַ ענדערונג ניט אין בערג,

פעלדער, בוימער, נאָר אין דאָרע אַרבעטער פּנימער וועלכע גייען אָנגע־טאָן אין שמאַטעס ביים באַאַרבעטן שאָסייען, און אָרימע נעבעכדיקע הייז־קעס, זיי פאַרשעמען דעם בלאָען וואַסער מיט זייער אָנטועכץ.

די עלעקטרישע באַן גליטשט זיך דורך פאַרשידענע טונעלן, לויפט פאַרביי דאַטשע פּלעצער וועלכע פּוסטעווען, און גרעסערע שטעט מיט גראָע געביידעס, מיט מאַרק פּלעצער, אַרום וועלכע עס שלעפּן זיך אַר־בעטסלאָזע יונגע מענטשן, און קינדער, אַלע מיט אָרימע אומצופרידענע פּנימער. דאַרע פרויען בליקן, נעבן אַרויסגעהאָנגענע וועש, און שמאַ־טעס, אַלץ אַזוי אין קאָנטראַסט מיט דער שיינער נאַטור אַרום.

דער צוג ביז מילאַן איז געפּאַקט. עס פאָרן איטאַליענישע קליינ־בירגער און אַרבעטער מיט פאַשיסטישע אָפּצייכנס, ווי טייל איטאַליעני־שע איינגעראַמט אין דייטשישע סוואַסטיקאַס (אַזאַ מין פאַרברודערונג) און פיל קליינבירגערליכע דייטשן מיט און אָן נאַצי־אָפּצייכנס.

די דייטשן רעדן הויך, צעזעצן זיך ברייט ווי ביי זיך אין דער היים. זיי פילן זיך פאַר חשוב׳ע טוריסטן. נאָר די איטאַליענישע מענער און פרויען, וועלכע קומען פון פראַנקרייך, די ווייזן אַרויס אָפענע אומצו־פרידנקייט צו די פאַשיסטישע מונדירן און פעטע באַאַמטע. איין קליינע איטאַליענישע פרוי רעדט זיך אַראָפּ איר האַרץ פאַר מיר אין ענגליש, זי האַסט די פאַראַזיטן אין די אוניפאָרמען, וועלכע רעגירן איבער איר לאַנד.

א נאכט אין וואגאן

נאָך זיבן און אַ האַלבע שעה פאָרן, אַרום 10 אוונט, קומט דער צוג צו דעם מילאַנער „הימל־דאָך" וואָקזאַל. דער צוג וואַרט ביז 12.16 אויפ־געמענדיק דעם טומל, גערויש, געלויף מיט פּעק, צו צוגן וועלכע גייען צו פאַרשידענע פּונקטן פון איראָפּע. אַזאַ געפילדער און איילעניש, פון טויזנטער מענטשן, אַזאַ פייפעריי, פון אָפּפאָרנדע לאָקאָמאָטיוון, מ׳שטייגט איין, מ׳שטייגט אויס פון אַלע, און צו אַלע ריכטונגען אין אי־טאַליע, עפּעס ווי דער פּרעכטיקער וואָקזאַל וואָלט געווען דער מיטל־פּונקט, און די איטאַליענער באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען פון רירעוודי־קייט און געשריי, דעם צענטראַלן פּונקט מיט טומל אָנלאָדן, כדי צע־טרייבן, צעפירן איבער אַלע פּונקטן.

די מערהייט איינשטייגענדע, און אויסשטייגענדע, זענען האַלב ריי־כע און רייכע לייט, און צווישן זיי פיל דייטשן, וועלכע פילן אָן אַלע וואַ־גאָן־קלאַסן, ווי זענען די טוריסטן, וועלכע האָבן איינגענומען איטאַליע.

מיין וואַגאָן אָפּטיילונג איז צוזאַמענגעדריקט פון 10־12 מענטשן, פרויען, מענער און קינדער.

דער דייטש מיט זיין רייצנד בלאָנדער פרוי און צוויי שיינע קינדער, זיי פילן זיך ניט באַקוועם אין אַזאַ וענגשאַפט. ער בייזערט זיך אויפ'ן באַן־קאָנטראָלירער, אין אַ צעבראָכענעם איטאַליעניש מיט דייטשישע ווערטער, פאַרוואָס מ'גיט אים אַזוי ווייניק „לעבנסרוים", פאַר בייזקייט לאָזט ער אונז איבער און שטייט אין קאָרידאָר.

די פרוי איז מילדער, פרובירט מוטערליך מיטשטיפן מיט די צוויי בלאָנדע יאַטלעך, און ווען כ'בעט זיי זאָלן זינגען שול־לידער שלאָגט זי פאַר „האָרסט־וועסעל" ליד, און פרעגט מיך צי כ'האָב געהערט דעם טאָן פון אַזאַ שול־ליד...

צוויי רומענישע אַרבעטער־מיידלעך פאָרן אַהיים פול מיט באַגייס־טערונג פון אַ פאַריזער וויזיט, און אַזוי ווערענדיק מיטגעשלעפט מיט טענער פון פאַרשידענע לידער וועלכע די איטאַליענער אין אונזער וואַ־גאָן פרובירן אונז פרייליך מאַכן, נעמען זיי זינגען אַרבעטער־לידער, אַט געברייינגט פון פאַריזער אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, און פלעכטן אַריין סאָוויעטישע לידער וועלכע אַפּעלירן שטאַרק צו דער בלאָנדער אַריערין, וועלכע האָט אַזוי אומשולדיק ליב האָרסט וועסעל טאָן. ביים ליד פון „רויטן־פליער" ווערן אַלע אַריינגעצויגן, די איטאַליענער בעטן נאָכאַמאָל דאָס זעלבע און די צוויי דייטשישע יאַטן פרעגן זיך פאַרוואָס מ'לערנט עס ניט אין שולע.

מ'רעדט צוביסלעך פון פּאָליטיק ווי איך בין דער איבערזעצער פון רומענישן־פראַנצויזיש, אויף יידיש־דייטש, און פון דייטש אויף פראַנ־צויזיש, ווי די איטאַליענער ווילן וויסן וואָס מ'טראַכט, און טוט אין איי־ראָפּע.

פון דייטשלאַנד ווייס זי ניט פיל, ווייל זי לעבט די לעצטע יאָרן אין ווין, אָבער אַז ווין פאַרמאָגט פיל אַנטי־נאַציס, דאָס ווייס זי, און נאָך מער: „מ'פילט פיינטשאַפט צו די נאַציס איבער גאַנץ עסטרייך, זיי ווילן ניט די דייטשישע פּאָליטיק", ערקלערט די בלאָנדע אַריערין.

די רומענישע אַנטי־פאַשיסטקעס גיבן איבער אַ בילד פון נויט, אָרימקייט און רעאַקציע ביי זיי אין לאַנד, וועלכעס די מיליטער־לייט פרובירן אויסנוצן פאַר נאַצי־מאָדעל צוועקן, און די איטאַליענער ווילן קיין סך ניט רעדן וועגן פּאָליטיק אין זייער לאַנד, זיי פילן זיך אין דער הינזיכט ווייניקער פריווילעגירט ווי מיר אויסלענדער...

1־2 נאָך האַלבער נאַכט, די דרויסנדיקע שטילע פינסטערניש באַ־ווירקט, און שלעפערט איין די מידע פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן, דאָס עלעק־טרישע ליכט ווערט פאַרלאָשן, און יעדער וויל זיך מאַכן באַקוועם, איינ־ווויקלען, און איינפּעקלען, יעדער גיט זיך אונטער דער מאַכט פון פינס־טערניש און רו, טומל האָט איצט ניט קיין שום שליטה.

אַ שנאָרכעריי. מ׳וויס ניט פון וועמענס אָפענער מויל, מען פאַר־וואַרפט קעפ אויף פרעמדע אַקסלען און פלייצעס, מאַן און פרוי פון אומ־באַקאַנטע וועלטן פילן זיך צוזאַמענגעקוועטשט אין איין פליישיק־קער־פּערליכער מאַסע, העגט און גלידערטוליען זיך האַלב שלאָפענדיק נעב־טער צוזאַמען, מ׳דרייט זיך, מ׳רוקט זיך איבער, שאַרן זיך עלטערע מע־נער צו פרעמדע יונגערע פרויען, ווי זייערע ווייבער פילן און באַמערקן האַלב דרימלענדיק, אָבער ניטאָ קיין מאַכט צו רעאַגירן. גלוסטונגען, עראָטישע פאַרלאַנגען און „געלעגנהייטן״ פילן אָן דעם דושנעם וואַגאָן־צימער, אַ 11־12 קערפּערליך מידער קנויל, פון שוואַכקייט און אָנמעכ־טיקייט, וועלכער דאַרף ווערן צוגעפירט צו אַ ליכטיקן פרימאָרגן אַנט־קעגן.

רייסט זיך אַ לעבעדיקע ליכטיקייט, דורך שפּאַרעס פון פאַרהאַנגענע וואַגאָן־פענסטער, בערג און טאָלן פּרובירן אַריינבליקן צו די פאַרזשמו־רעטע שלאָבעריקע פּאַסאַזשירן, וועלכע ווילן דעם באַגינען אין וואַגאָן ניט אַריינלאָזן. זיי ענטפערן ניט אויף דעם פיינעם גוט מאָרגן, אַחוץ מיט אונפאַרשטענדליכע אונבאַקוועמע באַוועגונגען, מיט טוישן פּאָזיציעס, פּרובירן ווידער איינשלאָפן ווי נעבעכדיקע הילפלאָזע קינדער.

אַלץ העלער, ליכטיקער, חוצפה׳דיקער רייסן זיך שטיקער טאָג פון אַלע זייטן אין וואַגאָן אַריין. די זון באַמבאַרדירט מיט גאָלדענע שטראַלן, בערג, שטעטלעך און וואַסער לויפן אָן פון אַלע זייטן, אַלץ בליקט אַריין מיט וואַכעדיקע אויגן, אַלץ איז מיט פרישקייט, און צאַפּלדיקייט, אַלץ שרייט אַריין: „אַ טאָג איז געבוירן!״

אַרום 6.30 ווי., פּאַסאַזשירן נעמען זיך דערמאָנען אַז עס וועט ניט העלפן דאָס קורטשען און מאַכן זיך הילפסלאָז, דער צוג וועט סיי ווי ניט מער טראָגן, ער בלייבט שטיין אַ פאַרסאָפּעטער ביי טריעסט.

טריעסט

5 אויגוסט. מ׳זעט ניט קיין האָטעל אויף אַ רפואה, עפּעס ווי עס וואָלטן קיינמאָל קיין פרעמדע ניט פאַרבלאָנדזשעט אין טריעסט.

פירט מיך איינער מיט אָפגעריבענע קליידער און איינגעפאַלענע באַקן, צו אַ פּריוואַטער אכסניה ווי אַ אַלט פאַר פאַלק מיט עטליכע טעכ־טער, שפּאַרן אָפּ אַ צימער פאַר אַ אויסלענדער פאַר פיל ביליקער, ווי אין אַ האָטעל.

ניט קיין אויסערגעוויינליכעס אַרום וואָקזאַל, נאָר גלייך מיט דעם האַנדלס־צענטער באַווייזן זיך 10־12 שטאָקיקע שיינע געביידעס וועלכע פאַרשטעלן מיט זייערע מאָדערנע פלייצעס אַלטע איינגעפאַלענע הייזער און שימל.

ניטאָ קיין גרויסשטאָטישער גערודער, אַלץ זעט אויס פאַרשלאָפן צוגלייך מיט דעם אָרימען פּאַרט נעבן וועלכן עס באַוועגן זיך עטליכע שיפלעך. דאָס איינציקע באַוועגליכע איז דער סאָלדאַטן־מאַטעריאַל.

שלעפּן זיך גרופּן און איינציקווייז סאָלדאַטן אין פאַרשידענע אוני־פאָרמען, און אָפיצייכנס. באַרג־זעלנער און טאַל־זעלנער, שטאָט און דאָרף־זעלנער, שוואַרצע און האַלב שוואַרצע פאַשיסטישע גרופּן, אַזאַ גרויסע מונדיר און זעלנער־פאַבריקאַציע, אין וועלכעס די יוגנט פון אי־טאַליע איז אַריינגעוואָרפן.

אָבער אַזוי זען אויס העלדן פון אוואַנטורעס אין אַביסיניע, שפּאַניע און אַלבאַניע ? די פּיס זענען שלאַבעריק און צעפּאַרן, עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך צעגאַנגען אויף אַלע זייטן, ווער ווייס אויף וואָסער פּראָנט מ׳וועט זיי איצט שיקן, הייסן מאַרשירן...

6 אויגוסט. אַ זונטיקדיקער פרימאָרגן מיט קוויטשעדיקע „גוט־מאָרגן" באַגריסונגען אונטער מיין פענסטער. איך כאַפּ אַ בליק צו די „הייליקע" יעזוס און מאַריאַ בילדער וועלכע זענען אַ גאַנצע באַכט גע־שטאַנען איבער מיין בעט צוקאָפּנס, און איך אייל מיך באַגריסן די גאַס.

מענטשן זענען פיינער אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשן, און פון אַלע ווענט הענגען אַראָפּ דעם דוטשעס בילדער אין פאַרשידענע פּאָזעס. צווישן פאָטאָגראַפישע שוי־פענסטער זעט זיך ספּעציעל אָן איין גרויס בילד אין ציווילער אָנטועכץ, מיט אַ זייטיק אויסגעדרייטן קאָפּ און איראָנישער זיגער־מינע צעלייגט איבער זיין ברייט מויל, וועלכעס שטעלט מיט זיך פאַר אַמביציע און זיג, פאַרקערפּערט אין שאַרפן בליק. אָבער עס פעלט מענטשליכקייט אין דעם בליק פון מוסאָ, 1939.

דייטשישע צייטונגען שרייען אַראָפּ פון קיאָסקן און געשעפטן, האָבן זיך צעלייגט ווי פּעטע דייטשן אין שמאָלע איטאַליענישע וואַגאָנען. קליי־נע פּיצינקע איטאַליענישע צייטונגען דערציילן מיט בילדער פון לאַנד־מאַנעווערעס, און לאַצן מיט פאַשיסטישע אָפיצייכנס ביי יונג און אַלט, אין די גאַסן.

אַ שיינע גלייכע יוגנט. זעט דאָ אויס געוויקסיקער ווי אין אַנדערע טיילן פון איטאַליע, אַזעלכע סימפּאַטישע פּנימער, די מיידלעך זענען באַ׳חנ׳ט און רייצנד, איטאַליענערנס אין פולער פּראַכט.

טונעלן־גאַסן פירן צו פאַרשידענע אונטערשטאָט־קוואַרטאַלן, ווי פון אויבן העכטע זייט ליגט דער אַדריאַטישער ים מיט בערג פון אַלע זייטן, און פאַר די פּיס די שטאָט טריעסט. אַ פּאַנאָראַמע פון אַלטקייט, שטיקער געשיכטע און מאָדערנע קונסט־בוי, מיט מלחמה און באַפרייאונגס־דאַ־טעס, ווי דער באַרג טראָגט אונטער אַ מאָנומענט פון זעלנערישער סאָ־לידאַרישקייט ביים טראָגן אַ פאַרוווּנדעטן, מיט אַלטע ציטאַדעל ווענט,

אַרום וועלכע יונגע בוימעלעך מיט געפאַלענע בעמען אין 18־1915, זע־נען פאַרפלאַנצט אין „געדענקונגס־פּאַרק".

יאַטקע און גריסב־פּאַרקויף, טומלט אַפּ זונטיק ביז מיטאָק, און די רעסטאָראַנען און קאַפעען ווערן אָנגעפילט מיט בירגערליכע קלאַסן. די זונטיק געסט שלינגען פולע טעלער מיט לאַנגע לאַקשן, און פאַרטרינקען מיט שאַרפע ביליקע ווײַנען. אַרום די אָפענע ליאַדע־קרעמלעך (אייז) ביי די שיינע סקווערן זיצן יונגע און עלטערע מענטשן, און טייל שאַרן זיך צו סינעמאַס מיט האַלב פינסטערע טירן, וועלכע ווייזן פּאַטריאָטישע און אַוואַנטוריסטישע בילדער פאַר איין ליר.

די גאַסן און פּלעצער ווערן נאָכמיטאָק אָנגעפילט מיט לעבעדיקייט, און יוגנטליכקייט, ווי עלטערע ווייבער שטופן אין האַנט אַריין לאָטעריע־צעטלען מיט אויסגעשרייען און קוויטשערייען: „קאַרטאַלינאַ אָנאַ לירע! אָנאַ לירע קאַרטאַלינאַ!!" אַ יונג מיט אַ גרילצעדיקן פאַטעפאָן פייפט אויס אַלע ענגלישע און אַמעריקאַנער שלאַגערן און פּרובירט דורך אַ קיילעכדיק ראַד אויספלעטן אַ לאָטעריע צעטל וועלכעס דאַרף זיין צו־געגנגליך פאַר די אַרבעטער, יונגלעך און מיידלעך אַרום.

* * *

צופעליקע קאָנטשאַפט אין אַ קליינעם רעסטאָראַן מיט אַ יונגען בוי־אַרבעטער, וועלכער האָט געלעבט איבער פיר יאָר אין פראַנקרייך, באַ־קענט מיך מיט היסטאָרישע און נייע געבײַדעס פון טריעסט. רעדט מיט ליבשאַפט וועגן זיין שטאָט און זיין לאַנד איטאַליע, אָבער ער וואָלט גע־געבן וויפל, צו קריגן אַ פּאַספּאָרט, וויל ער מיט אַנדערע אַנטי־פאַשיסטן פילן זיך שטיקנד אין פאַשיסטישן איטאַליע.

ער רעדט וועגן די פרייהייטן, אַ פאַרערער פון די בעסערע עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען אין פראַנקרייך, וואָס זען אויס פיל העכער ווי 20־25 ליר אַ טאָג פאַר אַ מאַן און 8־10 ליר אַ טאָג פאַר אַ פרוי אין פאַבריק. (אַ לייטישער מיטאָק קאָסט 12־15 ליר). „עס לוינט זיך פאַר מיטגלידער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי וועלכע קריגן הנחות און געניסן מער רעכט ביים האַנדל און אַרבעט, אַנדערש איז די גאַנצע תורה פון פאַשיס־טישער קאָאָפּעראַציע מער ניט ווי אַ בלאָף"...

„אַמאָל פלעגט מוסאָליני זוכן, און כמעט ווי צווינגען, צו ווערבירן מיטגלידער פאַר דער פאַשיסטישער פּאַרטיי וועלכע זאָל נאָכקוקן די מאַסן פון שטאָט און דאָרף, אָבער די לעצטע עטליכע יאָר וויל מען נאָר די קינדער וועלכע ענדיקן די שולן, וועלכע מ'האָט געפּראָפט מיט שאָ־וויניזם און אימפּעריאַליזם"...

ער דערציילט פון אַנטי־מוסאָליני שטימונגען צווישן די אַרמיי־אָפיצירן, וועלכע ווערן מיט שאַרפקייט אויסגעבערענט. „אָבער דאָך ווערט

זיך מוסאָליני באַקלערן אײדער ער לאָזט זיך אַרײַן אין אַ נײַער מלחמה אוואַנטורע״...

מיר שפּאַצירן איבער אָרימע קוואַרטאַלן פון טריעסט. אַט דער שטאָט־ראַט, מיט פיינע געבײַדעס אַרום, און ריזיקע מוזיק־קאַפעען, וועלכע זענען אָנגעפילט און באַזעצט מיט הונדערטער פאַרמעגליכע מענטשן אונטערן פרײַען הימל, און נאָר איין טריט, וולכער פירט צו זײַטיקע אַלײען מיט פאַרשידענע טונקעלע און האַלב טונקעלע אײַנגענג, בײַ וועלכע פאַרהעכטיקטע, מיאוסע פרויען קעפּ, לאָזן אַרײַן סאָלדאַטן, מאַטראָזן, און ציווילע אַרבעטער קופּעסוויז, און בײַ יעדער פּראַל אויף אַרײַנצולאָזן און אַרויסלאָזן די געסט, וועלכע ווערן פאַרבעטן דורך דער אַרײַנשלעפּערן קעגנאיבער, ווערט אַרויסגעשליידערט אַ הויפן פון שטיקענדע, פּאַסקודנע קוויטשערײַען. אַ ריזיקער דזשונגל פון שאַנד און פּראָסטיטוציע, פון אומרײנקייט און שמוץ, מיט מכשפה־קעפּ בײַ די טירן, אונטער דער נאָז פון שטאָט־קאָנטראָל־מאַגיסטראַט, אַט דאָס איז אַ רינג פון פאַשיסטישערווירטשאַפט.

און ניט נאָר אין די באַשטימטע „צוגעשניטענע״ פּראָסטיטוציע־גאַסן און געסלעך ווערט פרויען און מענער קערפּער געשענדעט און פאַראומרײניקט, ניט נאָר אין די שמאָלע געסלעך קריגן זעלנער און מאַטראָזן זייערע פּאַרציעס „ליבע״, אין די פּאַראַדנע גאַסן, בײַ אַלע טראַמוואַי סטאַציעס לויערן פיל האַלבע און גאַנצע גאַסן־מיידלעך, מיידלעך וועלכע קענען ניט פאַרדינען, זיך אויסצוהאַלטן דורך פאַבריק־אַרבעט, אָדער ביוראָ־אַרבעט.

טריעסט 1939 ווײַזט דעם מיאוסן בלאָפערישן פּרצוף פון 17 יאָר איטאַליעניש־פאַשיסטישער הערשאַפט.

פון טריעסט קיין בודאַפּעסט

7 אויגוסט. 9.37 פרי, אַ וועג מיט בערג, בוימער, שטיינער און שטײנערדיקע פעלדער, און אַרום 11.15 באַווײַזט זיך אַ אָרים וואָקזאַלכל, ווי ברייטע פעסטע מענער אַלס באַאַמטע נעמען איבער די ווירטשאַפט. די סלאַווישע טיפּן מיט אַ שפּראַך ענליך צו רוסיש, ווירקען ווי מ׳וואָלט איבערגעפירט פון איין וועלט צו אַ צווייטער, הגם די נאַטור האָט אַזאַ איבערטויש ניט אָנגעזאָגט.

מ׳איז נאָר עטליכע טריט אויף יוגאָסלאַווישן באָדן, ווי עס קומען אָן געדיכטע וועלדער, בערגלעך און טאָלן מיט צעשראָקענע צוגעטוליעטע הײַזער, מיט עפּלבוימער וועלכע לאַכן אַרײַן אין די וואַגאָנען, און דערנאָך פעלדער צעשניטן אין פאַסן, אויסגעלייגט אין פאַסן און קוואַדראַטן, אַלץ אַזוי רואיק און זאַט, אַ מנוחה.

ציִען זיך האַלב שלעפעריק אַזעלכע פויערשע פורלעך, ווי זיי וואָלטן ניט מיטגעלעבט די שטורמישע טעג וועלכע לויפן און שרעקן מיט מע־כאַנישער שנעלקייט.

די באַן און גרענעץ באַאַמטע קאָנטראָלירן דאָקומענטן און בילעטן, ווי זיי הייסן זיך צאָלן 10 דונאַם פאַר דורכבליקן אַ שטיק יוגאָסלאַווישער ערד, און עס נעמט וווּנדערן צי די אָרימע פויערשע פורלעך קריגן עט־וואָס פון חעם שטייער...

פאַבריק קוימענס, וועלדער און בערג אָן אַ שיעור, די זון באַקט און בראָט, ווי אַרבעטער, טייל האַלב נאַקעט, וועלכע פאַריכטן שאָסייען, קוקן נאָך דעם צוג מיט „ליידיקגייערס" וועלכע געניסן פון זייער שאָסיי־האַרעוואַניע.

אַזעלכע בלאָנדע קעפּ, און בלאָע אויגן, טייל מיט מילדע און טייל מיט שאַרפע בליקן, אומצופרידענע געזיכטס־שטריכן, פויערטעס מיט איבערגעדעקטע קעפּ־טיכלעך, פאַרטאָן אין באַאַרבעטן די פעלדער, און קליינע יונגלעך וואָס מ'זעט קוים אַרויס פון אונטער גרויסע דאַשקעס וועלכע טרייבן פעטע קי, כאַפּן אַ בליק צו דער לויפנדער מאַשין, און קענען ניט פאַרשטיין, קוקן נאָך מיט פאַרווונדערונג: מענטשן זאָלן זיצן אינעוועניק און ניט צוהעלפן די מאַמעס ביי פעלד־אַרבעט.

פאַר סטאַציע קוטאַריבאַ קומט פאַר אַ געיעג צווישן באַן און פעל־דער. דאָ און דאָרט פלאַנטערן זיך שטיבלעך צווישן די פּיס, בוימער, גראָז, און פלעצער, ווי ס'רוען געוועזענע לעבעדיקע מענטשן. אַלץ ווערט איבערגעוואָרפן פון באַן שנעלקייט, כאָטש געבן יעדן פּיס נאָכצו־לויפן, אַנקלאַפּן אין די אַדרעסן פון געוועזענע לעבנס, זיי זאָלן אַרויס־קריכן פון אונטער די מצבות, ווייל אַלץ אַרום פאָדערט רירעוודיקייט און באַוועגליכקייט.

די זון ווערט מיד מיטלויפענדיק. ווי נעמט מען אַזוי פיל כח, צו וואַרימען פעלד און וואַלד, אפילו די שינעס געדאַרפט באַגיסן מיט שטראַלן, וועלכע האָבן זיך צעצויגן ווי צווי לאַנגע גאָלד־זילבערנע פע־דים איבער אַ שאָסיי־מונדיר. אַרום 6 נאָכמיטאָג נעמט זי ביסלעכווייז אָפּשטייך, זי שלעפּט זיך מיט ביז דער סטאַציע.

קוטאַריבאַ איז די אונגאַרישע גרענעץ און דאָ טרעפט מען שוין פאַרשוינען מיט העלע און טונקעלע האַר. אַ געמיש פון פריערדיקע סלאַוון און איטאַליענער, וועלכע שמייכלען.

די באַאַמטע שמייכלען. ניט מיט זייערע מיילער און באַקן, עפּעס ווי זיי וואָלטן געשמייכלט מיט זייערע עטוואָס איבערגעוואַקסענע נעזער. און ווי באַלד מ'זעט דינערע געשניצטערע טיפן, ווי די יוגאָסלאַוון, איז אויך מיט דינערע לענגליכע נעזער וועלכע זען אויס צו שמייכלען, ווי זיי וואָלטן די חכמה פון לעבן באַנומען מיט דער נאָז...

באַפּוצטע בלומען־וואָקזאַלן, און פעלהער מיט דיבינקע בוימער, און אַ פלאַמענדיקע זון צינדט אָן די אָפּגעשניטענע קאָרן וואָרצלען. די זון לאָזט זיך אַראָפּ אויף פּעטע אונגאַרישע פעלדער, קוקט זיך צו ווי קופּעס שעפּסן קייען געשמאַק פאַר׳ן שלאָפן גיין, און ווי דער מילכיקער טייך „באַלאַטאָ“ לאַשטשעט און שאַרט זיך נעבן טונקעלע בערגלעך, ביז וואַנעט זי פאַרבאַהאַלט זיך„ כאַפּט זיך אַרויס דורך בערגלדיקע אונטערטירן און די נאַכט קריגט אַלץ, צו איר דיספּאָזיציע.

קורץ־פיסיקע מיידלעך אין קאָלירטע קליידלעך וואַרפן אַזעלכע סימפּאַטישע בליקן אין די וואַגאָנען אַריין, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַראָפּשלעפּן ביי יעדער סטאַציע, פאַרגינען ניט אַזאַ צוג מיט געסט פאַר בודאַפּעשט. און די באַן נעמט זוכן, טאַפּן אַ וועג אין דער פינסטער, ווייל די נאַכט נעמט הערשן מיט אַזאַ שוואַרצער מאַכט.

אַלץ ווערט איבערגעדעקט און איינגעשלעפערט. מ׳זעט קיין לעבן ניט אַרויס, אַחוץ דאָס וואַסער וואָס לויפט נאָך מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ראַנגלט זיך, לאָזט זיך ניט איינוויגן, אָבער גיט זיך סוף כל סוף אונטער, צוגלייך מיט פעלד און באַרג. בלויז מענטשליכע שטיבעלעך לאָזן וויסן דורך רויטע פייערלעך, אַז דאָ איז אַ מענטשליכער ישוב, און די לעצטע וועלכע ווילן זיך ראַטעווען פון דער איינזאַמער פינסטערער געהיימניש, זענען די דינע ביימלעך, וועלכע קוקן אַריין אַזוי טרויעריק אין די וואַגאָן־פענסטער, בעטן זיך מ׳זאָל זיי מיטנעמען אין שטאָט אַריין.

פון אַלע איינשטייגענדע און אויסשטייגענדע פּאַסאַזשירן בלייב איך אַליין אין וואַגאָן. כ׳הער מיך צו צום סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו, די וואַגאַנען פאַלן פון די פיס, זיי האַלטן זיך ביים אויסשפּאַנען, ווילן איינציקווייז אַוועקגיין אין ווינקלען כאַפּן אַ דרימל, אָבער די מאַשין פירט צו אַ לייטיש פּלאַץ, ווי די וואַגאָנען וועלן רוען ווי לייטישע מענטשן, אונטער אַ דאַך. פון דער געדיכטער פינסטערניש שיילט זיך אויס אַ שטאָט מיט ליכט און אַ טונקל וואַסער.

בודאפעשט איז פאנטאסטיש

קומט צולויפן אַ קליין וואָקזאַלכל און שטעלט זיך פאַר אַלס אַריינפירער אין שטאָט אַריין. און ווי באַלד עס געפעלט ניט דער אונטערשטאָטישער אָנבליק פון הייזקעס און געסלעך, וועלכע זען אויס מער פאַרשלאָפן ווי די פעלהער און דערפער, אַרום בודאַפּעשט, און ווי באַלד מ׳וויל דורכאויס שלאָפן אין אַ האָטעל און אַרום דאַכט זיך אַז קיין פיצל שטאָט אויף אַ רפואה ווי נאָר זיך איינקורטשן און אָפּציען צוריק, דאַן איז בלויז זיך צו ווענדן צו די שאָפערן וועלכע האָבן ליב צו מאַכן אַ טומל אַרום אַנגעהאַלבן פּאַסאַזשירן, ווי אַזאַ איינער וועט שוין פירן

אויף שטום לשון, ער וועט פליִען דורך גאַסן און בולוואַרן, אַרויף און אַראָפּ באַהאַנגען מיט ליכטיקע הענג־לייכטער, ווי דורכגעפירט אַ שפּי־לעוודיקע סימפאָניע, ביז עס באַוויזט זיך צענטער שטאָט, מיט אַ הויפּט וואָקזאַל, אַרום וועלכן עס שטייען פאַרשידענע האָטעלן, מיט אויסגע־שריִען: דאָ איז דער אַריינגאַנג אין שטאָט אַריין, צו וואָס פאַרקראַכן דאָרטן?

אַ נאַכט־באַדינער פון האָטעל „סאַוואָאי" געפינט אַ באַשיידן צימער. און ווי באַלד איך רעד ענגליש קען ער באַווייזן אַז ער איז נאָך געווען אין ענגלאַנד „פאַר דער מלחמה"...

8 אויגוסט. די גאַס איז ענליך צו די גאַסן אין לאָנדאָן, פּאַריז און פּראַג, אָבער עפּעס זעט דאָ אויס אַנדערש, און מער מען קוקט זיך צו, אַלץ מער אַנדערשקייט.

אַ געמיש פון אַ פאָלק, פון אַ שטאָט פון גאַסן און הייזער. טראַמווייען און פערד גייען האַנט אין האַנט, שאָסיי אַרבעטער מיט שוואַרצע קאַפּע־לושן, און מיט זעלבערישע היטלען, ווי צעגוויפגעשלעפּט פון ביוראָס, און זעלבערישע אָקאָפּעס. קליינטשיקע בלאָנדע מענער מיט האַלב ווייבער־שע פּנימער, און הויכע מענער מיט טונקעלע האָר און שאַרפע קינבאַקן.

גרויסשטאָטישע געשמינקעוועטע און פאַרפוצטע פריילנס, און פּויע־רישע מוידן וואָס ציִען אַלע ווילע אַרויף די זאָקן. הייזער וואָס וואַקסן מיט שיינקייט פון געבוי און פאָרם, און הייזקעס וואָס טוליען זיך צו די גרויסע הייזער, ווי באַרוויסע אָפּגעריסענע קליינע יתומים צו רייכע פּעטע מומעס.

מאָדערנע האַנדלס־מאַגאַזינען, געצערעמט מיט גראַשנדיקע גע־וועלבלעך, און אַן אַ שיעור ראַגאַווע פּערטל־קיליאַדיקע פּרוכטן פּאַר־קויפער, און הענדלער מיט דינע צעגויפגעפּלאַטעטע צעגויפגעקלעפּ־טע בויגל, און פאַרזשאַווערטע קוקורוזע־קיכן. אַלץ שטעלט צעגויף, שאַפט אַ פּולבלוטיק פאַרביקע גאַס, אַרום הויפּט־וואָקזאַל וועלכער זעט אויס ווי אַריינגעפאַרן מיט די שינעס אין שיינע וואַרטע־צימערן, כדי איינצוקויפן שיך־בענדלעך און שפּיגעלעך, ביי די האַלב זויערע און פאַרשלאָפענע פאַרקויפער, וועלכע האַלטן אונטער די ווענט, מיט די פּאַרענטשעס.

זייטיקע גאַסן און געסלעך, ווי געקומענע פון דערפער און שטעט־לעך, פון אַלע עקן אונגאַרן, מיטשלעפּנדיק בעל־עגלות, פּעק טרעגער, וואַרשטאַטלעך און שענקען מיט באַוואַקסענע פּויערים וועלכע האַלטן 8 פּרי ביים אַריינשאַרן גאַנצע ברויטן, מיט שיסלען קאַרטאָפל, און וווּרשטלעך אין אַזעלכע טונקעלע מויל עפענונגען, אַז די אַלע געסלעך לויפן הענדום־פּענדום, שטופּן זיך, צו די שענערע ברייטע גאַסן.

אַ געמיש פון אָרים און רייך. אַ מין האַלב פעאָדאַליסטישער צו־

שטאַנד, ווי נויט שרייט מיט קולות, מיט מאָגערע פּנימער, שמאַטע קליידער, און אַפּאַטישע אויגן.

ציימונגען און ביכער אין אויסלענדישע שפּראַכן און צווישן דער גרויסער צאָל היטלעריסטישע מיט׳ן „שטורמער" אין שפּיץ, קוקט אַרויס די אונגאַרישע סאָציאַליסטישע צייטונג „נעפּשאַוואַ" ווי אַ איינזעלנע צווישן רעאַקציע, בלאָף און בילעריי.

נאָכמיטאָג ווען פאַרפוצטע דאַמען און הערן פון דער האַנדלס און ליידיקגייער וועלט, נעמען אָנפילן די גאַסן מיט איינקויף, פאַרמיטלונג, און זאַטקייט, די קאַפעען נעמען זשומען פון באַרינגלטע פּרויען־הענט־לעך, און שמייכלדיקע מענער, צו וועלכע קעלנער פאַרבויגן זיך מיט אויסגעשולטע מאַניערן, אַט אין דער צייט, בויגן זיך מיטליעריקע פרויען איבער עמערס וואַפּנע און ציגל, זיי העלפן בויען מער הייזער פון 8־10 שטאָק, פון האַנדל, און ווייכע קאַפעען, און הערביי אַכטונג געבן דאָס די גלאַנציקע שיכלעך, און זיידענע זאָקן פון די דורכגייענדע דאַמען, זאָלן ניט ווערן איינגעריכט, ווייל די איידעלע פּנימלעך פאַרקרומען זיך אַזוי אויך, ווען זיי ווערן געשטערט דעם דורכגאַנג אין מיטן שיינעם טאָג. קענען ניט די איינגעשמירטע, אויסגעווייקטע פּרויען הענט און פּנימער דאָס מאַכן אין מיטן דער נאַכט ?

עמערס, דערזען פיסלעך אין זיידענע זאָקן, וועלכע שוועבן אַזוי מחיה׳דיק לייכט. די איינגעשמירטע פרויען הויבן שווער אויף די קעפּ, זיי באַטראַכטן די איבעריקע טיילן גלידער איינגעדעקט אין זייד, אין פיין צענויפגעשטעלטע שטאָפן, ביי זייערע פרויען־שוועסטער, און, הענט פאַלן צוריק אַראָפּ ווי שטיקער בליי, וואַפּנע און ציגל ווערט גע־טראָגן און דערלאַנגט ווי פריער, אָבער דאָ אַרבעט שוין ווייטאָק און פאַרדרוס.

* * *

לענגאויס גלייך מיט די בולוואַרן וועלכע זענען אַרומגעשטעלט מיט אַלערליי אַלטע און נייע קירכעס, היסטאָרישע געביידעס, טעאַטערס, סקווערן און גערטנער, קומט מען צו אַ לופטיקן געגנט, ווי עס באַווייזט זיך דאָס גראָע וואַסער, דער טייך דונאי, אין זיין גאַנצער שיינקייט און פּראַכט.

אַ געלויף פון בריקן. זיי שפּרינגען איבער און לאָזן זיך, איבערצו־קלעטערן דעם באַרג, וועלכער האַלט אונטער זיך די אַלטע שטאָט בודאַ ווי ס׳הערשט שטילקייט און רו.

איבערצושפּרינגען אַזאַ שטח וואַסער, מיט אַ משא פון טראַמוואַיען, וועגענער און אויטאָס, איז איינגעשטעלט. שטעלן זיי אַרונטער „טריט" אין וואַסער, און אַזוי אַרום ווערט מען בלויז פאַרנעצן די פיס, אָבער אַריבער בשלום. בלויז איין בריק מיט אַ נאָמען עליזאַבעטה, זי איז ניט

נאָכגיביק, ווײל ניט נאָכגיין די שרעקעוודיקע בריקן. נײַן, זי שטעלט קיין טריט אין וואַסער אַרײַן, מיט איר שמאָלן לאַנגען קערפּער גיט זי חוצפּה׳דיק אַ וואָרף זיך איבער, און ווי אַ בויגעוודיקע שלאַנג בלײַבט זי הענגען צווישן בודאַ און פּעסט, ווײַל פאַרשטעלט דעם וועג האָט איר דער מאָנומענט פון סט. געלערט, וועלכער לויפט פון באַרג מיט אַ צלם אין שטאָט, ער דראָט דער טייל שטאָט פּעסט מיט נקמה, פאַר אַראָפּ־שליידערן אים פון באַרג, ווען ער האָט מיט קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק פּרובירט דאָס קריסטענטום אײַנפּלאַנצן אין אונגאַרן.

דער גאַנצער וועג לענגאויס דעם דונײַ איז פון בײדע זײַטן אַרומגעשטעלט און אַרומגעמויערט מיט מאָנומענטן, היסטאָרישע געבײדעס און פּאַלאַצן. יעדער שטיין דערציילט פון פרעמדער הערשאַפט מיט אַ געשיכטליכן רוימישן אָפּשטאַם, און פון אַנדערע פעלקער. דערנאָך קומען טערקן, און צום סוף דער געמיש פון דײַטשן און סלאַוון, ווי די אונגאַרישע הויפּט שטאָט האָט באַוויזן צו וואַקסן, ביז אַנדערהאַלבן מיליאָן אײַנוווינער.

דער ריזיקער פּאַרלאַמענט בנין, מיט די פײַנע אויסערליכע אַרכיטעקטור שניצערײַען, איז לוקסוסאָווע אויסגעשטאַט. אַן אַ שיעור ריזיקע זאַלן מיט פײַנע בילדער, ווי עס איז פאַרגעשטעלט די געשיכטע פון אונגאַרישן פאָלק, לויט זײַערע פּראָפעסיעס און באַרופן. סקולפּטור אויסאַרבעטונגען, וועלכע גלאַנצן מיט פאַרבען און שײנקייט.

אַ קונסט־ווערק פון אַ געבײדע געבויעט פון 1885 ביז 1904, וועלכעס דאַרף דינען דאָס פאָלק, און די בעלי הבתים אינעווייניק זענען 180 האַרטע לײַט, וועלכע בויגן זיך פאַר היטלער׳ן, אַלס „צוקונפטיקער הערשער״ פון אייראָפּע, און 18 „פײַער־קרייצלער״, אָפענע היטלער־אַגענטען, וועלכענס דרויסנדיקע אויטאָמאָבילן פלאַטערן מיט האַקן־קרייצלערישע פענדלעך, און צווישן די „פאָלקס־פאַרטרעטער״ בלויז עטליכע ליבעראַלן און סאָציאַליסטן וועלכע ווילן נאָך דאָס אונגאַרישע פאָלק ניט אויפגעבן.

פאַרגלוסט זיך דער „מאַרגאַריט״ בריק אינמיטן איבערשפּרייזן דעם דונײַ אַ ביסעלע אָפּצורוען, פאַרקערעוועט זי זיך צו איר „מאַרגעריט״ אינזל וואָס שווימט אַזוי שטיל מיט בוימער, קאַפּעען און באַדע־פּלעצער.

דער פּאַס ערד אויפ׳ן רוקן פון טײַך פלעגט אַמאָל דינען אַלס שפּילפּלאַץ פאַר די אונגאַרישע קעניגליכע דינאַסטיעס און שפּעטער פאַר קירכע־שולן. הײַנט דינט עס פאַר אַ שטיל ווינקל צו אַנטלויפן פון שטאָטישן טומל, און בענזין־לופט. אָבער ווײַזט אויס אַז קיינער וויל ניט אַנטלויפן, ווײַל בולוואַרן און גאַסן זענען מער לעבעדיק און פאַרביק, דער טאָג רוישט און שווײבלט מיט פאַרשידענע דאַרף און שטאָט פּנימער, וועלכע פאַרקויפן און קויפן אַרום נאַציאָנאַל טעאַטער קאָלירטע

נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, און מיט באָרוויסע מוידן, וועלכע קוקן אַריין אין שוי־פענסטער, וועלכע באַלעקן זיך מיט קוקורוזע.

אַרבעטער אין גראָע קליידער נעמען זיך שאַרן אַהיים פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן, און יונגעלייט עלעגאַנט געקליידעט, באַטראַכטן סינעמא בילדער, און פּרויען מיט ערנסטע פּנימער און פאַראַנטוואָרטליכקייט, שטריכן ענליך צו פאַרהאַרטעוועטע מענער וועלכע טראָגן אַ שווערן על פון פאַרזאָרגן יעדן טאָג מיט עסן און שלאָפן, די בודאַפּעשטער גאַס ווערט כמעט ווי איינגעשטילט.

עס ליידיקן זיך אויס גאַס נאָך גאַס. די סינעמאַס און קאַפעען שלינגען איין די וועלכע ווילן נים גיין אַהיים. פון אַלע ווינקלען קומען אָן אַזעלכע מעלאַנכאָליש וויינענדיקע פידל־קלאַנגען, פאַרדעכטיקע מיידעלשע בליקן קוקן נאָך מענער־טריט, און די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן צאַנקן מיט קרענקליכער ליכט, עפּעס אַ פאַרדעכטיקטער שטילער רייץ ליגט אויסגעגאָסן איבער דער גרויסער שטאָט.

שטיל איז אויך ביים טייך דונײַ. ווייזט אויס אַז די זיבן בריקן ווען שוין אַזוי בלייבן שטיין צווישן בודאַ און פעסט, ווייל דער וועג איז צו טונקל צו שפּרינגען איבער׳ן באַרג.

די עליזאַבעטה בריק מיט אירע דינע פאַרשפּיצטע שטאַנגען וואַרפט מיט איר לאַנגען געבוי און צאַרטער סטרוקטור. זי איז אַזוי מיד הענגענדיק, און פּרובירט אַלץ שטילערהייט בלויז מיט אַ ליכטיקן „שנור־פּערל" זיך איבערוואַרפן דעם באַרג, אָבער דער טונקל שוואַרצער מאָנומענט מיט׳ן שרעקעוודיקן צלם שטייט אַלץ און לאָזט נים דורכגיין.

זיג־זאַגן און פאַרפּירערישע טרעפּ, עס שלעפּט און ציט אַלץ העכער, שאָטנס צווישן יעדער קוסטע, בינטל ביימער און גראָזן ווי זיי וואָלטן געלויערט צו פאַרשלינגען אַ איינציקן נאַכט־באַזוכער. שטיקער פינסטערניש שושקען זיך מיסטעריעז איבער מיט ביימער־בלעטער, ביז וואַנעט מ׳דערגרייכט שוין די 2640 מעטער אויבן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ פון אָנשטרענגונג און שרעק.

און וואָסער בילד פאַר די אויגן. אַ טורעמדיקע שאָטן־שטאָט הענגט אָנגעבונדן צוזאַמענגעשבירעוועט אויף לאַנגע גאָלדענע דראָטן. די בריקן זען אויס ווי עלעקטרישע דינע שלענגלעך פאַראַנקערט מיט שוואַרצע צעריבענע זיילן, אין אַ בליי־גראָען וואַסער, און אַלעמאָל לויפן דורך אַזעלכע בלוט־צירקולירנדע, פייערדיקע שנירעלעך אין פאָרם פון טראַמוואַיען, מיט פינטעלעך אַלס מענטשן.

די דעכער פון גאָר נאָנטע הייזער זען אויס ווי איבערגעוואַקסן מיט מאָך, און זענען פאַנאַנדערגעשניטן אין העלערע פאַסן, וועלכע דינען פאַר גאַסן און געסלעך.

בלויז קופּאָלן און פּאַלאַצן שטאַרצן אַרויס מיט זייערע שפּיצן.

פייערדיק לאָזן זיי וויסן אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר מער „וויכטיקייט" ווי די שוואַרצע אַרומיקע מאַסע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר איין שטיק בייטאָגיקער רייץ, און סודות׳פולע בייננאַכטיקע פאַנטאַזיע.

יידן אין בודאפעשט

9 אויגוסט. די יידישע געגנט רוישט און טומלט מיט האַנדל, פּאַבריקאַציע און האַנטווערקערײַ. טייל יידן הערקענט מען דורך זייערע בערד און ווייכע אויגן, און טייל דורך זייערע ספּעציפיש פּויליש־יידישע אויסדרוקן.

זיי פילן זיך אַ ביסעלע פרייער פון די צעוואָרפענע יידן איבער קאַרפאַטן געגנט, פון שטעט און שטעטלעך. די 250 טויזנט בודאַפּעשטער יידן זענען נאָך אַ מאַכט, ווי פיל פון זיי פירן אָן מיט גרויסע געשעפטן, און אונטערנעמונגען, ס׳הייסט עטוואָס „זיכערער" פאַר די 350 טויזנט פּראָווינצער.

שמאָלע יידישע געסלעך דערמאָנען די וואַרשעווער נאַלעווקעס און פראַנצישקאַנער מיט זייער הו־האַ, און שטיקער רעליגיעזער באַפּאַרבונג. רעסטאָראַנען ווי יעדער באַקומט אַ יאַרמולקע, און ברייט־באַקיקע יידן מיט טונקעלע בערד וועלכע ווייזן אַרויס רירעוודיקייט ביים עסן און רעדן.

די שפּראַך איז האַלב יידיש און האַלב אונגאַריש צווישן די מיטל־יעריקע וועלכע שטאַמען פון פּוילן און גאַליציע, און די יוגנט איז כמעט ווי אַסימילירט אין דער אונגאַרישער שפּראַך.

דאָ און דאָרט טרעפט מען קרעמלעך מיט פאַרשימעלטע ציצית, און אַלטע בעלמער מעשה־ביכלעך, און צווישן זיי עטליכע פאַרקויפער פון יידיש־וואַרשעווער „מאָמענט" וועלכער איז דערלויבט ביי דער אונגאַרישער מאַכט.

אַ אומרואיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף יידישע פּנימער, זיי ציטערן מיט יעדן טאָג זאָלן ניט אָנקומען אַנטי־יידישע געזעצן און פאַרבאָטן.

אינטעליגענט און באַרעדעוודיק זענען די יידישע אַרבעטער און סטודענטן פון בודאַפּעשט, און גרופּענווייז טרעפן זיי זיך אין שטאָטישן פּאַרק, ווי עס ווערן געגעבן קלאַסישע קאָנצערטן. זיי דערפרייען זיך מיט אַ ייד פון אויסלאַנד, און אין פראַנצויזיש, ענגליש און דייטש דערציילן זיי פון אַנטי־יידן שיקאַנעס און פאַראָרדנונגען. ווי פיל פון זיי האָבן קיינע אויסזיכטן אויף אַ צוקונפט, הגם זייערע טאַטעס פירן נאָך אָן מיט געשעפטן.

זיי וואָלטן זיך צעפאָרן זוכן אַנדערע לענדער ווי זיי זאָלן קענען פאַרזעצן זייער שטודיום, און קענען פּראַקטיצירן. און זייערע האָפנונגען

זענען פאַרבונדן מיט די פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אונגאַרן וועלכע זיי שטיצן אונטער.

און ווי שווער אויפצוכאַפּן די טענער פון בראַמס מוזיק, ווי שווער זיך איינצולעבן מיט די קלאַנגען פון פיינעם שטאָטישן אָרקעסטער, ווען יידישע בחורים און מיידלעך טוליען זיך, פילן זיך אָפּגעזונדערט, מיט אַזעלכע אומזיכערע אויגן, מיט אַזוי פיל מענטשליך געבעט, וועלכעס פאַרבינדט מיט דער גרויסער אַלגעמיינער יידישער רעכטלאָזיקייט, אַ גרויליכע סימפּאָניע פון מיאוס׳ען אַנטיסעמיטיזם.

אַ בודאַפּעשטער סינעמאַ ווייזט דעם דייטשישן פילם דער „וונדער לעגיאָן" ווי דייטשישע פליער קומען מאַכן „אָרדנונג" מיט „באָלשעוויס־טישער אומאָרדנונג אין שפּאַניע", מיט הונדערטער און טויזנטער באָמבעס אין די שטעט, און נאָכיאָגנדיק ציווילער באַפעלקערונג אויף די וועגן.

זיצן בודאַפּעשטער קליינבירגער זאַט און ריין אָנגעטאָן, טייל קוקן זיך צו מיט גלייכגילטיקייט, און טייל פּאַטשן בראַוואָ איבער אַזאַ גלאָ־ריפיצירונג פון מערדעריי און סאַדיזם וואָס דאַרף מאַכן גליווערן מענטשליך בלוט אין די אָדערן.

צו פאַרלאָזן בודאַפּעשט מיט אַזאַ איינדרוק, ווי אויך מיט די יידיש־שרעקעוודיקע אויגן, איז ווי מוחל געווען די גאַנצע פּראַכט פון דער שטאָט, וועלכע איז אין אָנמענטשליכע הענט.

10 אויגוסט. עס הויבט זיך אָן אַ קאַליר פולער וועג פון פעלדער און גרינסן. געזונטע אַמעריקאַנער יונגע חברה פילן אָן די וואַגאָנען, צע־לייגן זיך מיט האַק און פּאַק, שרייבן בריוו, און קייען סאַנדוויטשעס וואָס רירעוודיקע מיידלעך טיילן פון פּעק אַרויס. די כאַליאַסטרע איז פריילעך און צופרידן, באַווייזן זיך מיט זייער אַמעריקאַנער פּאָן מ׳זאָל זיי דורך די פענסטער באַמערקן.

ביי מונקאַטש באַווייזן זיך בערגיקע פעלדער, געדיכט און טונקל מיט געזונט און פילפאַרביקייט.

יידן אויף די סטאַציעס האַלטן זיך האַלב צעשראָקן און איינגעקאָר־טשעט ווי זיי וואָלטן געוואָלט וואָס קלענער פּלאַץ פאַרנעמען. וועלדער און וועלדער אָן אַ צאָל, טייל צעטריבערטע און אויסגעלייגטע אין רייען, גרייט אָפּצופירן אין טאַרטאַקן אַריין, און אַרבעטער און פויערים מיט אויסגעדאַרטע פנימער קוקן שטאַר אין די וואַגאָנען אַריין.

לעמבערג (פּוילישע שטעט 1939)

נאָך 8 שעה פאָרן אַרום זיבן פאַרנאַכט געפינט מען זיך ביי דער פּוילישער גרענעץ, ווי אָדלער־היטלדיקע פּאָליציי לייט און גרענעץ־באַאַמטע פאַלן אַרויף מיט שטורם.

געלט פֿאַרשרייבונגען און רעוויזיע דאָ. דאָס מאָל עטוואָס מילדער ווי ביי דער זבאָנשינער גרענעץ.

יאָדלע־בוימער און שטרויענע דעכער הויבן אָן דעם פּוילישן וועג, און פֿירן צו בערג און וועלדער. די לאַנדשאַפֿט איז שיין. פּוילישע און יידישע חברה שטייגן איין אין די וואַגאָנען, זיי זען אויס געזונט און רי־העוודיק און מ׳זעט ניט קיין שנאה. עפּעס זען די יידיש־פּוילישע באַצי־אונגען אויס בעסער...

אַרום 10.30 אָוונט קומט אונטער אַ טונקעלע שטאָט און אַ באַשיי־דענער וואָקזאַל פֿירט אַרויס צו אַ פֿינסטערן דרויסן.

אַ שאָסיי אָן באַלייכטונג לויפֿט איין שטאָט אַריין, שלעפּט מיט עט־ליכע דראָזשקעס מיט צווי פּאַסאַזשירן און קיין האָטעל קומט ניט אונ־טער, זיך ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן אין די שאָטנס.

אַ יידישער פֿרוכטן הענדלער ביי זיין קרעמל וואַרט עמיצער זאָל פֿאַר׳ן שליסן געבן צו לייזן, אַ גלאָז סאָדע וואַסער, אַ באַרנע אָדער אַ ביסל קלעפּיקע פֿלוימען, ווערט גאָר פֿאַרוואַנדלט אין „אַ האָטעל־איי־גענטימער״, זיינע גלאַנציק פּוכיקע בעקלעך ווערן פֿאַרוואַנדלט אין האָ־טעל־גרייטקייט. ער שיקט דאָס דאַרע שיק־מיידל „גרייט מאַכן״ וויל „צו וואָס דאַרפֿט איר זוכן אַ האָטעל ווען ביי מיר איז אַ צימער ווי גאָלד, מיין ווייב איז אויף דאַטשע״...

דאָס מיידל פּאַרעט זיך, שלעפּט קישנס און קאָלדרעס, דער בעל־הבית פֿאַרשליסט זיך אין זיין שלאָף־צימער, דאָס מיידל קורטשעט זיך איין אויף אַ פֿעלדבעטל אין דער ברודיקער קיך נעבן זליוו, און דער גאַסט וויל זיך אויסרוען די ביינער אין אַ יידישער שטוב.

ווי נאָר אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, דערשפּיר איך אַ געלויף, געסט זע־נען אָנגעקומען פֿון גאַנץ לעמבערג באַגריסן דעם רייזענדען, און ווי וואַנצן זענען פֿעהיק, זיי קריכן אַריינשרייען אין די אויערן „ברוך־הבא!״

כ׳פּרוביר זיך אַנטשולדיקן פֿאַר איבערוועקן אים, דעם בעל־הבית, אָבער ער רעדט איין: „ס׳דאַכט זיך אייך בלויז, דאָס איז פֿאַר־שלעפּט מיט דער קישן״. ער טוישט איבער און עס קומען אָן נאָך מער גאַנצע דעמאָנסטראַציעס פֿון אַלע זייטן, זיי דערפֿרייען זיך מיט מיר...

דער סאָדע־וואַסער סוחר האָט קיין ברירה ניט, ער מוז נעביך דעם האָטעל מסחר אויפֿגעבן, הגם ער פֿאַרזיכערט מיר ביים פֿאַרלאָזן אַז גאַנץ לעמבערג איז מיט וואַנצן. לאָז איך מיך צום האַרץ פֿון שלאָפֿענדן לעמבערג ווי איך פּאַק אַ יידישן האָטעל מיט אַ באַדינער וואָס זעט אויס ווי אַ קו־מעלקער מיט צעקראָצבנקייט און לאַשטשעוואַטע מאַניערן, און אַריינפֿירענדיק אין אַ צימער מיט דריי בעטן זאָגט ער: „אַט פֿאַר 4 זלאָטעס פּאַניע, שלאָפֿט אין וואַסער בעט אייך געפֿעלט״...

קיין „באַגריסער״ קומען ניט אָן, אָבער אַלץ קלעפּט זיך אונטער די

פּיס צו וואָס מען רירט זיך צו. די בעט, קישנס, קאָלדרע, אַ מין ווילגאַט־נע קלעפּיקייט. כ׳מאַטער דורך די נאַכט.

11 אויגוסט. 8 פרי. די יידישע גאַס איז אויפגעשטאַנען טומלדיק. יידן מיט בערד און ראַזירטע פּנימער שטייען ביי זייערע קרעמלעך, היטן זייערע האַלב ליידיקע פּאָליצעס, שטיקלעך סחורה מיט אָפּגעבליאַ־קעוועטע פאַרבן, ליידיקע און דאַרע קרעמלעך, אַזוי ענליך צו זייערע בעלי־הבתים.

גראָשדיקייט און אָפּגעלאָזנקייט, געסלעך איינס אָרימער פאַר׳ן צווייטן, פערטל־קילאָדיקע בלאָטע פּרוכטן און דאַר אָפּאַטישע פויערים אויף שמאָלע פורלעך געשלעפּט פון קוים רירעוודיקע פערד, אַלץ וויזט דעם וועג צום מאַרק ווי הונדערטער יידן, פּאָליאַקן און אוקראַ־אינער שטופּן זיך אַרום אָרימע שטעלן, אַלץ טומלט, פאַרקויפט און קויפט, אַלץ מאַכט אַזאַ בלאָטיקן, אָרימען און אויסגעהונגערטן איינדרוק.

פון צווישן די ברייטע זיך אַליעען אין צענטער שטאָט קוקן אַרויס מלוכה׳שע געביידעס מיט קונסט און אַרכיטעקטור, פיל היסטאָרישע דענקמעלער און מאָנומענטן, שטיקער פוילישע געשיכטע אָנגעשטעלט, מ׳זאָל וויסן אַז די שטאָט איז אַ פוילישע, און אַזוי פיל אַראָפּגעהאָנגענע הענט, ביי דאַרע ביינערדיקע פּנימער און פּלייצעס פון אוקראַאיניש און יידיש רעדנדיקע פאַרק זיצער, וועלכע קוקן נאָך די קוישלעך פּרוכטן און עסנוואַרג, וואָס קליינבירגערליכע מאַדאַמען און הויזדינערנס טראָגן דורך מיט פעסטע טריט און רויטע באַקן.

ווי רייצנד און רייצנדיק זען אויס, קוקן אַרויס, די עסנוואַרג־פּראָ־דוקטן פון געשטריקטע לופטיק צוזאַמענגעבונדענע שנירלעך, ווי פוי־לישע ווייבער פון באַאַמטע און מיליטער־לייט טראָגן מיט אַזאַ פאַריסנ־קייט און וויכטיקייט, דורך הונגעריקע בליקן פון אוקראַאינישע און יידישע אַרבעטסלאָזע.

באָרוויסע פויערטעס און יידן וואָס פאַרמאָגן ניט קיין גאַנצן בגד, אָדער שטריימל, בלויז באָרד און אַרויפגעצויגענע איבערגעצויגענע זאַקן, בייזע קנאַכיקע אוקראַאינער אַלץ אַזוי צענויפגעשמאָלצן אין איין ריזיקער אָרימקייט, אַזאַ דערשלאָגענע, האָפענונגסלאָזע ברויט, אַ חלשות צו זען.

וואַנט פּלאַקאַטן רעדן וועגן פילמען און טעאַטער פאָרשטעלונגען, מ׳זעט צייטונגען אין דריי שפּראַכן ווי פוילישע פאַרנעמט דעם אויבן אָן. דאָ און דאָרט זעט מען איינצעלנע שיינע געשעפטן, עס גלאַנצן אַרויס שיינע הייזער, שמייכלדיקע סימפּאַטישע מיידלעך מיט קלוגע אויגן אָבער אַ שאָטן פון הונגער, פון „איינגעשטילטן" אויפברויז, וועלכער איז מיט אייזערנע מעטאָדן געוואָרן דערשטיקט אין 1931 וועלכעס פּילסודסקי האָט אָנגערופן „פּאַציפיקאַציע"...

היינט אונטער ר. ש. רופט מען אַלע בירגער פון לעמבערג צו זיין גרייט ווייל הער פילם „די ווידוי פון אַ באַצי שפּיאָן“ ווייזט פון וואַנען עס קומט די געפאַר...

שווער זיך אָנצוועסן מיט אַזוי פיל בויט, אָפּגעלאָזנקייט, שוואַרצקייט און קראַנקע פּנימער וועלכע זענען אָנגעפּילט אין לעמבערגער גאַסן, מאַרקן, קרמלעך און וואָקזאַל.

קראקע

11 אויגוסט. דער וועג פון לעמבערג ביז קראָקע באַשטייט פון פאַבריקן, פעלדער, און דאָרפיש־שטרויענע כאַטעס, צווישן באַרגיקע האָריזאָנטן.

אַ לייטישער וואָקזאַל פירט אַריין אין שטאָט ווי גערטנער מיט אויס־געשטעלטע פאַלמען־וואַזאַנעס, און גרויסע ריינע האָטעלן, באַ׳חנ׳טע שילערנס און אַלטע שיין געשניצטע קירכעס קומען אָן פון אַלע זייטן.

שלעסער און היסטאָרישע דענקמעלער אַרום דעם „אַלטן מאַרק“ ווי די האַנדלס־האַליעס זענען אַריינגעוואַקסן צווישן געשניצטע שטיקער פוילישע געשיכטע.

בלומען־פאַרקויף, קאַפעען, און שיינע געשעפטן, אַלץ אַרומגענומען מיט אַ מאַנירליכן אַריסטאָקראַטישן נעכטן, און זאַטער בעל־הבתישקייט, שיינקייט און באַקוועמליכקייט, שטריכן פון מאָדערנעם היינט.

אַ שיין געבויעטע יוגנט, פיל קריסטליכע און יידישע אינטעליגענטע פּנימער, פיל פאַרפּוצטע ביכער־פענסטער, סיי די פרינציפּאַלנע באַוועג־ליכע גאַסן, און סיי די שטילע אונטער־גאַסן, זיי טראָגן אַזאַ עכט „פּוי־לישן־כאַראַקטער“ מיט זייערע געשמאַקע גאַרקיכן, און היימישער באַ־נעמונג. אַלץ זעט אויס ווי רעשטלעך, איבערבלייבענישן, פון פּריצישקייט און אַדעל געמישט מיט ברייטער קולטור.

אָוונט־צייט ווערן די אונטערגעסלעך אַנטשלאָפן. „פּאַרשפּעקטיקטע“ מיידלעך מיט וואַקסענע קעפּ האָר, בליקן אַריין און אַרויס פון די שטובן, מיט קנאַפּ חשק דעם טאָג צו פאַרענדיקן, און סטרוזשעס (הויז־היטער) שמועסן זיך דורך נעבן די טויערן וואַרטענדיק אויף די „לעצטע“ לאָקאַ־טאָרן כדי צוצוואַרפן אַ „דאָברי־וויעטשור“ (גוט־אָוונט). דאַכט זיך ווי די שטילע גאַסן גיבן זיך אונטער און וואַרטן אויף אַ מאָרגנדיקן טאָג לעבן אָבער די לאָמטערנעס ווילן נאָך ביט אויפגעבן, איינציקווייז אין שיטערע רייען גנב׳ענען זיי זיך שטיל אַרויס, מיט בלאַסער רויטקייט שלייכן זיי זיך ווי אין שטעק־שיך, צו די פראָנטאָווע גאַסן וועלכע לייכטן מיט אַלערליי רעקלאַמעס, מוזיק און דרויסנדיקע געסט אַרום קאַפע־טישלעך.

אַ מין רואיקייט, כמעט ווי זיכערקייט, ליגט אויסגעגאָסן אויף די

פּנימער פון מיליטער־לייט, און ציוויל רייַן געקליידעטע, הערן און דאַ־מען. קראָקע זט אויס צופרידן און פריינדליך.

12 אויגוסט. שבת פרי. אַ זוניקער פרימאָרגן קומט אָן אין שטאָט און כ'בין גרייט צו „פאַרגעסן" דעם געשפּרעך מיט דער אייגענטימערן פון האָטעל „וואַרסאָווי" וועלכע גיט איבער פון שטילן און אָפענעם גראָבן אַנטיסעמיטיזם אין קראָקע.

אָבער ווי כ'שטעל נאָר אַרויס באַגריסן דער שייַנענדיקער זון ווער איך פאַרהאַלטן פון גרויסע פּלאַקאַטן. זיי רעדן צו מיר פון שטאָטישע ווענט אין אַזאַ שפּראַך: „דאָס איז אַ טאָג פון זיג איבער דער אינוואַזיע פון אויסערליכן שונא דעם באָלשעוויזם, צו צעטרעטן די אינערליכע יידישע פאַראַטן"...

דער טאָג איז באַשטימט אויף'ן 15 אויגוסט, ווי די פאַרטיי „סטראָ־ניצטוואָ־נאַראָדאָווע" וועט פייערן „אַ פייערליכע אַקאַדעמיע".

אינגאַנצן עטליכע טעג ווי דער פירער פון דער פּוילישער אַרמיי ש. ר. האָט פון דאַנען גערעדט קעגן געוואַלט און פאַרכאַפּונג, ווי אַלע בירגער דאַרפן זיך קעגנשטעלן היטלער־דייטשלאַנד, אין פאַל פון אַ סכנה, ווי קראָקע האָט געדאַרפט ווערן דער סימבאָל קעגן שלעכטס...

די פיס טראָגן שוין אומזיכער. כ'שמייכל שוין ניט צו דער זון און בלאָען הימל, מ'האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך בין אַ ייד!...

דער „אַלטער־מאַרק" איז געפּאַקט פון בלומען־פאַרקויפערנס און פרוכטן־הענדלער, און די האַליע־גאַלעריע גייט אָן מיט איר האַנדל, פון שניצערייען, אַנדענקונגס־אַרטיקלען, און לוקסוס־זאַכן, ווי ביי יעדער קראָם איז אַרויסגערוקט אַ שילד „קאַטוילישע פירמע". טאָמער גלויבט מען ניט, הענגט דערנעבן „אַ הייליק בילד".

די יידישע קרעמלעך אין דער האַליע - גאַלעריע זע־נען געשלאָסן אום שבת, בלויז עטליכע יידישע פּרויען פּרובירן אויס־שרייען זייערע סחורות, צוגלייך מיט זייערע קריסטליכע שכנ'טעס, זיי ווילן דורכאויס פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן אויף זונטיק, אָבער זיי זען אויס ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

איין „קונסט־ווערק" צווישן די יידן־פיינטליכע בליקן, אין דער האַנדלס־גאַלעריע, וואַרפט אַ שיין צו וואָס דאָס קולטורעלע קראָקע מיט אַזוי פיל הויכשולן קען דערגרייכן, איז ווי אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, טלית־קטן און כאַלאַט אַנטלויפט פאַר אַ גאַנז, וועלכע יאָגט זיך נאָך אים, און אַרום שטייען פּוילישע פּויערים, זיי טייטלען אויף דעם ייד, זיי לאַכן „העלדיש" איבער דעם ייד'ס „פּחדנות".

און ניט נאָר „הייליקע־בילדער" באַפּוצן דאָס שטיקל ביליק שטריי־כער־אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך מיצקיעוויטש דער גרויסער פּוילישער

דיכטער פאַר פרייהייט און מענטשליכער פאַרברודערונג, ער שטייט נעבן די קריסטליכע קראַמען און קוקט זיך צו, צו אַ טייל פון פוילישער געזעלשאַפט, וועלכער ער האָט צוגעהאָלפן פריי צו ווערן...

די יידישע געגנט סטראַדאָמסקע און קראַקאָווסקע איז שבת׳דיק איינגעשטילט.

מ׳זעט פיל שטריימלעך און יידן מיט פיינע בערד וועלכע שניידן דורך די שמאָלע שטיינערנע געסלעך צו זייערע געבעט־פלעצער, יונגוואַרג שפּאַצירט און וואַרט אַף טאַטעס פון די שולן, מ׳וויצלט זיך, אָנגעטאָן געפּרעסטע הויזנס און שטייפע קאַפּעלושן און אַ גרויסער טייל מיט אָפענע העמדער קראַגנס, אָן היטלען, זיי גייען מיט גלייכע פּלייצעס און בליקן מיט מענטליכער באַוווסטזיין.

די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען צוזאַמען מיט דעם בונדישן קלוב ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל איז שבת אַ ביסל טומלדיק. איין אונטערשטער טייל ווערט אָנגעפירט פון טשעכישע פליכטלינגע און דער ערשטער שטאָק פון יידישע אַרבעטער יונגלעך און האַלב צוגעשמירטע מיידלעך וועלכע רעדן פויליש, ווייל מ׳איז גרויסשטעטיש... דער סעקרעטאַר פון ביבליאָטעק ערקלערט אַז אַ מערהייט יידישע אַרבעטער רעדן און לייענען פויליש ווייל: ביי אונז איז מען אַסימילירט, פון יידישע אַרבעטער און כאַלאַפּניקעס דערוויסט מען זיך וועגן יידישן און פוילישן אַרבעטער לעבן, ווי די פוילישע אַרבעטערשאַפט איז אָרגאַניזירט, און שטעלט זיך קעגן דער פוילישער רעאַקציע און לאָזט זיך ניט פאַרנאַרן פון אַנטיסעמיטיזם. גאָר שטאַרק איז דער לינקערער עלעמענט צווישן וועלכע די פּאָליציי קלויבט אַלעמאָל, און פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז בערעזע, אָבער אין אַלגעמיין איז די לאַגע ניט אַזוי ביטער ווי אין לעמבערג.

* * *

דער באַרג וואַוועל קוקט אַריבער איבער דער שטאָט קראָקע. דאָ אויף דעם באַרג ליגט אַ דורות׳דיקע פוילישע קעניגליכע געשיכטע ווי דער באַרימטער שלאָס מיט דער קאַטעדראַלע פון פאַרבאַהאַלטענע פוילישע מלכים און שרייבער, שמעקט שטאַרק מיט אָפּגעלאָזענקייט.

הונדערטער באַזוכער פון שטעט און שטעטלעך אַרום, לערערס און לערערנס מיט פאַרטיעס שול־קינדער, אַלץ שטופּט זיך אויבן, און אַלץ קריכט אין די קעלערס כאַפּן אַ בליק איבער דאָס אַלטע וועלכעס בלאַנקט מיט פאַרשימלטער רייכקייט. עפּיזאָדן פון פוילישע דינאַסטיעס, קאַמפן און זיגן שווימען אויף אַרום די אַלע קברים, און ביי די פיס פון באַרג וואַוועל ליגט די גאַנצע האַרעפּאַשנע אומגעגנט, מיט אַ שמאָלן פאַס ווייכסל וועלכער האָט צוגעשווומען כדי יונגוואַרג זאָל קענען שווענקען פיס און פלייצעס. אַ אַרבעטער אומגעגנט, מיט פאַבריק־קוימענס, אָנגע־

טאָן אין זייער גראָער הלבשה, שטיקער האָרעוואַניע פון פּוילישן פּראָ־לעטאַריאַט אין 1939, באַטראַכטן שטיקער הערשאַפט פון הונדערטער יאָרן צוריק, און ווער האָט מער פאַרדינסטן, ווער קען רעדן אין נאָמען פון פּוילישן פאָלק?

לאָדזש

דער וועג פון קראָקע ביז לאָדזש איז מיט איבערזיצן, און וואַרטן, און אומעטום ווערט דער צוג באַלאַגערט פון מענטשן, אַזוי אַז מען גע־פינט זיך אין אַ הערינג־פּעסל.

עס ציִען זיך בערגלעך, פעלדער און דערפער, ביז סטאַ־ציע קאָלושקי, און דערנאָך בלויז 30 מינוט און מען איז אין לאָדזש.

שבת צו נאַכט אַרום 11 אָוונט נעבן אַרימען האַלב פינסטערן וואָק־זאַל שטייען פרומע און פרייע יידן, שמועסן פון האַנדל, פאַרקויף און איינפּאַקן. זיי קוקן זיך ניט אום אויף אַ פרישן גאַסט, מסתמא דערשמעקט אַז איך בין ניט קיין סוחר...

פאַרהאַלטן ביים וואָקזאַל האָט מיר אַ האַלב באַלויכטענער שיטערער גאָרטן מיט שאָטנס פון פראַזאַאישע פאָרלעך, אין צעקנייטשטע קליידער, דאַרע פנימער און יידן מיט חסידישע היטעלעך.

טראַמוואַיען שרייען, טומלען פון אַלע זייטן און כ׳לאָז מיר גלייך מיט די סאַמע קוויטשענדיקסטע וועלכע יאָגן זיך צום צענטער שטאָט און אַזוי מיטלויפנדיק ווערט מען פאַרהאַלטן פון אָפענע פרוכטן־געשעפטן, רעסטאָראַנען און קאַפעען. זיי רייצן מיט גרויסשטאָטישער וויסטאַווע אָנ־געפּרעסנקייט און שאַרפע ליכט. באַלד וואַקסט אויס אַ גאַסן־פרוי וועלכע רופט אַזוי פאַרשייט אָן בושה. ס׳הייסט מ׳איז אַריינגעפאַלן אין אַ מאָ־דערנער שטאָט...

דער באַדינער פון אַ יידיש־חסידישער אכסניה, אויף פּיאָטראָקאָוו־סקאָ גאַס מיט אַ צעקנייטשט היטל אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ נעבעכדיק פּנים, וועלכער זעט אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקער וואַסער ־ טרעגער, פרעגט: „איר ווילט אַ צימער, צי אַ בעטל?" — כ׳וויל אַ צימער מיט אַ בעטל.

ניטאָ היינט שבת קיין געסט ווייל חסידישע סוחרימלעך פון שטעט און שטעטלעך אַרום לאָדזש זענען אינדערהיים, ווערט די גרויסע סאַ־לאָנאָווע שטוב מיט עטליכע צענדליק גרעסערע און קליינע בעטלעך פאַרדונגען פאַר $2\frac{1}{2}$ זלאָטעס, דעם פרייז פאַר איין בעטל.

בעטלעך נעמען זיך בעטן, כ׳זאָל יעדעס פון זיי אויסקלויבן, באשר פאַר מיר אָט אָקאָרשט מיט 2־3 טעג צוריק איז אַ גרויסער חסיד אין דעם געשלאָפן, און אַ צווייט בעטל ווינקט צו מיר פון נעבן פענסטער: ביי מיר

האָט זיך ערשט נעכטן אויסגערוט די ביינער, ניט קיין קאַצקער אָדער דוואָרקער חסיד ווי אין יענע בעטלעך, נאָר טאַקי ערשטע קאַטעגאָריע, סאַמע שמאַלץ, ממש אַ גערער חסיד...

13 אויגוסט. אינדערפרי, אַ טריבער פרימאָרגן שפּאַרט זיך דורך האַלב פאַרמאַכטע לאַדנס צו ליידיקע בעטלעך, דער הויף שרייט אַריין מיט האַלב קינדערשע און דערוואַקסענע קולות פון לאַנגע קאַפּאָטעס און קורץ־רעקלדיקע יידישע יאַטן, חסיד און אפיקורס גיסן אַריין שטיקער פרייד און לאַכערייען דעם פרימאָרגן אויפ'ן ניכטערן מאָגן, שטיקער קינדער שפּיל קייקלען זיך אַרויס צו די שטיל זונטיקדיקע גאַסן.

געשלאָסענע געשעפטן און קראָמען. בלויז טראַמוואַיען שניידן דורך מיט ליאַרם, און צענדליקער יידישע צייטונגס־פאַרקויפער מיט פּעקלעך יידישע צייטונגען פון וואָקזאַל איילן צו פאַרשידענע שטאָט ריכטונגען, צושיטנדיק איבערן וועג אַ ריין יידישע שפּראַך וועלכע פליסט פון מויל און באַקן, און די וועלכע שטייען שוין ביי זייערע אָרימע צייטונגס־קיאָסקן שלינגען אַריין עטליכע יידישע צייטונגען פון זייער געמישטער וואַרשעווער און לאָדזשער סחורה.

יידישע הענדלער מיט נערוועזע באַוועגונגען און שטריכן, אַרום די טויערן פון פּיאָטראָקאָווסקאַ גאַס, פרעגן יידישע דורכגייער: „וואָס פאַרקויפט איר עפּעס? אַן אַלטן אַנצוג, אַ פּאַלטן, אַ פּאָר שיך?" (גרייט אויסצוטאָן דעם מענטש אין מיטן גאַס) „איר קויפט עפּעס?" (ווילן באַלד מיטשלעפּן צו זייערע לאַגערן).

דער שטילער, נערוועז־באַהאַלטענער, בויט־האַנדל, שטייט זונטיק פרי אויף די פיס מחלל זייענדיק די געזעצן פון דער פּוילישער מלוכה.

* * *

שמאַלע לאַנגע גאַסן ווי מ'וואָלט זיי אַלע אויסגעצויגן אין דער לענג, מיט הייזקעס און קרעמלעך, אַזוי ענליך צו דער יידישער געגנט אין וואַרשע, אָבער דער הויכער טונקעלער מאָנומענט פון קאָשטשושקאָ אויף „פּלאַץ וואָלנאָשטשי" (פרייהייטס־פּלאַץ) מאַכט אויפמערקזאַם צו די טונקעלע הויכע „מאָנומענטן" וועלכע קוקן אַרונטער פון אומעטום, און פון אַלע זייטן. באַלד דרוויסט מען זיך אַז די אַלע שמאַלע גאַסן האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ שיטערן וואַלד פון פאַבריק־קוימענס, און דאָס שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויסע קוימען־שטאָט, די שטאָט לאָדזש.

ווי הויכע פּאַליציאַנטן קוקן די קוימען־קעפּ אַריבער די 5־6 שטאָקיקע הייזער, זיי היטן בעל־הבתישע צימערן, ווי עס הערשט זאַטע מאָסיווע שטילקייט, נעסטן פון קאַפּיטאַל און האנדל, און ווי איבערגעוואַקסענע שאַרפע שפּיאָנען־בליקן קוקן די קוימען־קעפּ אַרונטער צום אָרימען באַלוט, איבער קרומע צעאַקערטע געסלעך און בוידים־שטיבלעך, מיט אויסגעדאַרטע יידענעס און יידן מיט שיטערע בערד,

וועלכע האַלטן אָפּן שטיקלעך טונקעלע לעבער־פּענס־טער אַריינצונעמען פרישע לופט פון פערדישן אָפּפאַל און פון שטיקער מיסט וועלכעס קלעפּט צווישן שטיינער און גריבער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס טראָטואַר און אַספאַלט־שאָסיי.

עטליכע אַלטע קירכעס און יידישע שולכלעך טוליען זיך נעבן פּאָב־ריק־קוימענס, ווי קינדער צו פאַרשטויבטע פאַרשוואַרצטע מאַמעס. דאָ און דאָרט טרעפט מען יידן און קריסטן וועלכע כאַפּן אַריין אַ תפילה. די שטיקלעך פּאַרקן און אַלייען זענען באַזעצט מיט אַ יידישן און קריסטליכן עולם, מ׳רעדט פון פּעקלעך וואָל און שטיקלעך פּאָליטיק, געמישט מיט קללות פאַר היטלער׳ן.

נאָכמיטאָק קומען האַרעוואַניע פּנימער און ביינערדיקע פּלייצעס אויף שפּאַציר און צווישן די יידישע און קריסטליכע אַרבעטער זעט מען אָן אַ טיפּ יידישן אַרבעטער; געזונטע חברה שפּאַצירן גרופּנווייז מיט פעסטע טריט און שטאָלצע בליקן, פול מיט לעבן און טעמפּעראַמענט.

די פּיאָטראָקאָווסקאַ גאַס זונטיק אָוונט איז ווי איין לאַנגער כישוף׳־דיקער יריד.

באַשפּראָצט מיט שפּרייזנדיקע טריט, פון לאַנגע פיין אויפגענייטע קאַפּאָטעס, און קיילעכדיקע היטעלעך, מיט גלייכע פּלייצעס און ממזרישע אויגעלעך, גייען חסידישע בחורים געאָרעמט מיט געשמינקעווע־טע שיין פאַרפּוצטע יידישע פּאַניענקעס, מ׳ווייצלט זיך און מען קאָקע־טירט אויף פּויליש, אַ מין קאָמבינאַציע פון צוויי וועלטן אין איין האַר־מאָניע....

קריסטליכע שילער און שילערנס מיט פאַרשאַרפטע בליקן און האַלב פאַריסענע נעזער, חסידישע עלטערע יידן און ווייַ־בער, אַלץ אויסגעמישט און פאַרפלאָכטן צווישן גרינע, רויטע לאַכעדיקע שוי־פענסטער, מוזיק־קאַפעען און ליאָדע־קרעמלעך, שענ־קען און קאַבאַרעטן, קינאָ־רעקלאַמעס און טאַנץ־איינלאַדונגען און איבער די קעפּ שאָטנס פון קוימען־פּאָליציאַנטן וועלכע גייען נאָך, לויפן מיט יעדן שפּרייז זיי דערמאָנען אין מאַרגנדיקער גראָער וואָכעדיקייט.

אַרום 12 ווערט דער שפּאַציר לאַנגזאַם אָפּגעליידיקט, לאַכעריי און לעבן פאַרשווינדט, לאָדז נעמט איינדרימלען.

* * *

14 אויגוסט. לאָדז אין פולן לויף. אַ גראָ בלייערנער פרימאָרגן, לאָדז כאַפּט זיך אויף מאָנטיק אינדערפרי לויפנדיק. יידן אין אַלע הויפן ביי אַלע טויערן זוכן און נישטערן צו מאַכן געשעפט, קראָמען און קרעמלעך צעעפענען טיר און טויער, טראַמוואַיען לויפן מיט געוואַלטיקן אימפּעט, זיי צעטראָגן טויזנטער יונגערע און מיטליערי־קע מענטשן, אַלץ אַזוי אַריינגעפלאָכטן און אַריינגעוועבט אין דעם רויך־

געוועב וועלכער פאַרציט זיך איבער קעפּ און הייזער, ווי פאַבריק־קוי־מענס פון אַלע זייטן שטאַט נעמען זיך דערלאַנגען שוואַרצע און גראָ רוי־כערדיקע „הענט", אַזעלכע טונקעלע בענדער שלענגלען זיך און פאַר־וועבן לאָדזש, און ווי די מענטשן ווילן זיך ראַטעווען, לויפן אום ווי צע־טומעלטע מוראַשקעס, אַט ווערן זיי איינגעקלאַמערט אין שפּינוועבס...

פרומע יידישע אַרבעטער ווילן אַריינכאַפּן אַ שחרית אין זייער שולכל, אָבער באַלד וואַקסט אויס אַ קוימען נעבן פענסטער, שלעפּט זיי אַרויס פאַר עלינו.

יידישע סוחרים מיט קוועקזילבער פּיס און הענט, פאַרהאַנגען מיט לאַנגע קליידער, יידישע פאַבריקאַנטן און פאַרוואַלטער, אַלץ איז פאַר־נומען, פאַרטאָן. אַ שטעל אָפּ, אַ פרעג, אַ שריי נאָך. מ'יאָגט, ערגעץ וויל מען אָניאָגן, דעריאָגן, פּרנסה, געלט, און רייכקייט.

רעסטאָראַנען און „היימישע" גאַרקיכן ווי יידישע סוחרימלעך און פאַבריקאַנטלעך עסן שנעל, רעדן נאָך שנעלער, קליינע צוגעשווירענע בערדלעך און געגאָלטע באַקן, „זיידענע־יונגעלייט" מיט בוכהאַלטעריע מינעס, פירן געשפּרעכן איבער „קאָנטע" און „דיסקאָנטע", „דער איז אַ חתן געוואָרן מיט אַזוי פיל נדן, יענער האָט ניט קיין גוטע קאָפּ, טויג זיך ניט אויס". טעלער לאָקשן פליען צווישן איין געזעץ־אויסטייטשונג און אַ שטייערן־קאָנטראָל, מ'בענטשט אויף שנעל, ווי מ'וואָלט געקייט הייסע אַרבעס, דאָ געפינט זיך אַ טיפּ האַלב און גאַנץ „מה־יפית" ייד וועלכער באַהערשט דעם יידישן האַנדל און פאַבריקאַציע.

זיי, די יידן, פילן דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם אַלעמאָל שטאַרקער (הגם זיי האַלטן וואָס ווייניקער יידישע אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן „צוליב שבת"), זיי זוכן פּשרות, און רעדן, טראַכטן וועגן דער היטלער־געפאַר אַט ביי די טויערן פון פּוילן, ווי דאָס מאַכט זיי נאָך מער נערוועז און אומזיכער.

אַזעלכע שטובן ווי אין אָרים שמוציקן באַלוט דערציילן פון אויסער־געוויינליכער יידישער אַרבעטער נויט, בילדער פון דער גרעסטער מער־הייט 200 טויזנט יידישע איינוווינער אין לאָדזש, זענען פון שווערער האָ־רעוואַניע, אַרבעטסלאָזיקייט און עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוולאָזיקייט.

און דאָך שטייט ניט אָפּ די יידישע קולטורעלע אַרבעט אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס ווי צווישן די יידישע קלובן, ליטעראַרישע גרופּן און דראַמאַטישע קרייזן זעט זיך אָן דער קלוב פון דער „פאָלקס־צייטונג" ווי פיל יידישע אַרבעטער טוליען זיך צו דער גרעסערער יידישער פּלאַ־צוווקע אין לאָדזש הגם פיל האַלטן זיך פאַר לינקער.

ניט קיין קליינעם פּלאַץ פאַרנעמען די ציוניסטישע אַרבעטער גרו־פּירונגען הגם די מעגליכקייטן פאַר פּאַלעסטינער איינוואַנדערונג זענען קליינע.

אויך די פּוילישע אַרבעטער גאַס האַלט זיך ביי דער לעגאַלער פּלאַ־צוווקע פון פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטן) וועלכע ווערט געשטיצט פון די לינקערע טיילן אַרבעטער.

מ׳הערט אויך פון דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן לעצטנס אויסצושטיין פאַרשידענע שיקאַנעס מצד פּוילישע רעאַקציאָ־נערן, וועלכע נוצן אויס די דייטש־פּוילישע אָנגעשטרענגטע לאַגע פאַר זייערע בלינדע צוועקן.

פּאָליטישער קאַמף, עקשנות, גייט אָן אין לאָדזש, ווי פּוילישע, יידי־שע און דייטשישע אַרבעטער קעמפן פאַר זייער טאָג־טעגליך ברויט.

* * *

די לאָדזשער קליינע פּאַרקן און סקווערן זענען מאַנטיק פרי און אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען פון יונגע און עלטערע יידן און קריסטן. דאַרע בלאַסע פּנימער זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און מידע אויסגעלאָשענע בליקן. איינציקוויז כאַפּן זיי אַ בליק אויבן צו די רויכענדע קוימענס אַרום, און לאָזן צוריק אַראָפּ די קעפּ.

ערינערונגען פון געזונטע פרישע יאָרן איבערגעלאָזט אונטער די ציגל־בוימער, ווערן איצט פאַרווישט מיט דינע הוסטעלעך, וועלכע שטעכן דורך די לופט, אַט ווי דורכצולעכערן די געזונטע פאַבריקן אַרום.

טייל עלטערע יידן רעדן פּאָליטיק, און קליינע יונגלעך מיט גרויסע פאַרבאַהאַלטענע פאַרוויקלטע פּאות, רעדן אַזעלכע דערוואַקסענע ווער־טער, אויסגעמישט מיט קינדערשער שפּילעוודיקייט.

אַזאַ מין ערנסטקייט, אַלטער גלות אויף זייערע לענגליך יונגע בלאַ־סע פּנימלעך.

בינטלעך שאַרף רויטע רויזן לאַכן פאַרשייט פון מיטן פּאַרק דעם שוואַרצן שפּינוועבס רויך אויבן אין פּנים אַריין, זיי דערציילן מיט פרע־כער שמעקעדיקייט פון נאַטור און פּאָעזיע וואָס דאַרף זיין פיל געזונטער און שענער פון פאַבריק, און הו־האַ, האַנדל און פאַבריקאַציע אַרום.

אָבער אַ פּייפן פון דערבייאיקן וואָקזאַל, אַנגעקומען צוגן פון אַלע עקן פּוילן, סוחרים און וואַיאַזשאַרן געקומען נעמען פּעקלעך לייוונט, ווע־בעריי צעטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך, שטיקער האַרץ און לונגען פון לאָדזשער פאַרהאַרעוועטן אַרבעטער און כאַלאָפּניק.

די בזשעזשינער „שניידעריי־מלוכה" קען ענטווישן

אינגאַנצן 45 מינוט פאָרן מיט דעם אויטאָבוס פון לאָדזש ביז בזשע־זשין אָבער אַ מין פאָרן. עס וואַרפט אַרויף און אַראָפּ שטיינער און גרי־בער לויפן אונטער די פיס, דערפאַר צאָלט מען מיט בויך־טרייסלעניש, ווי דערפער, פעלדער און וועלדער טאַנצן דורך פאַר די אויגן און די פאַנטאַזיע נעמט דערוויל בויען שניידערשע פּיראַמידן...

אַ גרויסער מאַרק אָנגעלייגט מיט פויערשע רעקלעך און צייגענע הויזנס, אַרום און אַרום יונגען ביי מאַשינען און פּרעס־אייזנס, קינדער אויף דער ערד צי׳ען פּאַסטריגעס און ווייבער נייען קנעפּ, ווי קריסטליכע מיידלעך (שיקסעס) דערלאַנגען טיי און שטיקער ברויט מיט פּוטער און אַרום מאַרק אין אַלע זייטיקע געסלעך זענען אָנגעשטעלט לאַסט וועגע־נער און אויטאָס ווי אויסגעפּאַשעטע סוחרים און פאַבריקאַנטן ציילן פּעקלעך אויפגענייטע קליידער און באַפעלן די טרעגער זאָלען איינלייגן די וועסטלעך און הויזנס, ניט צעקנייטשן...

אָט אין אַזאַ אָדער ענליכער פאָרם האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער שטאָט בזשעזשין וואָס נייט שניידעריי, דאָס ביליקסטע שניידעריי וועלכעס דאַרף גיין קיין ענגלאַנד (ניט פאַר „סע־וויל ראָו") אָדער קאָלאָניאַלע מערק.

וואַרטענדיק פאַר דעם אויטאָבוס, דערטאַפּ איך אַ פאַרשוויצט שניי־דעריש פּנים פון בזשעזשין, און כ׳וויל עפּעס קריגן פון אים אינפאָרמאַ־ציע, אָבער ער קוקט מיך אָן מיט חשד: „צו וואָס פרעגט איר אייך, צו וואָס פאָרט איר אָנקוקן בזשעזשין?"

ווען כ׳פּרוביר ענטפערן — איך קום פון ביאַליסטאָק און אַרבעט אויך ביי אַזאַ ביליק שניידעריי, ווערט ער נאָכגיביקער, צוגעלאָזענער, אָבער ער שטייט גאָר צו צו מיר: „וויפל מענטשן אַרבעטן ביי אייך אין וואַרשטאַט? וויפל דרייט איר אויס? וויפל קריגט איר פון אַ ראָק?" כ׳זע אַז כ׳וועל פון אים ניט פּטור ווערן, לאָז איך מיר מיט מיין פאַנטאַ־זיע ביז בזשעזשין און עס קומט גאָרניט אַנטקעגן קיין געזאַנג פון „מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל" אָדער „נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך", בלויז אַ מאַרק מיט פּרוכטן און גרינס־הענדלער ווי יידישע און קריסטליכע ווייבער שטופּן זיך צו אַ פור מיט צעמאַזשעטע פּאָמידאָרן (טאָמאַטן) ווי צוויי יונגען שרייען אויס מיט ריזן שטימען „דוואַדזשעשטשיאַ גראָשי קילאָ פּאָמידאָרי!" (20 גראָשן אַ קילאָ).

קצבים האַקן אָפּ די זייטן און לונגען ביי קעלבער און אָקסן, אַרום און אַרום מאַרק שטילע שפּייז־געוועלבער און שיינע בעל־הבתישע היי־זער מיט בלומען אויף באַלקאָנען, קיין שום שערן און פּרעס־אייזנס פאַר־קויפעריי און קיין מאַשינען קלאַפּעריי...

— איז דאָס בזשעזשין? — פרעג איך אַ עלטערן ייד מיט לאַכעדיקע בעקלעך. ער שמייכלט: „געקומען זוכן אַרבעט? אָט דאָס איז די בראַך וואָס מ׳הערט ניט קיין מאַשינען, ניטאָ הייגט קיין סך אַרבעט"... ער טראָגט זיך אָפּ מיט אַ שמייכלדיק מינעלע: „אַ גרינער וויל זען שניידע־ריי אינדרויסן"...

* * *

זייטיקע געסלעך זענען ריין און שטיל. פון צייט צו צייט באַמערקט מען פלינקע שניידער קעפּ אַרויסבליקן דורך די נידעריקע פענסטער, כאַפּן שנעל אַוועק די קעפּ צוריק צו די מאַשינען און פרעס־טישן, וועלכע זענען איינגעהילט אין „וואַטע". מ'הערט ניט קיין שניידעריי פון דרויסן.

שילדלעך אויף טירן און לאָדנס, מ'אַרבעט און מ'פאַרקויפט אַנצוגן, און קוויפּענדיק עפּעס אין אַ פּרוצטן געוועלב פרעגט מיר די בעל־הבית'טע „צי דער אַנצוג איז ווערט 7 זלאָטעס (אַן ערך 7 ענגלישע שי־לינג), איינגעהאַנדלט פון אַ באַנקראָט, פונקט גוט פאַר מיין מאַן, און אפשר ווילט איר, פאַניע, אַזאַ אַנצוג ?"

כ'באַטראַכט דעם אַנצוג, ממש אַ מציאה, סחורה, אַרבעט און פאַר־מיטלעריי, אַלץ פאַר גאַנצע 7 זלאָטעס, און כ'נעם זיך אַרומקוקן צו די אַלע יאַטקעס און בעקערייען האַנדלען ניט אַמאָל מיט 7 זלאָטיקע אַנ־צוגן...

פון פאַרשידענע שטילע ווינקלען שלייכן זיך פלינקע יאַטן מיט פּעק צוגעשניטענע און פאַרטיקע שניידעריי, ערגעץ ווי גייט יאָ אַן אַ נאָדל און פאָדים פאַבריקאַציע, אָבער טרעפן מענטשן מיט ווייסע נאָכהענגענ־דע דרימען פאַסטריגעס אויף די פּלייצעס, דאָס ניט.

בזשעזשין איז אַ ריין, שיין און שטיל שניידעריש שטעטל וואָס מאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק.

מיין פאַנטאַזיע וועגן בזשעזשין איז צערינען...

וואַרשע

פון 5.30 נ. מ. ביז 9 אָוונט נעמט דאָס שלעפּן זיך פון לאָדזש ביז וואַרשע און אומעטום אין די וואָקזאַלן, אויטאָבוסן און באַנען טרעפט מען זיך אָן מיט אַזעלכע בייזע מידע פּנימער פון פאָליאַקן און יידן, אַ פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג פון שווערע לעבנס באַדינגונגען אויף טריט און שריט, וואָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין ביטערניש.

וואַרשעווער יידישער געגנט שפּראָצט מיט לעבן ביי יעדע טיר און טויער, יעדער שטיין לעבט אונטער די פיס פון די בחורים און מיידלעך פון אַלע עקן פוילן, וועלכע פאַרבאַהאַלטן קליינשטעטלדיקע מאַניערן אויפ'ן בוידים שטיבל און קיך־שטיבל, זיי טרעטן אין גאַס מיט גרויס־שטאָטישער מינע, מער ניט וואָס פון אונטער בערעט און מאַנטל, מאַרי־נאַרקע און העמד, קריכן אַרויס האַנט באַוועגונגען און בליקן, שפּראָך־אויסדרוקן און שמייכלען, זאָרגן און געדאַנקן — אַ פאָלק פאַרשידנאַר־טיקייט צעשאָטן איבער זאַמענהאָף, פאַוויע און קאַרמעליצקע.

אַ נאַכט אין האָטעל „רוסיאַ" אויף נאַוואָליפּקי, דאַכט זיך אַז כ'בין

אַריינגעפאַלן אין אַ דאָרפישער אכסניה נאָר מיט מער שמוץ. אינמיטן דער נאַכט אַ געשריי פון גאַס אַריינגעשליידערט צו די אויפמאַכנדע פענסטער וועלכע באַוויזן אונטערוועש, און פיזשאַמעס, צעשויבערטע און לײדיקע קעפּ, ביז וואַנעט דאָס קוויטשעריי פון אַ ספּאַזמאַטישער פרוי, און מענער־געשלעג ווערט איבערגעריסן. פון 3.30 ביז העלן פרי־מאָרגן איז וואַרשע איינגעשטילט.

15 אויגוסט. זונטיק פרי אַ געצווונגענע שטילקייט הערשט איבערן יידישן טייל וואַרשע.

איינצעלנע פּרוכטן געוועלבלעך און קאַפעען וואַרטן אויף געסט, ביסלעכווייז גרופּירן זיך סוחרים און אַרבעטס־מענטשן, זיי שמועסן פּאָ־ליטיק, מלחמה און מאָרגנדיקער טאָג ברויט איז אויף אַלעמענס ליפּן.

די פּאַסאַזשן זאַמענהאָף־נאַלעווקעס זענען פול מיט דורכגייער און סוחרימלעך מיט נערוועזע פּנימער. דיק אויסגעפּאַשעטע פּאָליציאַנטן בישטערן און כאַפּן יידן וואָס האַנדלען זונטיק, רציחה ליגט אויסגעגאָסן אויף „קאַטוילישע" פּנימער.

קראַשינסקי־גאָרטן איז געפּאַקט. אַ באַנק וועלכע קען געבן פּלאַץ פאַר 6 פּערזאָן אַנטהאַלט 10.

אַזוי צענויפשטעלן מיט איינפאַל און קאָליר קען נאָר אַ ברענענדע זון וועלכע טרייבט אַראָפּ פון הייסע טראָטואַרן, אַ יונגען אַרבעטסלאָזן בחור, אַן אַלטן ייד מיט אַ פּיינער באָרד, אַ יונג פּראָווינצער מיידל, אַ בעל־הבית׳טע אָדער באָנע מיט אַ קינד, אַ קריסטן און אַ יונג פּאָרליבט פּאָרל אינדערמיט, און סתם עטליכע קליינוואַרג וואָס מ׳וויס ניט צי זייער באַשיצער איז פון דער רעכטער זייט צי גאָר פון דער לינקער.

אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, קליינהענדלער און סתם אָרימע לייט, אַלץ וואָס לעבט אַרום קראַשינסקי־גאָרטן, און פון וויטע יידישע גאַסן, קומט דאָ כאַפּן „פרישע לופט" וועלכע דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן צווישן דאַרע ביימער און בלאָטיק וואַסערל פון נאַלעווקער טומל.

אַ געפּילדער פון קינדער און אַ שטיל לייענעריי פון אַלטע יידן וועלכע פאָלגן נאָך די צייטונגס־ראָמאַנען. ניטאָ די היציקע פּאָליטישע און פילאָזאָפישע דיסקוסיעס ווי מיט 8־10 יאָר צוריק, אַלע זען היינט אויס אַפּאַטיש און יאושדיק סיי די יוגנט און סיי די עלטערע מענטשן, אַלע זענען אויסגעמאַטערט. דער פייער פון גלויבן און איבערשפּאַרן, דער ברען פון איבערבויען די וועלט, איז כמעט ווי פאַרשוווּנדן פון קראַ־שינסקי־גאָרטן.

* * *

עטוואָס שוואַכער דער מלוכה׳שער, און כוליגאַניש־פּראָפעסיאָנע־לער אַנטיסעמיטיזם ווי מיט עטליכע יאָר צוריק, אָבער די מאַכט פון פּאָ־ליציאַנט איז מיט גערעכטיקייט...

אַ יידישער יאַט פון דער צייטונגס־עקספּעדיציע „רוך" צעשיט זיין לייזונג פון די צייטונגען און אַ קריסט נעמט קלויבן מטבעות, און „גלויבט ניט" אַז דער יונגערמאַן מיט'ן צעריסן בייטעלע האָט צעשאָטן, ווייל דעם יונגענמאַנ'ס אויגן זענען יידישע. עדות פון גאַס, יידישע, ווייזן אָן דעם „מילד־ווייכן" אַנטיסעמיטיש כיטרען פּאָליאַק, דאָס „געזעץ" קומט אָן מיט שפּיציקע אויגן און שלאַג־גרייטקייט (עפּעס „אַ יידישע פאַרזאַמלונג") און ווענדעט זיך צום יידישן צייטונגס־פאַרקויפער ווי צו אַ הונט, הייסט זיך ווייזן דאָקומענטן, און צום פּאָליאַק רעדט ער מיט דינסט און הכנעה, אויף שנעל האָט ער אָפּגעמאָסטן די סיטואַציע און אָנגעווענדעט ייד, קריסט, צווי באַזונדערע מאָסן.

עולם אַרום שווערט, דער ייד האָט צעשאָטן פאַרנדיק אויף זיין ראָ־ווער, דער געליטענער רעדט זאַכליך אין אַ שיינעם פּויליש, אָבער עס העלפט ניט, דער קריסט שמייכלט גאַנץ ווייך צום פּאָליציאַנט־ברודער און גייט זיך אַוועק מיט דראָבנינקע טריטעלעך מיטנעמענדיק עטליכע 50 גראָשנדיקע מטבעות פון יידישן צייטונגס־פאַרקויפער.

דער „געזעץ־מאַכער" איז אין אַ יידישער גאַס (נאַוואָליפּקי) צווישן יידן אַרום, ער ברענט מיט רציחה: „וואָס ווילט איר, איר אַלע דאָ?" צו אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד וועלכער האָט עדות געזאָגט פאַר'ן יידישן בחור זאָגט ער: „ווער דאַרף דיר דאָ, טראָג זיך שוין אָפּ, ווי באַלד דו ווילסט ניט גיין קיין בערעזע"... (קאַרטוז־בערעזע אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ווי מען מאַטערט פּאָליטישע אַרעסטירטע).

פיל אַזעלכע בילדלעך קען מען טרעפן אויף טריט און שריט אין וואַרשע, הגם די שיכורע וואַקכאַנאַליע, ווי יעדער כוליגאַן האָט געקאָנט אָנווייזן אויף אַ ייד אַז ער האָט „באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק", האָט שוין אויפגעהערט, ווייל פּאָליאַקן פלעגן דאָס שוין בעמען אָנווענדן קעגן פּאָליאַקן.

יידן אין וואַרשע האָבן נאָך פיל צו דערציילן, בפרט די יידן פון פּראָווינצן.

מיין שטעטל אסטראוו־מאזאוויעצק

19 אויגוסט. איינס פון פילע שטעטלעך אין פּוילן מיט קרומע געס־לעך, אַלטע הייזער און עטליכע 4־5 שטאָקיקע נייע געביידעס ווי די מערהייט איינוווינער באַשטייען פון יידן קרעמער, האַנטווערקער, און פּרנסה'לאָזע מיט עטליכע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אַלץ גרופּירט זיך אין צענטער שטאָט אַרום מאַרק, און די קריסטליכע באַפעלקערונג, אַרבעטער, האַנטווערקער, סוחרים, פּויערים און באַאַמטע וועלכע גרו־פּירן זיך אַרום און אַרום די לופטיקערע געגנטן, און אויסערן שטאָט.

דורך אַ פענסטער אין מאַרק אַרויס, איז עטוואָס ענליכעס ווי ביי

פּרץ׳ן „אין ביינאַכט אויפ׳ן אַלטן מאַרק״. דאָ איז עס בייטאָק אויפ׳ן נייען מאַרק, ווייל די גרויסע נייע מאַגיסטראַט־געביידע, מיט בלומען און גרינע בוימלעך אַרום, האָבן דעם האַנדלס־מאַרק אין ניי פאַרוואַנדלט. די שטענדיקע מאַרקן קומען פאַר אַ ביסעלע פאַרוקט נעבן קריסטליכע געשעפטן און איינוווינער, די יידישע קראָמען און קרעמלעך קוקן זיך אָן מיט דער גרויסער נייער שטאָט־געביידע, וועלכע זיי האָבן אויסגעצאָלט, און מיט וועלכער הונדערטער פּוילישע באַאַמטע פאַרוואַלטן.

דער וואַסער פּלומפּ איז נאָך אַלץ אַ שטיק צענטראַל־פּונקט. עס ציהען זיך (עס שלעפּן זיך) עלטערע און מיטליעריקע ווייבער און מענער, מיט איין, אָדער צוויי עמערס. גאַנץ אָרימע און עטוואָס פאַרמעגליכע, יונגע מיידלעך אָנגעשטעלטע אַלס הויז־דינערנס, און יונגע קינדער וועלכע פאַרטרעטן דער פאַרנומענער מאַמען, יעדער שלעפּט אַהיים וואַסער.

פיל יידן און יידענעס אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, שלעפּן די עמערס אַזוי שווערליך, אַזוי שווערמוטיק, ווי זייערע פינף אָדער זעקס צענדליק יאָרן פון דורכגעמאַטערטקייט, זאָרג און פערספּעקטיוולאָזיקייט, וואָלטן געלעגן אין די עמערס. אויך די יונגערע אין די דרייסיקער זען אויס אָפּגעלאָזן, מיט גלייכגילטיקע בליקן, האַלטן די קעפּ אַרונטער, ווייל אויבן, ניטאָ צו וואָס צו פאַרייסן, און פון ווייטן, די זעלבע אָרימע הייזקעס, און די זעלבע פנימער.

קרעמער שטייען נעבן זייערע קרעמלעך, וואַרטן דאָס אַ פּאָר פּיס זאָלן זייערע קרעמערשע בריקלעך איבערטרעטן, טרעגער מיט פאַרמעליקטע ווייסע פּלייצעס אין געלאַטעטע הויזן שטעלן ברייטע פוילע שפּרייזן, די פיס זענען מיד, איינציקווייז שאַרן זיי זיך צוגלייך מיט העלפטן פון די ברייטע פּלייצעס, וואָלטן זיי זיך געוואָלט אויסשפּאַנען, ערגעץ אַוועקלייגן זיך, און זיך גוט אויסרוען, אַראָפּוואַרפן די טויזענטער זעקלעך מעל, צוקער, רייז און האַרטע קאַסטנס סחורות, וואָס זיי צעטראָגן פון באַנען, אויטאָבוסן, מילן, שפּייכלערס און קראָמען. בעל־עגלות, און האַלב באָרוויסע יונגלעך אַרום דראָזשקעס, רעדן הויך אויף אַ קול, זיי פאַרטומלען דעם מאַרק מיט זייערע פּרעטענציעס איבער גראָשנדיקע ערפאָלגן, און דורכפאַלן, וועלכע שטעלן צענויף דעם שותפות־עקזיסטענץ פאַר ווייב און קינדער, און פערד.

פּוילישע רעגירונגס־באַאַמטע און העכערע מיליטער־לייט גליטשן זיך דורך אויף ראָווערן, און געשפּאַנטע פערד. שפּאַצירן דורך שטעטלדיקע טראָטואַרן מיט אויפגעהויבענע ברוסט־קאַסטנס, און פעסטע טריט, מיט געזונטע באַקן און רייַנער אָנטועכץ. אַ מין זיכערקייט, זיך איינגעאָרדנט צווישן אַפּאַטיש דערשלאָגענע אַרום. זיי, זייערע ווייבער און קינדער, שפּאַצירן דורך דעם נייען מאַרק ווי אַ באַזונדערע ראַסע, דאָס

שטעטל אַרבעט און זאָרגט זיי אויפצוהאַלטן. וועד דען, צו וועמען גע־הערט דאָס באַפרייטע פּוילן? זיי זענען די איינציקע אין שטעטל, וועל־כע פאַרווײלן זיך, און לעבן מונטער.

* * *

ווי אַ פילם לויפן דורך קינדערשע ערינערונגען, פון צוזאַמען מיט־געוואַקסענער און ערצויגענער יוגנט. פריידן און ליידן, האָפנונגען און פּלענער, פון יונגערן דור וועלכער איז כמעט ווי פאַרשווונדן, איבערגע־לאָזט טאַטע־מאַמע, און אַ יונגען ברודער אָדער קליינע שוועסטער, און אַליין, ווי די וועלט האָט אַן עק. דאָס ליבע און האַרציקע שטעטל האָט „ניט געקאָנט" אויסהאַלטן !...

דאָס גרויסע לעבן האָט זיך שטיקלעכווייז פאַרטשעפּעט אין שטעטל־דיקע שטובן, שטיקער שטאָטישע האָפנונגען און טראַגעדיעס פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, רעכטלאָזע אָפּקלאַנגען, און פּסי־כאָלאָגישע פּריוואַטע איבערלעבונגען, האָבן זיך מיט דעם ווינט, אַריינ־געכאַפּט, איבערגעטראָגן פון גרויסשטאָטישע איבערפּליסיקייט, אין קליינעם שטעטל ווי עס זענען נאָך פאַרבליבן איינצעלנע יונגלעך פון פריהער, און פרישע צוגעוואַקסענע יונגלעך און מיידלעך פון „איבער־נאַכט".

קליינע טראַגעדיעס געפינען דאָ אַ גרויסן אָפּקלאַנג. שטעטל האָט צייט צו צעקייען, און באַרעדן, קאָמיזם ווערט דאָ אייגנאַרטיק צוגעפּע־פערט און באַאַרבעט, בפרט אַז די אָדער יענע פאַסירונג האָט באַוויזן צו פאַרנאַרן, אַריינצוכאַפּן, אַ מענטש פון שטעטל, וועלכן מען קען, און אי־בער וועלכן עס לוינט צו דערציילן...

שידוכים און עמיגראַציע זענען די צוויי וויכטיקסטע פּראָבלעמען ביי טאַטעס און יונגוואַרג, אָבער אויך פּאָליטיק ווערט ניט פאַרנאַכלע־סיקט. די שטעטלדיקע יידן גיבן זיך אָפּ אַ חשבון אַז גערעאַנגל פאַר עק־זיסטענץ האָט פיל צו טון מיט דער מלוכה־פּאָליטיק פון לאַנד. אָבער זיך מישן אין פּאָליטיק טאָר מען ניט, פיל צענדליקער יונגלעך און מיידלעך האָבן שוין טייער באַצאָלט דערפאַר...

24 אויגוסט. דאָס שטעטל איז גאַנץ פרי אויף די פיס. „מאָביליזאַ־ציע", „מלחמה", רעדט דער שטעטלדיקער מאַרק. ביינאַכט האָט מען פיל מענער רעזערוויסטן גענומען פון די בעטן אַרויס אָן קיינע מעלדונ־גען, און אַזוי פיל פּאָליציאַנטן מיט שטעכיקע אויגן, און שפּיזן פאַרזעצט אויף ביקסן, צווישן די טומלדיקע מענטשן וועלכע קאָמענטירן די מאָבי־ליזאַציע און קאָנפיסקירונג פון פערד, אויטאָמאָבילן און ראָווערן.

די פרימאָרגן צייטונגען דערציילן פון אַנגעשטרענגטער לאַגע ביי דער פּויליש־דייטשישער גרענעץ, און ריבענטראָפּ אין מאָסקווע קריגט אַ אונטערשריפט פון „אַ סטאַלין־היטלער ניט־אָנגרייף־פּאַקט"...

איבערגעשראָקענע טאַטע־מאַמע געמען ציטערן פאַר זייער איינ־ציקן זון, מיט פיין און שרעק פאַרלאָז איך מיין פאַמיליע, מיין שטעטל ווי די דראָזשקע פירט מיר איבער פאַרנאַכטיקע וועגן, צום דערבייאיקן שטעטל, סטאַציע מאַלקין.

אַ ליכטיקע לבנה באַגלייט דעם 15 קילאָמעטערדיקן וועג, דורך פעלדער, וועלדער און איינגעשלאָפענע כאַטקעס. דאָרע פויערשע פור־לעך לויפן דורך מיט שרעק, פויערים ציטערן מ׳זאָל זיי דאָס איינציקע פערד ניט קאָנפיסקירן אין מיטן וועג.

שלעפן זיך סאָלדאַטן, און פויערים. די ערשטע פירן די צווייטע מיט די פערד, זיי זענען שוין פאַרנומענע. אַלץ איז אַזוי שוייגענדיק אָנגע־שפּיצט, ווי אַלץ וואָלט שולדיק געווען אין דער מלחמה־אָנקומעניש. דאַכט זיך אַז די באַטור אַרום, דער קלאָרער בייַנאַכטיקער הימל, און די לאַכעדיקע לבנה, האָבן זיך איינגעקורטשעט, אָנגעזאָגט די בוימער זיי זאָלן זיך אויפהערן צו שושקען, מ׳טאָר ניט דערצערנען כעס׳דיקע מענטשן, וועלכע דאַרפן זיך באַלד שלאָגן, וועלכע פילן און זען טויט הענגען אין דער לופט.

אַ טראַגיש שמעקעדיקע נאַטור שווייגעניש אַרום. ווי דאָס לעבן וואָלט אויפגעהערט רירן מיט די אברים, אפילו די דורכפאָרנדע פורן און אויטאָס זענען אויך ניט מער ווי שאָטנס פון לעבן.

מאַלקינער וואָקזאַל איז איצט ביינאַכט דער פולס פון קליין פּיצל־דיק שטעטלדיק לעבן. די צוואָרפענע הייזקעס ווי זיי וואָלטן זיך צע־גאַנגען שלאָפן, מיטנעמענדיק די עלטערע מענטשן, די יונגערע קוקן נאָך די אָנקומענדע, און אָפּפאָרענדע באַנען מיט מיליטער און דאַטשע־לייט, פון פאַרשידענע פונקטן פוילן.

וויצלען זיך די אַלטע זעלנער און רעזערוויסטן, איבער דייטשלאַנד, אָבער שטיקער בליי צעשמאָלצן אויף זייערע פנימער, די געמאַכטע שמייכלען ווערן שנעל פאַרגליווערט, זיי קוקן און באַטראַכטן מיט גרוי־מאָסן די אויסגערוטע אָפגעברענטע פרויען פנימער און הענט וועלכע ערפרישן זייערע מיילער מיט פרוכטן און שאָקאָלאַד, ווען דער צוג האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אויף „אַ אומבאַקאַנטער סטאַציע", זיי געמאַכט אַראָפּקריכן פון די געלעגערס, אָנקוקן „וואָסערע סאָרטן מענטשן" דאָ געפינען זיך.

אויף דעם צוג טאָרן די אָרימע רעזערוויסטן ניט אַרויפגיין, ער פירט רעזערווירטע מענטשן פון אַ רעזערווירט ים־ברעג, די פויערשע זין נעמען צו די געשענקטע פאַפיראָסן, וואָס אַ געוועזענער אָפיציר וואַרפט זיי צו פון אַ וואַגאָן־פענסטער מעשה „גוטער־ברודער", און אויף זיין האַלב שיכור׳ן אויסגעשריי: „מיר זאָלן זיך טרעפן אין בערלין",

פּרובירן טייל מיטשרייען, אָבער די קני וואַקלען זיך ביי דער פּראַזע, זיי פילן אינסטינקטיוו ווי גרויזאַם דער מאַרש קיין בערלין וועט זיין...

אַרום 12.30 ביינאַכט קומט אָן אַ צוג פאַר די רעזערוויסטן און סתם פּאַסאַזשירן און די וואַגאָנען זענען געפּאַקט מיט ווייבער און קינדער מיטל־קלאַס מענטשן, וועלכע פאָרן פון ביליקערע זומער־ווינונגען וועלכע רעדן פון מלחמה. די געשפּרעכן זענען צעטומלטע שטיקלעך פרייד פון זייערע קינדער, שוואַכע פּרנסה ביי זייערע מענער, ביז מ׳קומט צו דער פּיינליכער פראַגע: „טאַקע מלחמה?״

אַרום 3.15 פּאַרטאָק אין פּראַגער וואָקזאַל וועלכער איז אָנגעפּילט מיט הונדערטער מענטשן אין אַלע קאָרידאָרן און וואַרטע־זאַלן, מענטשן און פּעק צעטומלטע איין איין גראָער הילפלאָזער מאַסע.

הענדלער, און פּויערטעס מיט גרינוואַרג, יונגע פּויערים מיט פּעקלעך און קעסטלעך „איך־ווירטשאַפט״ גרייט אין פולק אַריין. אַלץ געטראָפן פון גרויזאַמען גורל. זיי זענען שולדיק פאַר וועלט פּאָליטישער ווירטשאַפט, און היטלער־בעק הערשאַפט. קריסטליכע און יידישע מיאוס פאַרשמירטע פרויען שאַרן זיך מיט אַ געמיין שמייכעלע צווישן דער טראַגישער מענטשן־מאַסע, זיי זוכן פאַרדינסטלעך פון צוטיילן שטיקער ברודיק לייב צו די וועלכע דאַרפן באַלד אַוועקגיין פאַרטיידיקן דאָס פּאָטערלאַנד.

ביי אַ טישל 2טע קלאַס וואַרטע־זאַל, כאַפּ איך אַ דרימל אין שותפות מיט צוויי קריסטליכע סערזשאַנטן־קעפּ. פיל פרויען מיט קינדער אויף די הענט פאַלן שוואַך צו, צו באַנק און באָדן, און שטילערהייט פאַרגנבעט זיך בלאָער הימל, שטעקט אַריין זיין קאָפּ צו די שלאָפנדע מענטשן־קינדער, וויל זיי איבעראַשן מיט „אַ גוט־מאָרגן״.

ביסלעכווייז ווען קאַלטער פרימאָרגן נעמט אַראָפּקריכן פון פּראַגער רוסישער צערקווע און כאַפּט זיך אַריין אַנוואַרימען אין וואָקזאַל, גלייכן די שטיקער שווערע ליים־גלידער אויס זייערע געלענקען, אויגן קוקן זיך אַרום און נעמען מאָנען פון קאָפּ חשבון: „ווי אַזוי געפין איך מיך דאָ?״

25 אויגוסט. פּראַגע, און וואַרשע, צוויי שטעט איבערגעשניטענע דורכ׳ן ווייכסל, נעמען צוריק ווערן איינס. מיט טראַמוואַיען, אויטאָס און לאַסט־וועגענער שיקט מען איבער לעבעדיקע מענטשן, און פּראָדוקטן, דורך בריקן. אַרבעטער קומען אָן פון פאַרשידענע עקן, אַלץ לויפט צו האַרעוואַניע און האַנדל נאָרמאַל ווי פריער. ביט די פלינקע ציטונגסאָנפּליער, אויף ראָווערן, און ביט די מאַרקן מיט די פרוכטן און גרינסן רעדן פון מלחמה, ווי די פּראָווינצער. דאָ אין פּראַגע, און אין וואַרשע, אַרום 6 פרי, הויבט זיך אָן אַרבעט און לעבן, אַ טאָג אין פולן גאַנג נעמט איין דאָס ענערגישע וואַרשע און פּראַגע.

וואַרשע איז רואיק, און פיבערט

29 אויגוסט. דער סאָוויעט־נאַצי פּאַקט איז אַ געשעענע זאַך! די פּויליש־בירגערליכע פּרעסע און דער סאָציאַליסטישער „ראָבאָטניק" רעדן מיט כעס און אויפרעגונג נאַטירליך אויף סאָוויעט־רוסלאַנד (הגם זיי האָבן קיינמאָל ניט ליב געהאַט אָדער „געהאַפּט" אויף „שענערע מעשים"). די יידישע צייטונגען „היינט" און „מאָמענט" זענען געוויס בייז (און האָבן מער רעכט, אָדער פּאַרגעפּיל בייז צו זיין), און די בונדי־שע „פאָלקסצייטונג" איז מיט צוויי מיינונגען, אַ אָפיציעלע וואָס פאַר־דאַמט רוסלאַנד, און ניט אָפיציעלע (קאָסאָווסקי) וואָס פּרובירט געפינען מילדערע אַרגומענטן („פאַרהיטן פון אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן, יאַ־פּאַן און נאַצי־דייטשלאַנד")...

די לינקע יידישע און פּוילישע חברה הגם זיי האָבן קיין רעכט ניט צו רעדן אין נאָמען פון אַ פּאַרטיי ווייל „זייער פּאַרטיי" איז שוין לאַנג פון דער סאָוויעטישער צענטראַלע פאַנאַנדערגעלאָזט, זיי די אידעאַליסטן און מאַרטירער, זאָגן זיך אַרויס אין גרופּן און אין פּריוואַטע געשפּרעכן, פאַר דעם פאַקט, „ווי באַלד סאָוויעט־רוסלאַנד קען זיך אויסהיטן פון מלחמה, און ווי באַלד עס איז מעגליך די מלחמה אינגאַנצן ניט צו דער־לאָזן"...

אַ טייל פון דער לינקער באַוועגונג וועלכע האָט שוין פון פריהער גענומען פאַרלירן דעם צוטרוי „צוליב די פּראָצעסן", און אַ טייל פאַר־קלערטע יונגעלייט און מיידלעך, זענען קעגן אַ פּאַקט מיט נאַצי־דייטש־לאַנד, אָדער בלייבן שטיל, ווייסן ניט וואָס צו ענטפערן.

* * *

די שטאָט וואַרשע גרייט זיך קעגן לופט־אָנפאַלן מיט גראָבן טרענ־טשעס, אויסער די באַווינטע שטאָט טיילן...

הויף־קאָמיטעטן צעשיקן יעדן טאָג לאָקאַטאָרן צו גראָבן אין פאַר־שידענע טיילן שטאָט. מ'זעט דורכמאַרשירן די גאַסן אַזעלכע שפּאַדעל־דעמאָנסטראַציעס, פון יונג און אַלט, ייד און קריסט צוזאַמען, טאַקע ווי איין קלאַס בירגער, אַזעלכעס האָט מען אין וואַרשע ניט געזען.

אויך פיל לינקע, צווישן די וואָס זענען גרייט צו פאַרטיידיקן וואַר־שע, עס האַלטן זיך נאָר אָפּ די, וועלכע האָבן צופיל דערשפּירט אויף זייערע פּלייצעס די ברוטאַלע ריעאַקציאָנערע מאַכט פון פּויליש־פּאָליציי־אישער הערשאַפט, די, וועלכע די פּילסודסקי און בעק־שמיגלי רעגירונג האָט ניט אָנערקענט פאַר „לאָיאַלע בירגער" (און ביי הונדערטער צוגע־נומען די בירגער־רעכט) ווייל זיי האָבן פּרובירט זיך אָננעמען די קריוו־דעס פון שלעכט באַצאָלטע אַרבעטער, הונגעריקע פּויערים, און צע־שלאָגענע יידן.

אַ שטילע נערוועזיטעט און צעטומלונג איבער וואַרשעווער גאַסן. די רעגירונג רופט צו אייניקייט פון אַלע בירגער, און דראָט דורך ראַדיאָ די אַלע שפּייז־געשעפטן וועלכע נעמען גרעסערע פּרייזן, אָדער פאַר־באַהאַלטן שפּייז־אַרטיקלען. דערביי ווערן אָנגעגעבן הויפּטזעכליך יידי־שע נעמען, וועלכע מען פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, בערעזע.

און איבער די יידישע פאַרשלאָסענע געשעפטן ווערט אויפגעהאָנגען אַ פּלאַקאַט: „דאָ האָט געוווינט אַ פּאַסקאַרזש, און איז געפאָרן קיין בע־רעזע"...

פיל אָטשערעס אַרום די שפּייז־קראָמען. פיל פאַבריקן און וואַר־שטאַטן האָבן זיך שוין געשלאָסן, פיל אַרבעטער ליידן שוין נויט. הונגער און פאַרצווייפלונג רעדט פון טייל אַרויס: „זאָל שוין קומען איינמאָל פאַר אַלע מאָל". און דאָך אין האַרצן האָפט יעדער אַז עס וועט ניט קו־מען, עס טאָר ניט קומען דערצו. „די פּוילישע רעגירונג וועט אפשר נאָכגעבן די היטלער אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, און אפשר דער שליח הענדערסאָן וועלכער לויפט אַהין און צוריק פון לאָנדאָן קיין בער־לין, אפשר וועט ענגלאַנד עפּעס קענען טאָן?" אָבער דער וואַרשעווער ווערט דערביי מעלאַנכאָליש: מינכען און טשעכאָסלאָוואַקיי איז געווען ענגלאַנד'ס הילף, וואָס קען איצט זיין ביי דאַנציג?

* * *

די לעצטע עטליכע טעג איבער וואַרשעווער גאַסן און פאַרקן. דער עולם האַנדלט, זיצט אין קאַפעען, די „מאַרשאַלקאָווסקע" און „נאָווי־שוויאַט" לייכטן מיט פייער־רעקלאַמעס, קינאָס ווערן אָנגעפילט, פאַר־לעך שמייכלען און לאַכן, עפּעס דאַכט זיך, דער עולם שרעקט זיך ניט פיל, ווייל מ'האָט שוין געהערט פון מלחמות, און מ'איז לעבן געבליבן...

אָבער די אויסלענדער אין וואַרשע, און טייל פּוילישע בירגער פון אויסלאַנד, באַלאַגערן די באַלטישע קאָנסולאַטן, זיי ווילן זיך ראַטעווען קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע. די קליינע מלוכה'לעך ווי לעט־לאַנד, עסטאָניע און שוועדן, זיי ווערן איצט שטיף, און פאַרזיכטיק. דער וועג דורך דייטשלאַנד איז שוין ביי דער גרענעץ מיט דראָטן אַרומגע־צוימט, פּונקט ווי מלחמה וואָלט געווען אַ פאַרצוימטע שפּיל.

* * *

30 אויגוסט. דער וועג פון וואַרשע ביז ריגע.

9.25 פרי, די וואַרשעווער צייטונגען דערציילן שוין פון „אינצי־דענטן" ביי דער פּויליש־דייטשישער גרענעץ, און די באַנען פון וואַרשע צו די גרענעצן זענען געפּאַקט מיט טויזענטער רעזערוויסטן.

דער וועג לויפט דורך מיט פיל דערפער, פעלדער, שטעטלעך און וועלדער, אַ שטילע נאַטור איז אָנגעפּאַקט און אָנגעשטעלט, מיט קריגס־מאַטעריאַל, זעלנער פאַרנעמען אַלע פּלעצער. געפּאַקטע לאַסט־וואַגאָנען

פון בהמות און פערד זענען אָנגעפּילט מיט שינעלען און ביקסן. טייל סאָלדאַטן מיט נאַאיוו פאַרווונדערטע אויגן, אַוועקגעריסענע פון שטילן דאָרף־לעבן, און טייל מיט פאַרשפּיצטע קעמפערישע בליקן.

געשפּרעכן צווישן רעזערוויסטן אין די וואַגאָנען זענען פון דער לעצטער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס (1920), ווי זיי פאַרקערעווען פון „פּוילישער גבורה" איבער יידן וועלכעס נעמט שווידערן.

איינער „אַ העלד", דער הויפּט דערציילער, אַ מאַן פון אַ יאָר 45־50, מיט פאַרדעכטיקטע פּנים־שטריכען, באַרימט זיך מיט „צעטרייבערן אויף שטיקער יידישקעס און אַלטע יידן מיט בערד, וועלכע האָבן פון בוידים־באַהעלטענישן געשאָסן אויף פּוילישע זעלנער"...

פּרובירט איינער, מיט אַ מער מענטשליך פּנים, פרעגן: „סטייטש, ווי איז דאָס מעגליך, יידישע באָבעס, אַלטע יידן, זאָלן שיסן פון בוידימער?" הערן די צוהערער אויף צו הירזשען מיט פערדישן געלעכטער איבער די כלאָפּעס וועלכע האָבן אַזוי פיין אָנגעלערנט די זשידעס, זיי שטעלן אויס בהמה׳שע אויגן. וואַרטן וואָס דער מיט דעם פּעטלורא־פּנים וועט ברייינגען באַווייזן, אָבער יענער קלערט ניט לאַנג, און גיט צו: „נאָר ווער דען האָט געקענט שיסן, ווען די הינטישע באָלשעוויקעס זענען אַנטלאָפן פון שטעטל, און מיר האָבן געכאַפּט די זשידקעס ליגן איינגעקורטשעט?"...

דאָס בילד ווערט קלאָר. די פּנימער פון שטאָטישער האַרעוואַניע און דאָרפישער נויט, זענען יאָרן געשפּייזט געוואָרן מיט יידן־גיפט פון פּילסודסקי׳ס „אַ מיליאָן יידן צופיל אין פּוילן" ביז שמיגלי רידז צו די אָפּיצירן: „פּילסודסקי האָט אייך באַפרייט פון באָלשעוויזם, איך וועל אייך באַפרייען פון יידן", ביז די „פּאָלקס־דעמאָקראַטן" (ענדעקעס) וועלכע האָבן אָנגעשטעלט די פויערשע און שטאָטישע דעקלאַסירטע עלעמענטן צו טאָן באָיקאָט און מעסער אַרבעט, און איצט דאַרפן די מענטשן פאַרטיידיקן די פּוילישע גרענעצן, ווי זיי פאַרמאָגן פאַנטאַזיעס אַ הוליע צו טאָן איבער זשידקעס און פאַרטרינקען מיט בראָנפן...

גיהנום געדאַנקען מאַטערן מיין מח, אויפ׳ן וועג וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע, ריגע.

אַרום 3 נ. מ. נעבן גראָדנע ווי די פעלדער זענען „באַוואַקסן" מיט אָן אַ שיעור סאָלדאַטן, פליט אַריין אין די וואַגאָנען אַ זאַווערוכע־נייעס, וועלכע ווירקט ערנסט: שיסערייען אויף דער פּויליש־דייטשישער גרענעץ, און די פּוילישע רעגירונג ערקלערט מאָביליזאַציע ביז 40 יאָר.

די נאָכמיטאָק־בלעטלעך שרייען מיט גרויסע קעפּ פון היטלער׳ס אָנפאַל און: „דאָס פּוילישע פאָלק וועט ווייזן וואָס עס קען"...

כ׳קען קיין שום גבורה אַראָפּלייענען פון די ציווילע מיטפאָרער אין מיין וואַגאָן, אַלע זענען טויט ערנסט, נאָר פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ

שרעקעוודיק ספּאָזמאַטישע שטימע פון אַ פרוי: „אַ סוף, זאָל פוילן אָנ־הויבן, שוין צופיל זיך געלאָזט פון די דייטשן!"...

מיין שכן קעגנאיבער מיר, אַ דיקער ליטווישער גלח, גלויבט ניט די ציטונגען. ער פרעגט אַלע ווילע אַ צווייטן: „טאַקע אַלגעמיינע מאָ־ביליזאַציע? דאָס מיינט דאָך מלחמה"...

דערביי פרעגט ער ביי יעדן די שטימונג פון פוילישן פאָלק, ווי ער מאַכט נאָטיצן (שטעלט זיך פאָר אַלס מיטאַרבעטער פון אַ ליטווישער ציטונג) און מיידט אויס צו געבן אַ ענטפער, איינעם, וואָס וויל וויסן אויף וועמענס זייט די ליטווינער זענען, „נאַטירליך אויף דער זייט פון פוילן אַלס קרבן". אָבער ער מיידט אויס דעם פּאָליאַק'ס בליק, ווייל זיין געדאַנק טראָגט זיך מסתמא איבער צו ווילנע, און ווי דער פוילישער מאַרשאַל ש. ר. האָט ניט לאַנג צוריק געדראָט ליטע מיט אַ מאַרש אויף קאָוונע, ווי באַלד די ליטווישע רעגירונג וויל ניט שליסן פריינדשאַפט מיט פוילן...

נעבן ווילנע ווערן די געשפּרעכן איבערגעהאַקט, מענטשן פאַרלאָזן דעם צוג און די איינציקע אַרויפקומענדע זענען פאַרזונקען אין ערנסט־קייט. דער גלח פרעגט מיך צי מ'וועט נאָך דורכלאָזן דעם צוג ביי דער גרענעץ?

ווילנער געגנט מיט גערטנער, גראָזן און וואַסערלעך ווירקט אָפּ־פרישענד. מ'זעט בלויז קופּאָלן און אַלטע הייזער, די נאַכט פאַרשלינגט אַלץ אַרום, און באַלד איז מען ביי דער לעטלענדישער גרענעץ, ווי די פוילישע וואַך טרעט אָפּ אומגערן. די נייע באַאַמטע באַטראַכטן די וועל־כע טרעטן איבער די ערד מיט לעטישע וויזעס, ווי מיר עטליכע צענד־ליק מענטשן ווערן צוגעפירט צו אַ וואָקזאַל, ווי עס הערשט אַ נערוועזע שטימונג. מען שושקעט זיך פאַרזיכטיק, ווי מיר וואָלטן געקומען פון „יענער וועלט" אָדער ווי זיי וואָלטן דאָ געשטאַנען נעבן אַ טויטן. מ'שמועסט אַז אָט איצט 12 ביינאַכט ווערט די גרענעץ אָפּגעשניטן...

אַמעריקאַנער בירגער, און יידן נאַטוראַליזירטע בירגער פון אומ־הוימליך, „זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט ביים אַנטלויפן פון פוילן, זיי זענען געקריוודעט, זייער האַלדזעי איז קאַליע געמאַכט"...

פון צווישן זיי אַ פּאָליאַק מיט אַ אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט, וועלכער קען ניט קיין פויליש און ניט קיין ענגליש, וויל מיר מכבד זיין מיט בראָנפן, איך זאָל אים ערלויבן זיין „נאָענט נעבן מיר" אויפ'ן וועג, ווייל ער פילט ביטער. ער האָט די פרוי און קינדער אין פוילן, און איך פון לאָנדאָן, זאָל אים פאַרזיכערן דאָס די שיפן וועלן פון ענגלאַנד פירן קיין אַמעריקע...

ר י ג ע

31 אויגוסט. 1.30 פּאַרטאַק. פון ליידיקער פינסטערניש טיילט זיך אויס, ווי אויסגעוואַקסן, אַזאַ מין קאַסטן־צוג מיט ברייטע הויכע וואַגאַ־נעס. איינציקווייז ווערן די וואַגאָנען אָנגעפילט מיט פויערטעס און אַר־בעטער פון דערפער און שטעטלעך אַרום ריגע און צווישן די פאַרשידע־נע מיט ליטוויש, דייטש און יידישע שפּראַכן, שאַרט זיך אַ העלער פרי־מאָרגן, ווי מיט אַ אויסגעקויפטן בילעט, ער פאַרנעמט אויך פּלאַץ צווישן די בענק און פעק.

6.30 באַווייזט זיך די שטאָט ריגע מיט אַ שטילקייט פון גערטנער און בריקן ווי ריינע בעל־הבתישע גאַסן גרייטן זיך צו אַ טאָג לעבן.

* * *

די זון באַשיינט עטליכע מאָנומענטן און רוסישע צערקוועס, און נאָך די ערשטע פּאַרטיעס אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וועלכע שטראָ־מען דורך מיט ערנסטע פּנימער און ריינער אָנטועכץ מיט פעסטן גאַנג און קרעפטיקע שטריכן, ווערט די גאַס שטילער. עס באַווייזן זיך בעל־הבתישע פּרויען־טריט, מיט געזונטע פּנימער און קערפּערס, פּראָווינ־צערישע מאַניערן און קליידונג, זיי נעמען איינקויפן אין די האַליעס, און אין געשעפטן.

שענקען און רעסטאָראַנען ווי פויערים און שטאָטישע אַרבעטער זיצן ברייט אַרום טעפּ קאַווע, און טיפע טעלערס זופּן, פירן געשפּרעכן אין לעטיש. זיי ווילן איבערשרייען די צימבלערס אויף פאַרשידענע אינ־סטרומענטן, און טייל יונגע אַטלעטיש געבויעטע חברה וועלכע מאַכן אַוואַנטורעס אין אַ האַלב שכור׳ן צושטאַנד, זיי גלוסט ניט צו באַצאָלן פאַר אַ סך גלעזער ביר, און פאַר פיל שיסלען מיט געקאַכטע פליישן...

אַ שטאָט אָן נערוון, מ׳לויפט ניט, מ׳יאָגט ניט, די פּנימער זענען ניט אויסגעהונגערט, מ׳טרעפט ניט קיין גרויסע אָרימקייט, מ׳זעט ניט קיין פאַרביטערטקייט אָדער בייזקייט, עס באַמערקט זיך פאַרשטענדניש, און אינטעליגענץ.

ביכער און צייטונגען אויף לעטיש, רוסיש און יידיש. דאָס פאָלק זעט אויס צו זיין גראַמאָטנע, הגם צופיל קולטורעלע און פּאָליטישע פרייהייט הערשט ניט אין לעטלאַנד.

אַ געמישטע באַפעלקערונג, אָבער די מערהייט איז מיט סלאַווישע שטריכן און מאַניערן, דאָס רוסישע דאָמינירט. ריגע זעט אויס אַ שטילע און געשמאַקע שטאָט.

* * *

יידישע גאַסן מיט קרעמלעך און געשעפטן זענען האַלב פאַרנומען און האַלב רואיק. עס ליגט אַ געוויסע זיכערקייט אויף יידישע פּנימער

און באַוועגונגען אין פאַרגלייך מיט פּוילישע יידן, די שפּראַך איז לעטיש אָבער זיי רעדן אַ פיינעם יידיש.

געמיטליך זיצן יידישע דראָזשקאַרזשעס אויף די קעלניעס פון זייערע אָפּגעלײַאָקעוועטע דראָזשקעס, קוקן נאָך מיט אַזעלכע קלוגע בעקלעך די יידישע סוחרים מיט פּעקלעך וועלכע קענען זיך באַגיין אָן פערד און וועגעלעך. סוחרים זאָלן גיין צופוס ?...

יידישע אכסניה׳ס ווי דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן קומען זיך צוזאַמען, בעטלעך, אין גרויסע און קליינע צימערן. עס דערמאָנט וואַרשע, אָבער דאָ הערשט שטילקייט. אַנטקעגן די וואַרשעווער סוחרים און פּוילישע פּראָווינצער יידן, זען די ריגער אויס „טויטע".

אַ קליינע יידישע צייטונג „היינט" שפּייזט טעגליך די יידן אין לעטלאַנד (אויסער די אויסלענדישע) און די, איז אַזוי פרום און מאָדערנע צוזאַמענגעשטעלט, ווי דער שטריימל און צילינדער רעדן מיט אַ טאָן פון פּראָגרעס און רעליגיעזער טראַדיציע.

מ׳טרעפט אויך דעם מעקלער און „שטעקעלע־עלעמענט" אין געשטאַלט פון איירָאָפּעאיש געקליידעטע מיטליעריקע יידן, וועלכע דרייען זיך אַרום רייזע־ביוראָס און בענק: „טוישט עפּעס וואַלוטע ? טוישט עפּעס פאַר גוטע פּרייזן ?" פרעגן זיי אויף יידיש, פּויליש און אפילו אין אַ צעבראָכענעם ענגליש, ווייזט אויס אַז די ערב־מלחמה שטימונג האָט געשאַפן מער מיטגלידער אין „שטעקעלע־בראַנזשע".

* * *

דער וועג פון ריגע ביז טאַללין איז מיט וועלדער און פעלדער מיט פעטע בינטלעך געשניטן קאָרן און עפּל־בוימער. לעטלאַנד פאַרמאָגט אַ זאַפטיקע נאַטור.

נאָך פינף און אַ האַלב שעה פאָרן אַרום 1.30 נ. מ. איז מען ביי דער עסטאָנישער גרענעץ „וואַלקאַ" ווי מ׳קוקט דורך דאָקומענטן און געלט פאַרצייכנונגען.

אַ פרוי איז ניט אין אָרדנונג מיט איר וויזע, און אַ גרענעץ־באַאַמטער טראָגט דאָס פּאַספּאָרט ביכל, גייט פאַרויס, און ברומט אַריין אין די בלעטלעך, ווי צו אַ מענטש. ער האַלט אַ גוף און נשמה אין האַנט, און דער לעבעדיקער וועזן לויפט נאָך מיט האַק און פּאַק פון אונטן, ווי אַ מין צוטשעפּעניש, צום פּאַספּאָרט.

עס ווערט שווער אויפ׳ן האַרצן. צו וואָסער קאַלטקייט און מעכאַניזאַציע 1939 האָט דערטראָגן: לענדעלעך, גרענעצן, פּאַספּאָרטן און וויזעס, אָט טראָגט אַ גרענעץ באַאַמטער אַ מענטש אָן ווערדע, אָן רעכט. אַזוי שאַצט ער לויט די בלעטלעך פון פּאַספּאָרט...

פון דער עסטאָנישער גרענעץ ביז טאַללין קומען אָן פּויערטעס, און הויך געוויקסיקע פעסטע מענער אין רוסישע בלוזעס, טייל מיט בערד.

אַלע רעדן רוסיש מיט „אַ פרעמדן־אַקצענט“. אַזוי פיל וועלדער מיט גע־שניטענע קלעצער און קאָרן־פעלדער, וועלכע זענען אויסגעשטעלט מיט בינטלעך אין פאָרם פון „פּאַלאַטקעס“ וועלכע וואַרטן אויף „סקויטן“. אַ לענדעלע מיט רחבות.

טאללין

אַרום 7 אָוונט דערנענטערט זיך אַ שטאָט וועלכע שיקט אַרויס עט־ליכע פאַבריק־קוימענס, זיי זאָלן דערלאַנגען שלום עליכם.

אַ שיינער וואָקזאַל אַרומגעשטעלט מיט סקווערן פאַרשטעלט דעם וועג צו דער שטאָט, וועלכע איז טאָל און באַרגיק אַריינגעקלעמט צווישן שמאָלע גאַנץ שמאָלינקע גאַסן און געסלעך.

דער האָטעל דינער פון „אימפעריאַל“ וועלכער שמעקט מיט דאָר־פישקייט און פריש געקאָכטע קאַרטאָפל, ווי דער רעסטאָראַן־האָטעל, ער זאָגט מיר אָן די נייעס אין אַ צעבראָכענעם דייטש: „דייטשלאַנד און פוילן שלאָגן זיך שוין אָפיציעל“. איך ליד ניט זיין רואיקייט און שמאָל־ציק־איראָניש שמייכעלע, פאַר מיינע אויגן שטייען פוילישע שטעט און שטעטלעך.

די עסטאָנישע ציטונגס־קעפּלעך דערציילן מיר ווינציק. איך קען די געמישטע שפּראַך ניט פאַרשטיין, כ׳זע בלויז דאָס קאַטאָוויץ, קראָקע און גראָדנע זענען באָמבאַרדירט פון דייטשישע אַעראָפּלאַנען!

אַלע פּאָר מינוט טוישן זיך די געשריבענע טעלעגראַפן־נייעס אין רעדאַקציע־פענסטער, מענטשן אַרום קאָמענטירן די נייעס. אָט: „ענג־לאַנד מאָביליזירט, פראַנקרייך מאָביליזירט“...

טאַללינער יוגנט שפּאַצירט איבער שמאָלע קרומע געבויגענע גאַסן און געסלעך וועלכע לייכטן מיט ביינאַכטיקע רעקלאַמע פייערן, באַ׳חנ׳־טע פנימער שמייכלען זיך איבער מיט שיינע שוי־פענסטער, אַלץ איז גע־זונט, רייצנד און לעבעדיק.

2 סעפּטעמבער. אַרום 8 פרי, טאַללין מאַרשירט מיט אייליקע טריט. יוגנט און מיטליעריקע ערנסטע פנימער איילן צו דער אַרבעט.

געשעפטן מיט געשמאַק און ריינעם פאַרנעם, פאַרשידענע ענגלישע סחורות לייכטן אַרויס פון שוי־פענסטער ווי די פרייזן זענען ניט טייע־רער ווי אין לאָנדאָן.

אַ פאַרפלאָנטערטער יריד פון שמאָלע גאַנץ שמאָלינקע באַרגיקע געסלעך מיט אַלטע הייזער און דורכגאַנגס־הויפן וועלכע זען אויס ווי פאַרבאָרגענע היילן, געסלעך וועלכע זענען ווי אויסגעהאַקטע דורכגע־בויערטע שפּאַרעס צווישן שטיינערנע ווענט מיט אַזוי פיל אייגנאַרטיקייט און צוציהונגס קראַפט.

פון הויכקייטן קוקן אַראָפּ אַלטע שלעסער און צערקוועס. זיי באַ־טראַכטן די רירעוודיקע מענטשעלעך אונטן, וועלכע שטופּן זיך דורך קרומע פאַרשטעלטע וועגן ביז צום אָפענעם ברייטן מאַרק מיט טויזנ־טער פויערשע פורלעך און האַנדלס־ביידלעך, אַ פּעלד פון אויסגעשטעל־טע עסנוואַרג פּראָדוקטן און פּרוכטן, אָן אַ שיעור בלומען פאַרקויפערנס, צווישן האַנטווערקער פּראָדוקציע אויסאַרבעטונגען און שמעקעדיקע פעלד־גרינסן, אַרום וועלכע עס שוועבן אַרום בעל־הבית׳טעס מיט קוישלעך, זיי פּילן אָן צוביסלעך פון אַלע מינים.

פיל נייע געביידעס לויט דער לעצטער טעכניק אַרום לופטיקן מאַרק, וואַרפן בליקן צום אַלטן פאַרכישופטן חן אַרום, ווי עס שפּראָצן זוניקע פנימער פון יונגלעך און מיידלעך מיט נאַטירליכקייט און געזונט, וועלכע זענען ניט אויסגעקוועטשט, ניט אויסגעדאַרט ווי אין אַנדערע גרויסע שטעט.

זייטיק פאַרבאָרגענע רעסטאָראַנען און שענקען ווי פיל פעסטע אָנ־געגעסענע מענער מיט רויטע קערק זינגען און קוויטשען האַלב שיכור, יונגע חברה שטעלן פלעשער ביר אײנס נאָכן אַנדערן, טאַללין מאַכט אַ זאַטן און באַ׳חנ׳טן איינדרוק. גענוג ערד און ניט קיין איבערפּראָדוקציע אין עסטאָניע.

* * *

די ציימונגען דערציילן פון אַ אויסגעברייטערטער רעגירונג אין ענגלאַנד, ווי עס ווערט אַריינגענומען דער מער רעאַליסטישער באַצי־קעגנער, ווינסטאָן טשאַרטשיל, און דער האַלב קאָנסערוואַטיווער דעמאָ־קראַט אידען. צי ענגלאַנד וועט ערקלערן מלחמה, ווייס מען ניט אין עסטאָניע.

קיין שטאָקהאָלם

אַרויסגליטשענדיק זיך מיט דער קליינער שיף פון באַשיידענעם טאַללינער פאָרט, זען זיך אָן פיל טורעמס און פאַבריק קוימענס. די הייזער און וועלדער אַרום הויבן זיך אַלץ העכער, ווי נאָכצוקוקן, ניט פאַרלירן די שיף פון אויג.

דער באַלטישער ים איז טונקל, כמעט שוואַרץ. כוואַליעס שפּילן זיך געלאַסן מיט די ים פויגל, וועלכע זוכן מיט זייערע שנאָבלען. עס איז אַרום 5.30 נ. מ. אַ מילדער שטיל שוויגענדער זומער־פאַרנאַכט.

די פּאַסאַזשירן אַ מערהייט פּוילישע יידן נאַטוראַליזירטע אַמערי־קאַנער, טומלען און געזעצן מיט חשיבות. זיי ווערן אָבער ערשטוינט ווען די שיף פאַרקויפער פון עסנוואַרג נעמט ניט אָן קיין פרעמדע וואַלו־טע, אויך ניט קיין אַמעריקאַנער דאָלאַרן... זיי פּראָטעסטירן, מאַכן מיט

די הענט, קרומען זיך אין אַ צעבראָכענעם ענגליש, צעקאַליעטשעטן פּויליש און צעדרייטן יידיש. זיי רעדן פון מלחמה און ווייזן אַרויס אַ מין גראָבע פֿאַרזיכערטקייט און הנאה ווען זיי בענטשן „זייער לאַנד" אַמע־ריקע. די יונגערע געבוירענע אין אַמעריקע הגם מיט אַ בעסערן ענגליש אָבער מיט די זעלבע עגאָאיסטישע שטריכן ווי זייערע קליינבירגערליכע אַרויפגעאַרבעטע טאַטעס און מאַמעס.

די שטיל קולטורעלע שוועדן און ענגלענדער באַטראַכטן די אַמערי־קאַנער בירגער וועלכע ווייזן אַרויס פֿאַרגרעבטן טומל. זיי פילן אַ שטילן אָפּשיי. דער טומל ווערט ביסלעכווייז איינגעשטילט, דאָס וואַסער ווערט שוואַרצער, אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין מיסטעריעזער פינסטערניש, בלויז אַ טונקל בלאָער הימל און עטליכע שטערנס פֿאַרבליבן פון אַ שיי־נעם ליכטיקן טאָג. די שיף, די פּאַסאַזשירן, אַלץ נעמט אויסזען נעבעכ־דיק, טייל קורטשען זיך איין, טייל שלאָפן שוין אין די קאַיוטעס. אַלע סאַלאָנען און קאָרידאָרן זענען אָנגעלייגט מיט לעבעדיקע ניט רירעוודי־קע פעקלעך.

3 סעפּטעמבער. די גאַנצע נאַכט האָט דאָס וואַסער געטראָגן די שיף מיט פֿאַרזיכטיקייט, געהויבן פּאַוואָליע ווי אַ מאַמע טראָגט איבער אַ קינד דורך גריבער. אַרום 4 פֿאַרטאָג קוקט אַ מילד וואַסער אַריין דורך מיין „לבנה"־פענסטערל. עס נעמען זיך באַווייזן גרינע ערד ברעגעס.

אַרום 7 פֿרי, די פּאַסאַזשירן קורטשען זיך, ווילן קלענער ווערן, דער טאָג זאָל זיי ניט באַמערקן, אָבער צוגלייך מיט אַ מילד ווינטל קומט צע־לויפן אַ מחיה־דיק וואַרימע זון, שטעלט זיך אויבן איבער די שיף און קוקט זיך צו צום פֿאַרשלאָפענעם לעבן וועלכער איז צעשאָטן פעקלעכ־וויז איבער שיף ווינקלען.

דער ווייך געקנאָטענער ים פינקלט מיט צעשאָטענע זונען־שטראַלן, גרינע וואַלד ברעגעס און שטיינערנע אינזעלעך, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע אין מיטן וואַסער, לויפן אָן פון אַלע זייטן קאָמפּאַניעסווייז און איינציק־וויז אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען, זיי קוקן זיך צו, צו דער שפּיל פון צע־וואָרפענע זונען־צעפּ פּאַסן מיט גאָלד באַדעקטע פליטערלעך וועלכע באַ־רואיקן און גלעטן די כוואַליעס, אָבער די כוואַליעס ווילן דורכאויס כאַפּן, יאָגן זיך נאָך די שטיפּערישע שטראַלן וועלכע הוליען אויף זייערע רוקנס.

אַ שפּיל פון בלישטשענד גאָלד, און בויגעוודיקע טונקל גראָע בייזע וואַסער הענט וועלכע ווילן ניט דערלאָזן די פּאַסן ליכט צוקומען נאָנט צו דער שיף, אַ געראַנגל אויפ׳ן שויס פון ים, ווי דער קאַמף ווערט צע־שפּליטערט און פֿאַרזונקען פון אומצאָליקע כוואַליעס, פרישע פֿאַרנעמען זייער אָרט און אַזוי אָן אויפהער, זון און וואַסער אין געראַנגל...

די שיף שניידט מיט אַ שפּיציקער שאַרף, דאָס וואַסער שרייט ניט, טיילט פֿאַנאַנדער אירע גלידער, פֿאַרקרומט זיך עטוואָס מיט ווייסן שוים

וועלכעס ווערט צעטיילט אין רינגעלעך, זיי די ווייסינקע רינגעלעך ווילן אַנטלויפן פון דער שניידענדער שיף, אָבער כוואַליעס לויפן אָן, טרייבן די פּיצינקע ים גלידער צוריק, פאַרנעמען די פּאָזיציעס, ווערן צוריק איינס מיט דעם וואַסער, און פון אויבן שטייט אַ בלאַסע לבנה, קוקט זיך איבער מיט אַ שאַרפערער זון, זי וויל ניט אָפּטרעטן, כאָטש לאָזט איר זען די בלישטשענדע ים־שפּיל.

טייל ערטער פון וואַסערדיקן קערפּער זענען בלאָ, זיי האָבן זיך אי־בערגעקוקט מיט׳ן הימל און זיך אַסימילירט, און טייל פאַרעקשנטע וואַ־סער טיילן בלייבן גראָ, די הויט זעט אויס געפּאַלדעוועט, אַ קאַמף ווערט געפירט, די בלאָע הימל פאַרב ליגט פון אויבן טראַפּנווייז, פּינטעלעך טוי, בעטן זיך אַריינגעמען אין ים קאָמפּאַניע.

אַרום 12 ביי טאָק, די שיף קרייזט אַרום און אַרום אָן אַ שיעור ברע־געס, דאָס זענען פינלענדישע „אַלאַנד אינזלען", ווייל ווי אַ אָנפירער פון דער שיף ערקלערט דאָס „מ׳היט זיך פאַר דייטשישע מינעס". די לאַגע זעט אויס צו זיין אַ ערנסטע, אָבער מיר ווייסן ניט וואָס עס גייט אָן אוי־סער דער שיף, ווייל ניט קיין צייטונגען און ניט קיין ראַדיאָ אויף דער שיף.

אין שטאָקהאָלם

אַרום 1 ביי טאָק פלאָנטערט זיך די שיף אַרויס פון די אינזעלעך און שטיינער, עס באַווייזט זיך אַ אָפענער ים. ניט ווייט פון שטאָקהאָלם באַ־ווייזן זיך ווידער אינזלען, אין פאַרשידענע זיג־זאַגן וועגן ווילן זיי די שיף פאַרבאַרן, ניט דערלאָזן אַריינפאָרן אין דער שוועדישער הויפּט־שטאָט, אָבער אַרום 10 אָוונט (שוועדישע צייט) באַווייזט זיך שטאָקהאָלם מיט באַלויכטענע וואַסער־טראַמוואַיען און שפּאַציר־שיפלעך, ליכט און גלאַנץ אַרום די ברעגעס, אַ אילומינירטער גאָרטן איז פול מיט שפּיל און זונטיקדיקע פאַרווײַלונגען, אַ מין רויט וואַסער־פאַרכישופטע שטאָט, און די צייטונגען דערציילן דאָס היינט זונטיק 11 פרי האָט דער ענגלישער פּרעמיער מיניסטער אין פּאַרלאַמענט ערקלערט מלחמה דייטשלאַנד!!! ענגלאַנד און פראַנקרייך אין מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד.

4 סעפּטעמבער. שטאָקהאָלם איז רואיק, זיך אויפגעכאַפּט ווי גאָר קיין מלחמה ניט געווען. די שוועדישע צייטונגען רעדן פון בלייבן ניי־טראַל, און טויט מאַרשירט איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך.

7 סעפּטעמבער. טיפּן אין דער יידישער אכסניה.

אַ יידישע פרוי פון פּוילן, וועלכע לעבט שוין אַ שפּאַר ביסל יאָרן אין שוועדן, האַלט אויף אַ גאַסט־הויז און די היינטיקע געסט זענען אַ מערהייט אַמעריקאַנער ישיבה־בחורים וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטע־

ווערט פון פּוילישע ישיבות איידער היטלער איז אַריין. טאַטעס שוויצן און האַנדלען אין אַמעריקע, זין ווילן ווערן רבנים און שוחטים מיט פּויליש־יידישער כשרות. אַ געמיש פון אַמעריקאַנער עגאָאיזם און ערדיש שטרעבן מיט פּוילישער ישיבה אָפּגעלאָזענקייט, ווי אַ טייל פּאַרוואַקסע־נע סמיכות־בחורים פירן מיט זיך גראָב שמאַלציקע פּויליש־יידישע ווײַ־בער קיין אַמעריקע.

זיי מאַכן מיט די הענט, טומלען, רעדן וועגן געלט, קאָנסול, זיי פּאַכן מיט זייערע אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן, שימל און פאַרברודיקטע אויערן האָבן דערשפּירט זייער חשיבות, דער פּראַקטישער אַמעריקאַנער האָט זיך אין זיי אויפגעכאַפּט. זיי רעדן אַ יידישן ענגליש (און ניט קיין שלעכטן יידיש), לויפן אַהין און צוריק, בענטשן נאָכן עסן, און טעלעפאָ־נירן צו רייזע ביוראָס, אַ שטיק נאָכגעמאַכטע פּויליש רבנישער פרומ־קייט, אָבער אָן פּוילישער עכטקייט, אָן תורה לשמה.

קיין אסלא

8 סעפּטעמבער. וואָס לענגער מ׳בלייבט אין שוועדן געפינט מען אויס מער שיינקייט און רייץ, מער ריינקייט און זאַטקייט, אָבער קיין אַר־בעט באַקום איך ניט, אַלס אַ אויסלענדישער דורכרייזענדער „האָב איך קיין רעכט ניט צו זוכן אַרבעט״...

אַרום 10 אָוונט פאַרלאָז איך די שיינע שטאָט שטאָקהאָלם ווי כ׳פּרוביר כאַפּן אַ דרימל אין די ליידיקע ברייטע וואַגאָנען וועלכע שלעפּן זיך קיין נאָרוועגיע, אָבער פּוילן שטייט ביי מיינע געדאַנקען, לאָזט מיר קיין אויג ניט צומאַכן. עפּעס ווי פאַטאַל און אומגליקליך האָט זיך היט־לער׳ס שווערד אַראָפּגעלאָזט איבער פּוילן, הגם די פּוילישע הערשער האָבן פּרובירט זיך איינלעבן און נאָכקאָפּירן די נאַצישע מעטאָדן.

אַרום 5 פאַרטאָג באַווייזן זיך טריט פון אַ נייעם טאָג, זיי קומען פון צווישן בערג, וועלדער און וואַסערן.

ביי סטאַציעס אויפ׳ן נאָרוועגישן באָדן שטופּן זיך אַרויף געזונטע פרישע מיידלעך און מענער. זיי פאַרטרייבן מיינע געדאַנקען פון פּוילן, אָבער אַ גרענעץ קאָנטראָלירער באַווייזט זיך גוטמוטיק ניט ווייט פון אָסלאָ, קרימט זיך מיט מיין איבערטרעטן די גרענעץ „אָן אַ וויזע״ און געטרויעט דאָס איך וועל אַליין גיין מעלדן דער פּאָליציי: „צוליב מלחמה איילעניישן״, און זאָגט מיר אָן: „וואַרשע איז געפאַלן!״...

פאַר די אַנדערע פּאַסאַזשירן אין מיין וואַגאָן אָפּטיילונג איז עס גע־ווען סתם נייעס, באַגלויבטע אָדער ניט, פון נאַצי טעלעגראַפן אַגענטור, פאַר מיר אָבער, איז די פרימאָרגן־באַגריסונג ווי אַ שניט אין האַרצן: הייסט עס שוין די ענדע פון פּוילן, פּוילן מיט אירע יידן אונטער די נאַצי שטיוול?

דער גרענעץ־באַאַמטער זעט מיין פאַרזאָרגט פּנים, וויל ער מיר פאַרגיטיקן: „כמעט 10 יאָר ווי זיי זענען גוט אָנגעגאַנגען (מוסאָליני און היטלער), איצט איז היטלער משוגע געוואָרן מיט דער מלחמה״...

„10 יאָר גוט אָנגעגאַנגען״, טראַכט איך. שפּאַניע, עסטרייך, טשע־כאָסלאָוואַקיי, אַביסיניע און אַלבאַניע, זייער גוט אָנגעגאַנגען.

אין אסלא

9 סעפּטעמבער. כאַפּ איך אַ בליק איבער דער נאָרוועגישער הויפּט שטאָט, אַלץ איז ווי מיט אַ יאָר צוריק. מער ניט וואָס די רייזע ביוראָס זענען באַלאַגערט. ענגלענדער, אַמעריקאַנער און פראַנצויזן וואַרטן אויף שיפן, אַלע ווילן אַנטלויפן פון די שיינע נאָרוועגישע בערג־פּלעצער, אַלע איילען אַהיים.

מאַפּעס אין שוי־פענסטער וויזן מיט אַריינגעשטאָכענע האָקן־קרייצן פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, מיר דאַכט אַז זיי שטעכן מיר אין האַרצן, רייצן זיך מיט מיר די שוי־פענסטער.

שבת 6 נ. מ. איז דער האַנדל איינגעשטילט. גרופּעס־וויז שפּאַצירן יונגעלייט און מיידלעך, מ׳האַלט זיך היימיש און צוגעלאָזן, פיל מער באַ־טירליכע האַלטונג ווי ביי די שוועדן.

אַרום 8־9 אָוונט איז כמעט די גאַנצע יוגנט אין גאַס, דאַכט זיך ווי דאָס פערטל־מיליאָניקע אָסלאָ האָט פאַרלאָזט אַלטע און נייע געביידע און געקומען זיך שטופּן אַרום „נאַציאָנאַל טעאַטער״.

זיי כאַפּן אַ בליק צו מלחמה נייעס און לאָזן זיך פאַרגעסן אין קאַ־פעען און סינעמאָס. די מלחמה איז דערווייל ניט אַזוי נאָענט און נאָרוועגיע רעדט פון נייטראַליטעט...

קיין בערגען

10 סעפּטעמבער. זונטיק אַרום 8 פרי, אָסלאָ איז נאָך פאַרשלאָפן. אַ בלאָער הימל און אַ גאָלדענע זון שפּאַצירן אַרום געאָרעמט, איבער ליידיקע געדרייטע גאַסן און סקווערן.

יונגע פרויען און מענער מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס, גראָבע פעסטע שיך און „קאַמפּס־מינע״ אויף זייערע ברוינע געזונטע פּנימער, לאָזן זיך מיט זייערע בלאָע אויגן, איינעמען בערג און טאָלן, וועלדער און פעלדער, זיי גרייטן זיך אויך אויף „אַ מלחמה״, אָבער אַ פאַרברו־דערונגס־„אינוואַזיע״, ניט די, וועלכע קומט איצט פאַר פון די נאַציס אין פּוילן.

9.30 נעמט דער צוג רירן קיין בערגען ווי די וואַגאָנען זענען אָנגע־

זעצט מיט פאַרפּוצטע מונטערע פּאַסאַזשירן וועלכע שטייגן אויס צווישן אַסלאַ און בערגען און די וועלכע פאָרן קיין בערגען זענען אַ מערהייט ענגלענדער, אַמעריקאַנער און פראַנצויזן. זיי ווילן פון פאַרט דערגרייכן זייערע היימען.

דער זעלבער פּראַכטפולער וועג ווי מיט אַ יאָר צוריק, אַ וווּנדער־ליכע נאַטור מיט אַנגעשטעלטע זומערן און ווינטערן אין פאַרשידענע פאַרביקע קאָלירן. בערג, טאָלן און וואַסערן ליגן אַזוי רואיק ווי די וועלט וואָלט טאַקי געווען אַ שטיל צוויבערדיקע קאָמבינאַציע.

פּאַסאַזשירן כאַפּן זיך אַראָפּ „אויסגלייכן" און כאַפּן אַ טרונק, ביי יעדער סטאַציע, זיי זענען גאַרניט ווי דער טאָג שאַרט זיך אַרויס ווי פון אונטער די וואַגאָן־רעדער. עפּעס ווערט אים דערעסן אַזאַ שטילקייט אַרום. אַט אַריבער די קעלטערע געגנטן אַרום „פינס" און די לעבעדיקע גרינע „וואַסס" געגנט, נעמט בלענדן מיט איר זומער כישוף, רייצט זיך מיט די פונדערווייטנס אַריינקוקענדע אייז־שפּיצן. זי ווערט אַזעלכע „קאַלטע־אויגן", קיין צימערן אין האָטעלן, ניט פאַרדינגען, זיי טאָרן באַלד ניט וואַגן אַהערצו קומען...

ביי אַלע סטאַציעס ווערט דער צוג אויפגענומען פון הונדערטער שטעטלדיקע איינוווינער, יונגע און עלטערע נאָרוועגער, געזונטע ענער־גישע מענער און פרויען, ווי זיי וואָלטן שטיקער רו און מונטערקייט גע־וואָלט מיטגעבן אַט די אַלע אויסלענדער מיט האַלב, און גאַנץ נערוועזע שטימונגען.

אַרום 9.30 אָוונט דערוויס איך זיך אַז אַ פּלאַץ צו שלאָפן איז היינט פון די זעלטענע אַרטיקלען אין בערגען, און אַ הויכער פעסטער נאָרווע־גער, אַ געוועזענער מאַטראָז, וועלכער דינט אין דער „רעטונגס אַרמיי" (סאַלוויישאַן אַרמי), העלפט מיר זוכן אַ צימער צווישן ביליקע האָטעלן און אכסניה׳ס, ביז וואַנען ער דערשנאַפּט ערגעץ „אַ לבנה־צימערל" אין אַ פאַרוואָרפענעם פּאַסאַזש, ווי מען מוז אַריינגיין מיט דער פּלייצע כדי אַרויסצוקומען צוריק.

טעג אין בערגען

12 סעפּטעמבער. דאָס לעבן גייט אָן נאָרמאַל. דער פאַרט רודערט מיט צענדליקער גרעסערע שיפן און אָן אַ שיעור קליינע פישער שיפלעך, פאַרט אַרבעטער לאָדענען איין און אויס, אַזוי פיל פעק, אַזוי פיל עסנ־וואַרג און סחורות, ווי זיי וואָלטן באַשאַפן געוואָרן מיט זייערע ברייטע פּלייצעס, רויטע פּנימער און פעסטע הענט צו שלעפּן און טראָגן, פאַר אַ קליין ביסעלע וואָס זיי דאַרפן פאַרנוצן. זיי נעמען אויף גאַנץ געדולדיק די באַפעלן פון די מענטשן וועלכע האַלטן פּאַפּירלעך און בליישטיפטן,

פון די װעלכע לאָזן בלױז פאַלן אײנצעלנע װערטער און די װערטער פון די הערן מיט רײנע הענט און געפּרעסטע קלײדער באַדײטן אַזױ פיל אַרבעט פאַר די מענטשן מיט צעאַקערטע פּנימער און אײנגעשמירטע צעקנײטשטע קלײדער.

װאָלטן טאַקי פון די טרעגער ניט געקאָנט אַרױסקומען אַזעלכע אָר־גאַניזירער, און באַפעלער? צי װאָלט פון די אָנװײזער ניט געקאָנט װערן קײן גוטע פּאַקער, און דערלאַנגער? אינטערעסאַנט װען „חכמה“, פּוכיקע הענט און בעקעלעך, און בלײפעדערס, גיבן זיך אַ טויש מיט די ראָלן פון די גוטמוטיקע לויפער, און שלעפּער, כאָטש אויף אַ שטיקל צײט. די ערשטע װאָלטן גערעדט מער און װײכער, די צװײטע אפשר װעניקער און באַטראַכטער...

13 סעפּטעמבער, רעגנט, פון פרי ביז שפּעט בײנאַכט. בערגען זעט אויס גראָ און מרה־שחורה׳דיק. דאָס ביסל שיפן און שיפלעך װי זײ װאָלטן זיך צוזאַמענגעדרוקט און צוגעטוליעט, פאַרבלאָנדזשעטע אונ־טערן פרײען רעגן, קײנער לאָזט זײ אין הויז ניט אַרײן, האָבן ניט קײן פּאַראַסאָלן, קײן רעגנמאַנטלען און קײן גומענע קעפּ־צודעק, װי די בערגענער מײדלעך. ניט אין גומענע שטיװול, באַרװעס, שטײען זײ אין װאַסער און װערן דורכגעװײקט, די קוימענס װי זײ װאָלטן געװײנט מיט רויך טרערן.

װאָלקנס שטעלן פיס, קריכן אַראָפּ פון שפּיצן בערג און שטאָט אַרײן, די בערג זען אויס װי אַרױסגעקומענע פון אַ שװיץ־באָד, עס שלאָגט פון זײ אַ פּאַרע, און קײנער דערלאַנגט ניט קײן טרוקענע האַנ־טוכער, קײן װעש אַרומצוװיקלען זײערע פײכטע לײבער. בערגענער אײנװױנער פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער דאַך און טויער.

14 סעפּטעמבער. אַ האַלב בלײערנער הימל, די בערג טרוקענען זײערע גרינע און שטײנערנע פלײצעס פון נעכטיקער באָד, די פישער־שיפלעך און פיש הענדלער ליאַרמען, װײבער פּאַקן שלײענס און העכט אין קוישלעך אַרײן. אַ רחמנות װי די נאָך לעבעדיקע פיש כאַפּן אַ בליק פון שיסלען און קלאָדעס װאַסער צו זײערע חברים װעלכע ליגן אַזױ מערדערליך צעבלוטיקט און צעטרײבערט פאַר דער גאַנצער עפנטליכ־קײט, זײ די לעבעדיק געבליבענע װײסן אַז זײער סוף איז ניט קײן זי־סער, ניט קײן אונטערשײד צו װעלכער מאַדאַם זײ זאָלן אַרײנפאַלן...

15 סעפּטעמבער. אַ שײנענדיקע זון, בערגען פינקלט מיט גאָלדענע שטראַלן.

די װײס רויטע הײזער אויף די בערג, די שטאָטישע גערטנער, אַלץ זעט אויס אַזױ העל און לעבעדיק. פיל קינדער װעגעלעך, מאַמעס צאַצ־קען זיך, לאַכן און פרײען זיך מיט זײערע יונגע לעבנס, װעלכע זײ האַלטן טײער, גאַנץ טײער, און די ראָגעס פון גאַסן און צײטונגס שױ־

פּענסטער דערציילן פֿון טויט און פֿאַרניכטונג אין פּוילן, אויך אַזעלכע ליבע מאַמעס און קינדער. מענטשן כאַפּן אַ בליק צו די צייטונגען רעקלאַמע טויט ידיעות און גייען זיך ווידער צו זייער טעגליך לעבן, די יוגנט שפּאַצירט אַרום „אַלאַווקירערס־גייט" מיט געלעכטער און צאַפּל, כאַטש נעמען צענויפֿזאַמלען, צענויפֿשאַרן שטיקער צעשאָטענע שמייכלען, און איבערשיקן צו דער יוגנט אין פּוילן, וועלכע ווערט איצט באָמבאַרדירט פֿון היטלער באָמבעס און גראַנאַטן.

16 סעפּטעמבער. „פּוילישע רעגירונג אַנטלאָפֿן קיין רומעניע", שרייען אַראָפּ אַפֿישן פֿון רעדאַקציע פּענסטער, און דאָס סאָוויעטיש מיליטער גרייט זיך אַריינמאַרשירן אין פּויליש־אוקראַאינישע שטעט. די קאָמוניסטישע צייטונג פֿון נאָרוועגיע לייקנט אָפּ די קלאַנגען פֿון „סאָוויעטישער־אינוואַזיע".

17 סעפּטעמבער. זונטיק פֿרי, דער פּאָרט איז כמעט ווי אָפּגעליידיקט. שיפֿן, שיפֿלעך און מענטשן־מאַטעריאַל מיט זייער טומל, גערויש, קויף און פֿאַרקויף, אַלץ איז ווי מיט אַ כישוף־האַנט פֿאַרשוווּנדן. קאַסטנס, האַנטוועגעלעך, פֿעסער און אַנדערע שלעפּ־ און טראָג־מכשירים, ליגן צענויפֿגעקאָרטשעטע אין בינטלעך, נעבן פּאָרט, זיי האָבן ניט באַוויזן גיין זיך אָפּוואַשן און איבערטאָן אויף זונטיק ווי זייערע חברים, די טרעגער און פֿישער.

אַלע געשעפֿטן זענען פֿאַריגלט, בערגען זעט אויס ווי אַ פֿאַרלאָזענע שטאָט.

נאָכמיטאָג שטעקט לעבן צוביסלעך אַרויס אַ האַנט, אַ פֿוס, אַ קאָפּ, שיקט אַרויס שטיקלעך פֿרייד און געלעכטער, מוזיק נעמט קלאַפּן אין פּאַרק, אָבער רעדאַקציע־פּענסטער נעמען כסדר אַרויסשטעלן שוואַרצע ווערטער וועלכע קענען ניט פֿאַרטראָגן די זונען שטראַלן. היינטיקע בייעס איז: „סאָוויעטישע טרופּן מאַרשירן צו אוקראַאינישע שטעט אין פּוילן", און מאָלאָטאָוו מעלדעט דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע דאָס „פּוילן איז ניט מער קיין מלוכה"...

נאָכמיטאָג איז אַ געמיטליכע באַוועגונג איבער בערגענער גאַסן פֿון בעל־הבתישע מענטשן מיט זייערע פֿרויען און קינדער. דער פֿיש־מאַרק איז אָקופּירט פֿון דער „ערלייזונגס־אַרמיי" וועלכע רעדט צום עולם וועגן גאָט און מלחמה, און די רעדאַקציע שויבן רוקן דערווייל אונטער געזונטע שיפֿן ווי צווישן די קרבנות אַ נאָרוועגישע שיף מיט נאָרוועגישע לעבנס, נאָרוועגער קוקען זיך איבער, פֿונקען פֿון שרעק אין זייערע אויגן. און פֿון אויבערשטן טייל בערגען, נעבן דעם פּאָרט ווו טייל ווי גרעסערע פּאַסאַזשיר־ און האַנדלס־שיפֿן שטייען פֿאַראַנקערט פּונקט קעגנאיבער, קומט פֿאָר אַ קאַמף צווישן אָפּגייענדער זון און אַ לבֿנה וועלכע טשאַטעוועט צו פֿאַרכאַפּן פּאָזיציעס. איינס פֿון די וווּנדערבאַרסטע נאַטור שפּי־

לערייען. דער זונען־אונטערגאַנג צווישן בערג, הימל און וואַסער איז בערגען.

19 סעפּטעמבער. די רעדאַקציעס שרייען אַרויס מיט אויסצוגן פון היטלער׳ס אַ רעדע אין דאַנציג. „ענגלאַנד האָט געשטויסן צו פּוילנס ני־דערלאַגע, שלעפּט אַריין פראַנקרייך אין מלחמה, מיר דייטשען צוזאַמען מיט רוסלאַנד וועלן ניט לאָזן ענגלאַנד זאָל הערשן״... אַזוי טענה׳ט דער באַנדיט נאָכ׳ן מאָרד איבער פּוילן. און די שטאָט בערגען? וואָס קען זי טאָן, זי וויל בלייבן נייטראַל.

צוריק קיין ענגלאַנד (שיף־קראַנקהייט)

20 סעפּטעמבער. קוים זיך דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ אויף אַ קליינער נאָרוועגישער שיף. עס גלוסט זיך ניט פאַרלאָזן אַ נייטראַל לאַנד. דער נאָרוועגער, בעל־הבית פון מיין פּיצינקע דאָך־צימערל, ווינטשט מיר גליק. ער דריקט אויס באַדויערן צוליב מיין פאָרן אין אַ מלחמה־לאַנד.

די שיף ירית רירט אַרום 10.30 אָוונט מיט געפּאַקטע קאַיאָטעס ווי אין שטייגן, עס באַוויזן זיך נאָך דריי פּאַסאַזשירן אין מיין קאַיאָטע, צוויי יונגערע און איינער אַ עלטערער ענגלענדער מיט אינטעליגענטע פּנים־שטריכן וועלכער שטאַרט דורך ברילן אָבער ער זעט גאָרניט, אַ בלינ־דער.

דער בלינדער איז אַ אינטעליגענטן ענגליש דערציילט זיינע רייזע איינדרוקן. די שיף בויגט זיך און וואָרפט, די לופט אין צימערל איז שטיקנד, איינער נעמט קראַקען און שפּייען, די נאַכט ווי זי וואָלט געוואָלט מיינע שלייפן דערדריקן, כמעט יעדער אין מיין קאַיאָטע ראַנגלט זיך, וויל שטאַרק בלייבן.

21 סעפּטעמבער. דאָס קיילעכדיקע פענסטערל דערציילט פון אַ ניי־געבוירענעם פאַרטאָק. כ׳הער שוין ניט דאָס קרעכצן פון מיינע שכנים, כ׳האָב אַ געוואַלטיקן קאַמף צו פירן, אָדער מיר דאַכט אַז איך בין בלויז אַ צושויער, דער בויך וויל די קישקעס, דאָס גאַנצע איינגעווייד אַרויסטרייבן, יאָגט עס צום האַלז, און דער האַלז אויבן לאָזט ניט דורך, אַ געראנגל פון בייזע כוחות אין מיר, און איך האָב זיך דערשלעפּט צום קאָרידאָר, ליגענדיק אויף דער ערד ווער איך געטראָגן פון אינעווייניקסטן קאַמף.

לויפט דורך אַ ווינט איבער קאָרידאָרן, שיקט צו מיר זיין אָטעם, דאַכט זיך אַז עס ווערט מיר בעסער, לויפן דורך מענטשן, פאַרטשעפּן זיך אין מיינע אונבאַהאָלפענע הענט און פיס, כאַפּן זיי אַ בליק און גייען ווייטער. קומט אונטער אַ שיף־דינערין און שמייכלט ווייך און מוטערליך, לייגט אונטער אַ קישן צוקאָפּנס, פרעגט צי כ׳וויל אויסברעכן, אָדער גאָר

קייען אַ פּלעצל, און איך האָב צייט צו טראַכטן וועגן פּוילן און די אַנגע־שטרענגטע טעג און נעכט פון מיין וואַנדערן, איבער אייראָפּע.

עס ווערט ערגער, דער מאָגן נעמט זיך אָפּרייסן און לויפן צום האַלז, קיין עסן האָב איך ניט אויסצוברעכן. איך וויל אַלץ וויסן וואָר עס וועט אין מיר זיגן, ביז וואַנעט עס ווערט פּאַרט לייכטער, דער בויך הערט אויף צו שטורמען.

ניטאָ קיין מענטשן אויפ׳ן דעק, די שיף שניידט שטיקער ים מיט בייזקייט, אַלץ איז טונקל און שטורמדיק, דער הימל אויך אַזוי אָנגעכמו־רעט און טונקל, דאַכט זיך אַז הימל און וואַסער ווילן די שיף ניט דורכ־לאָזן, די כוואַליעס פאַרמעסטן זיך, ווילן זי איבערקערן.

דאָך ליגט אַ שטיק שיינקייט אין דער נאַטור שטרענגקייט, עפּעס אַ מין ווילדער טאַנץ, אַ שיכרות טאַנץ אויפ׳ן שויס פון טונקלען ים, כוואַליעס האָבן געפּאַקט מיט עפּעס אַרומצושפּילן...

די ערשטע און צווייטע קלאַס עס־סאַלאָנען זענען באַזעצט מיט פּאַ־סאַזשירן, אַלט און יונג קייט און אַרבעט מיט די מיילער, און אַט אַ זשו־מעריי איבערן קאָפּ, פּונקט איבער מיר אַ שוואַרצער „פויגל״ שמעקט אַרום די שיף פון אַלע זייטן און פליט אין אַ אומבאַשטימטער ריכטונג...

„איז דאָס אַ דייטשישער עראָפּלאַן?״ ווערט אַ געלויף צום קאַפּי־טאַן אויפ׳ן דעק, „ניט געוואָרפן קיין באָמבע ווייל דאָס איז אַ נאָרוועגי־שע שיף?״ זיי ווילן פון קאַפּיטאַן אַן ענטפער, ער קוקט נאָך דאָס שוואַר־צע פינטעלע און ענטפערט ניט. איך טראַכט בשעת מעשה: גאָרניט אַזוי שלעכט געווען ווען אַ באָמבע פאַלט גלייך ווו איך געפין מיר, ווייל דאָס גרויסע, דאָס שיינע וואָס מ׳רופט אַן לעבן וואַסער ווערט האָט עס, ווען פּוילן מאַטערט מיין געדאַנק און די קישקעס שפּאַרן זיך אויבן, כ׳פיל אַ גלייכגילטיקייט צום לעבן.

* * *

נאַכט. סאַלאָן ערשטע קלאַס איז באַזעצט מיט קנאַפּע צוויי צענדליק פּאַסאַזשירן וועלכע פילן זיך אויך ניט ווי אַמבעסטן, יעדער נעמט אַראָפּ־דערציילן ברעקלעך פון זיין לעבן צו זיין שכן.

אַ ברייט־ביינערדיקער אַמעריקאַנער נעגער וואָס לעבט עטליכע צענדליק יאָר אין פּאַריז, שמועסט מיט אַ כינעזישן סטודענט, אין אַ שלעכטן ענגליש, גיט ער איבער וועגן זיין מוזיק, און זשאַז־פּאַך, ווי ער האָט איצט געענדיקט זיין קאָנטראַקט אין אַ שוועדישער קאַפּע, ער מוז פּאָרן צו זיין אייגן הויז אונטער פּאַריז.

אַזוי ווי ער פילט זיך ניט גוט, געטרויעט ניט דאָס קאָכן אויף דער שיף, און ניט האָבנדיק קיין אַפּעטיט צום עסן, מאַכט ער דערווייל צו־רעכט אַ טוץ באַרנעס, מיט אַפריקאַנישן אימפּעט צעברעכט ער אַ 5־6

ריזיקע עפּל און פֿאַרבייסט מיט אַ 10־12 באַנאַנעס. ער טוט די אַרבעט ווי מיט פֿליכט, און אָפּקומעניש. זיפֿצט אונטער, און ציט אויס שווער די פֿיס.

דערציילט פֿון זיינע 50 יאָר לעבן פֿאַרפֿלאָכטן מיט פֿרייליכע קאַפּע־לידלעך און טענץ, און דער האַרער כינעזער הערט צו מיט אַזוי פֿיל ערנסט, עס ציט אים צום טונקל־הויטיקן, עפּעס איז ער אים נאָנט צווישן אַט די אַלע אייראָפּעער...

דער בלינדער פֿון מיין קאַיאָטע האַלט נעבן זיך אַ בלאָנד יונג מיידל מיט לאַנגע צעפּ, זי לייענט פֿאַר אים אַרויס פֿון אַ בוך, ער קאָמענטירט אַלע ווייַלע ווי אַ שול־לערער.

זיצן אַ גרופּע פֿראַנצויזן, וויצלען זיך איבער מלחמה, ברייַנגען אַריין מונטערקייט מיט זייער קלינגענדיקער שפּראַך, ווי צווישן די אַנעקדאָטן גיבן זיי אָנצוגעהערן אַז זיי געטרויען ניט צופֿיל די ענגלענ־דער „וועלכע ווילן אַלע מקריב זיין צוליב זייערע פּראָפֿיטן“ און „ווילן שיקן די פֿראַנצויזן אויפֿ׳ן ערשטן פֿייער“...

עטליכע אינטעליגענטע ענגלישע ביזנעס־לייט ווילן פֿון איינעם מיט אַ פּויליש אָדער רוסישן אַקצענט, אַ מענטשל פֿון אַ יאָר 50 מיט פֿלינקע האַלב נערוועזע באַוועגונגען, וואָס שטעלט זיך פֿאַר אַלס רעפּרעזענטאַנט פֿון אַ פֿירמע, פֿון אים ווילן זיי דערגיין דעם קאָנפֿליקט צוליב דאַנציג, אָבער ער וואַרפֿט זיך אויף איינעם מיט אַ אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט אַז „די אַמעריקאַנער זענען אַ בינטל שפּעקולאַנטן“ און די ענגלענדער הייסט ער שטודירן די מאַפּע וועלן זיי געפֿינען דאַנציג...

אַזוי ביז 11 אָוונט, עס טומלט און רוישט אין סאַלאָן. עטליכע דאַמען פּרובירן אַריינשטעקן די קעפּ, פֿאַרדרייען זיי מיט זייערע פֿאַרפּודערטע נעזער, כראָפּענדע מענער צעלייגן זיך און מאַכן ניט קיין פּלאַץ פֿאַר פֿרויען. אָבער דער נעגער שיינט איצט ווידער אַרויס מיט זיין אָבגעליאַ־קעוועטער נאָז און אויערן, דעם כינעזער לאָזט ער אויסהערן קאָמוניס־טישע פֿראַזן פֿון אַ פֿעטן ענגלישן קאָמוניסט (צו וועלכעס דער כינעזער שטימט צו, אָבער מיט אַ האַלב איראָניש פֿאַרבאַהאַלטן שמייכעלע), און ער ענדיקט צו אַ ביסל פֿרוכטן. סוחריש׳מעסיג פֿאַרבינדט ער די ליידי־קע קעסטעלעך, ליגענדיק נעמט ער גלאָצן מיט זיינע ווייסע אויג־אַפּלען צום סופֿיט און מאַטערט זיך מיט עפּל וועלכע שטעלן זיינע מידע ציין אַ ווידערשטאַנד.

דער בלינדער ווערט אַראָפּגעפֿירט פֿון זיין בלאָנדער באַהעלפֿערין צו זיך אין קאַיאָטע, מיט אים פֿאַרשווינדט זיין קליינער ראַדיאָ אַפּאַראַט, נייעס און מוזיק גייט אָפּ.

אַ פֿראַנצויז פֿאַרענדיקט זיין שמועס מיט בייזקייט אויף מלחמה פֿי־

רער: „קיינער פון די וועלט פירער וויל ניט מלחמה, און מלחמה איז פאַרט דאָ״...

* * *

אַרום האַלבער נאַכט אַ בליק אויבן פון דעק אַרום און אַרום אַ טונקל וואַסער וואַרפט און קורטשעט זיך ווי אַ בייזער וואָלף, ניטאָ קיין ענדע ים און אַנהויב הימל, איין טונקעלע ליידיקייט, ווערט באַגלייט פון עטליכע שטערנס פינקלדיקע פינטעלעך, זיי פירן די שיף פון אויבן, און אונטן פלאָנטערט זיך אַ שיף־מאַנשאַפט צווישן מאַשינען, די מאַנשאַפט פירט און סטאַרעט זיך די שיף פון חלל אַרויסשלעפן.

אין מלחמה לאנד אריין

22 סעפטעמבער. די מיטשלאָפער פון מיין קאַיאָטע וועקן זיך גאַנץ פרי איבער, זיי פרעגן צי מ׳זעט שוין ענגלאַנד. ביים דערזען לאַנד גייט דורך אַ פריידיקער ציטער איבער זייערע פנימער. זיי דערפילן אייגנס, ביי מיר איז עס ניטאָ. אַרום 8.30 פרי נאָכ׳ן פרישטיק שאַרט זיך די שיף צו ניוקאַסל. אַלע זענען אומגעדולדיק און אַ ביסל אומצופרידן מיט דעם גראָען פרימאָרגן, בלויז דער אַמעריקאַנער נעגער קייט פילאָזאָפיש־מע־סיק עפּל און באַנאַנעס, וואַרפט מיט הנאה די שאָלעכץ אין וואַסער אַריין און צעטיילט דאָס איבערבלייבעכץ צו עטליכע פראַנצויזן וועלכע באַ־לעקן זיך מיט צעקוועטשטע עפל און פלוימען, זיי דאַנקען, און ער פילט זיך געהויבן, אָט קען ער דינען די ווייסע...

באַלאַנען צעוואָרפן איבערן הימל, אַ גראָע שטאָט קוקט אַראָפּ האַלב פאַרשלאָפן פון דעכער און געזימסן, און מ׳איז אין ניוקאַסל פאַרט.

שיף און קאָנטראָליר־באַאַמטע, מיט ערנסטע פנימער זענען באַ־וואָפנט מיט קעסטעלעך (גאַז־מאַסקעס), זיי באַטראַכטן, פרעגן אויס יעדן מענטש לויט זיין פּאַפּירל און פאַספאָרט־נשמה, אפילו ענגלישע בירגער מוזן דורכגיין די צערעמאָניע, אָט פילט יעדער די ערנסטקייט פון אַריינפאָרן אין אַ מלחמה־לאַנד.

איך אָטעם אָפּ ווען כ׳ווער מער ניט אויפגעהאַלטן ווי 4־5 מינוט און מיין באַגאַזש ווערט צומאָל ניט געעפנט, מ׳גלויבט מיר אויפ׳ן וואָרט.

אַרום 11.45 פרי. דער צוג רירט און מ׳פילט זיך באַקוועם אין דער ענגלישער ווייכער באַן־אַטמאָספערע (מער ניט וואָס 37 שילינג ביז לאָנ־דאָן איז אַ ביסעלע האַרט צו באַצאָלן), און עס קומען אָן סאָלדאַטן און סאָלדאַטן, מ׳זעט שוין באַלד קיין ציווילן ניט אַרויס. נייע אוניפאָרמען און שטייפע שיך, אָבער מערקווירדיג, עס פאַרשווינדט די ענגלישע שטייפקייט, זיי דערציילן און וויצלען זיך, געווער, מכשירים און מאַרש־רוטן ווערן דיסקוטירט לויט אַלטע און נייע מעטאָדן, ווי פראָפעסיאָנעלע

זעלנער און רעקרוטן נעמען איבערגעבן איינדרוקן וועגן זייער באַקאַנט־שאַפט מיט דייטשן און זיי קומען צום הסכם אַז עס זענען דאָ אויך ווילע דייטשן...

איינער שוין 8 יאָר אין דער אַרמיי זאָגט שפּאַסיק: „כ'זאָל וויסן אַז מ'וועט מיר אין קורצן שיקן קיין פראַנקרייך קעמפן, קום איך איצט ניט צוריק פון מיין אורלויב"...

יונגע חברה פון לופט־אַפּטיילונג האַלטן זיך עטוואָס שטייפער, מ'דערקענט אַז זיי קומען פון האַלב בעסערע היימען און פּראָפעסיעס, זיי טראָגן די בלאָע אוניפאָרמען מיט אַ געווויסן שטאָלץ, דאָך ליגט אַ שטיק אַפּאַטיע אויף אַלע פנימער סאָלדאַטן, מ'זעט ווי מ'האָט שטילע נאַטורן צוזאַמענגעבראַכט צו אַ קאַמף צו וועלכן דער דורכשניטלעכער ענגליש־מאַן האָט זיך ניט פיזיש און ניט גייסטיק צוגעגרייט.

אין לאָנדאָן

אַרום 7.45 אָוונט קומען אָן באַלאָנען וועלכע שיינען קראַנק־זיל־בערדיק אין גראָען בין השמשות, עס קומען אָן פיל טונקעלע געביידעס און פאַבריק־קוימענס. אַלץ לויפט מיט צו אַ פינסטערע נאָרע, צו אַ דרי־זיקער הייל, וועלכע איז מיט קליינע גרינע לעמפלעך פאַנאַנדערגעשאָטן, דאָס האַרץ זיין דער וואָקזאַל, קינגס־קראָס. עס טומלט מיט פייפערייען און שוואַרצע רירעוודיקע מענטשן־פלעקן, יעדער פּלאָנטערט זיך אונ־טער דעם צווייטנס פיס, כ'הויב ניט אָן צו פאַרשטיין אַזאַ שפּיצל פון אָנטרייבן מענטשן צווישן לאָקאָמאָטיוון, און פאַרלעשן דאָס ליכט, ביז איך דערטאַפּ דעם דרויסן, און דעם וועג פאַרשטעלט מיר אַ שאָטן, אַ שטאָט מיט געביידעס, גאַסן און לאַמטערנעס האָט זיך אין אַ שאָטן פאַר־וואַנדלט!...

דראַפּן זיך שפּיציקע טורעמס, געביידעס כאַפּן זיך אַרויף אויף פרעמדע אַקסלען, אַלץ ציט אויס די העלזער, וויל דערזען אַ שטיקל הימל, און אונטן לויפן אַרום טונקעלע רירעוודיקייטן, זיי שטויסן, שטופּן און לויפן צו אָנקומענדע טונקעלע קאַסטנס אויף גאָמענע רעדער, אַזעלכע שלעפּעדיקע עגלות, כ'בין אַריין אין אַ טויטן־שטאָט. אַזוי פיל אייזערנע פּאָליציי־אישע היטלען מיט גאַז־פּעקלעך, אַלץ איז פאַרמאַכט, פאַרשטעלט און פאַרקלעפּט, צי דאַרפן דאָ באַנדיטן אָנקומען? די פאַנטאַזיע קען זיך אַזאַ אָנבליק פון אויסגעלאָשענער ציוויליזאַציע ניט פאַרשטעלן, מיר האָבט אַז די ליכטיקע שטעט פון שוועדן און נאָרוועגיע זענען אויסגע־טראַכטע, אָט דאָ מוז מען אָנטאַפּן די פינסטערעווירקלעכקייט...

לאָנדאָן (לאָנדאָן טאָג איין טאָג אויס 1939)

31 דעצעמבער, טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק, לאָנדאָן איז מיט פינסטערניש פאַרהאָנגען, די לעצטע שעה'ן שאַרן זיך איבער דעכער און ווענט, באַלד דאַרף אַ ניי יאָר אָנקומען, און איינעמען די ריזן שטאָט, און מעגליך אַז אָט טאָקי פונדאַנען פון פיקאַדילי און טראַפאַלגאַר סקווער, ווי טויזנטער מענטשן לאַכן און פרייען זיך, פאַרווילן זיך מיט די לעצטע ברעקלעך פון אַלטן יאָר, וועט זיך לאָנדאָן 1940 אויספּיקן.

* * *

ווער ווייס ווי לאַנג, ווער ווייס וויפל דורות, ווער ווייס וויפל שטאַמען אַזאַ לאַנד, אַזאַ שטאָט מיט שטעט, דאַרף זיך בויען און וואַקסן, אַריינעמען אין זיך, אַרומוויקלען, כדי צו ווערן אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַזוי ברייט, אַזוי צוזאַמען, און אַזוי באַזונדער, ווי די שטאָט לאָנדאָן, פון די ענגלענדער.

לאָנדאָן מאָנטיק אינדערפרי.

זונטיק איז לאָנדאָן כמעט ווי פאַרלאָזן, אויסער די „וועסט ענד" קאַפע און האָטעלן צענטער טרעפט מען ניט פיל מענטשן אין די גאַסן, די שטאָט איז ווי אָן אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ לעבט צווישן אייגענע פיר ווענט, אַלץ אַנטלויפט פון שטאָט, ווי באַלד ניט אויסער לאָנדאָן, איז ביי זיך אין געסל, ביי זיך אין גאָרטן.

מאָנטיק אינדערפרי, ווי פון דער טעמזע אַרויס וואַקסט אויס אַ לאַנגע בריק מיט'ן נאָמען „לאָנדאָן ברידזש", וועלכע לויפט מיט, מיט אַ שטראָם פון איילענדיקע הענט און פיס, וועלכעס נעמט אָן „אַ פאַרפלייצונגס־כאַראַקטער". דאָ אַרום דער „סיטי אָף לאָנדאָן" איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אַ מין וואונדערבאַרע גרויסשטאָטישע באַוועגונגס־סימפאָניע, אַ מין לויפענדער ראָד וועלכעס ציט אַריין מער און מער מענטשן אין געדריי ביז וואַנעט אַ נעץ פון זיך אָנשליסענדיקע רעדער וויקלען זיך פאַנאַנדער מיט איילענדיקע יאָגענדיקע מענטשן פּראָצעסיעס וועלכע עגבערן דורך אונטערערדישע דורכגענג מיט באַנען, גליטשן דורך שמאָלע און ברייטע גאַסן מיט טאָפּלטע אויטאָבוסן, און לויפן אויבן איבער דעכער און קעפּ, אין זיך טראָגענדיקע וואַגאָנען.

לאָנדאָן מאָנטיק פרי מיט צעעפנטע טירן, געשעפטן, פאַבריקן, בענק און ביוראָס, טראַמוואַיען און אויטאָבוסן, אויטאָמאָבילן, לאַסט־אויטאָס און וועגענער, אַלץ איינגעשפּאַנט אין געשפּאַן פון האַנדל, אַר־

בעט און פאַרפאַקונג, יעדער רירט מיט אַ פינגער און אַ גרויס, אַ ריזיק לעבן פון 8 מיליאָנען מענטשן, אין גאַנג!...

צום וואונדערבאַרסטן איז די לעבנס־סימפאָניע אין און אַרום „סיטי אָף לאָנדאָן", ווייל דער קאָנטראַסט פון אַ זונטיק פאַרלאָזענער בוכ־שטעבליך מענטשן אויסגעליידיקטער שטאָט טייל, ביז אַ מאָנטיק אינ־דערפרי באַלאַגערונגס־צושטאַנד, איז ווי פון אַ בית־עולם מיט „האַנדלס־מצבות" און אויפגעשטאַנענער „תחית המתים". עס קומט ממש פאַר ווי אַן אינוואַזיע פון לעבעדיק לעבן!

אַ חשוב׳ע טייל שטאָט איז די „סיטי", זי פאַרמאָגט אַן אַ שיעור בענק, ביוראָס, האַנדלס־הייזער, און קאָמפּאַניעס. דאָ קומען די סמעטע־נע פון לאָנדאָנער האַנדלס־וועלט, דאָ פאַרפאָרן אָנפירער פון אייראָפּע־אישע האַנדלס־פאַרבינדונגען, דאָ ליגט דער שליסל ניט נאָר פון „סיטי" וועלכעס ווערט איבערגעגעבן פון מאַיאָר צום קעניג אַלס ערלויבניש אהער אַריינצוקומען, דאָ ליגט דער שליסל פון ענגלישער אימפּעריאַלער האַנדלס־מאַכט, דאָ שטייט אין די באַרימטע קאַסע „באַנק אָף ענגלאַנד".

אַן אַ שיעור שמאָלע און נאָך שמעלערע פּאַסאַזשן און דורכגענג פאַרמאָגן די שמאָלע געדרייטע „סיטי" גאַסן, און קונציק האָבן זיך פאַר־שידענע קליינע און גרעסערע קירכעס באַוויזן צו צוטוליען צו די פאַר־שידענע געלט־נעסטן, ווי צו דערמאָנען אין „אַ יענער־וועלט" ווי מ׳קען קיין געלט ניט מיטנעמען...

פיינע אַלטע אַרכיטעקטור שניצערייען און מאָנומענטן און צווישן די אַלע געבעט הייזער און ביוראָס, ווי אַ מוטער קירכע, שטאַרצט אַרויס די מאַסיווע געביידע מיט איר קופּאָל די באַרימטע סאַן פּאָל קאַטעדראַ־לע, ווי ס׳קומען פאַר נאַציאָנאַלע צערעמאָניעס (אַנטהאַלט קברים פון באַרימטע פּערזענליכקייטן ווי לאָרד נעלסאָן א. אַ.)

כמעט ווי מיט „פליט סטריט", די גאַס פון בריטישן זשורנאַליזם, פונוואַנען אַ ים מיט טעגליכער שריפט ווערט יעדן באַגינען און אַ גאַנצן טאָג פאַנאַנדערגעגאָסן איבער לאָנדאָנער גאַסן אין פאָרם פון פרימאָרגן און נאָכמיטאָק צייטונגען, דאָ ניט ווייט פון שטילערן „סטראַנד" ווערט די „סיטי" פאַרענדיקט און עס קומט אָן די „וועסט ענד".

שטייט זיך אַ הויכער מאָנומענט און קוקט מיט איין אויג (נעלסאָן) צום זייגער פון דער פיין געשניצטער פאַרלאַמענט געביידע וועלכע טונקט די קנעכל אין דער טעמזע, וויס ניט צי ער דאַרף פאַרלאָזן טראַ־פאַלגאַר סקווער, זיך לאָזן צום טויער פון אַדמיראַליטעט־באַלקן גלייך צום קעניג׳ס פּאַלאַץ ווי די שייך־מונדירטע וואַך טוישט פלעצער, און זיך אַריינכאַפּן אין די ריזיק שיינע פאַרקן פון ביידע זייטן אָדער טאַקי אין „ווהייט־האָלל" באַזוכן דאָס מאַרינען־מיניסטעריום?

מעגליך אַז עס דאַרף פאַרקומען אַ קאָמוניסטישער מיטינג און

מ׳ווּעט הערן קריטיק קעגן דער היינטיקער ענגלישער הערשאַפט ?

אָבער בעסער כאַפּן אַ בליק צום דערבייאיקן פּיקאַדילי געגנט וועל־כער איז ווי פון הימל אַראָפּ אַזוי פאַרשידענאַרטיק, אַנציענד, קאָמביּנירט און פילפאַרביק צוזאַמענגעשטעלט מיט אַזוי פיל טעאַטערן און סינעמאַס ווי טויזענטער פיין געקליידעטע הערן און דאַמען פאַרפאַרן פון אַלע שיינע שטיל לופטיקע געגנטן ווי קענזינגטאָן, מייפעיר און בעלגראַוויאַ, און פון פּראָווינצן.

עס רוישט און טומלט אין פּיקאַדילי געגנט אַ גאַנצן טאָג, דאָ האַנדלט מען צוביסלעך, מ׳טוט נאָך די באַרימטע האַנדלס־גאַסן אָקס־פאָרד סטריט, רידזשענט סטריט און אַריסטאָקראַטישער באָנד סטריט, און דאָ רוישט און טומלט נאָך מער, פאַרנאַכט און ביינאַכט. דאָ שטייען פיין אָנגעטועטע פרויען אין ווינקלען און וואַרטן מ׳זאָל קויפן ביי זיי „לי־בע״, דאָ ווערט סערווירט פאַרוויילונג און מוזיק, שמייכל און חניפה, זנות און איבערגעפרעסנקייט, נערוועזיטעט און מידקייט, אַלץ ווערט דאָ פיין־מעסיק צוגעשניטן און צוגעטראָגן צו הויכע פרייזן ווי ס׳פּאַסט פאַר חשוב׳ע ענגלישע און אַלערליי אויסלענדישע הערן און דאַמען וועלכע פאַרברייינגען אין פּיקאַדילי געגנט, האָטעלן, קאַפע־הייזער און רעסטאָ־ראַנען.

ברעקלעך דראַמע, פּיצלעך קאָנפליקטן פון „ער״ און „זי״ קומען זען אַריסטאָקראַטישע אָנגעשמירטע מאַנאַקאַל־דאַמען און אַזוי דזשענ־טעלמעניש־מאַנירליכע הערן. מיטל־קלאַס און ביורא־מענטשן וואַרטן שעה׳ן לאַנג צו קריגן ביליקערע פּלעצער. פּיקאַדילי געגנט שטעלט צו געננוג אַזעלכע „דראַמאַטישע איבערלעבונגען״, וועלכע פעלן אָפטמאָל אויס אין דער ענגלישער פּרעסע ווייל ניט יעדער לאָרד, און ניט יעדער גרויסער ביזנעסמאַן, גליטשט זיך אויס מיט פּיקאַנטע ליבע אומפּאַרזיכ־טיקייט, אַז די צייטונגען זאָלן עס מיט פעטער שריפט צוטראָגן די שטיל־איינגעהאַלטענע ענגלענדער אַ מתנה...

טשעלסי און בלומסבורי

צוויי געגנטן וועלכע דערמאָנען צוביסלעך אין פאַריזער סאַן מישעל, און מאָנפּאַרנאַס, אָבער טשעלסי באַווייזט זיך ניט אַזוי אָפן מיט אירע מאָלערישע און שרייבערישע געשפּרעכן, הגם פיל הייזער אין דעם געגנט דערציילן אַז דאָ וווינען און אַרבעטן קינסטלער. דאָ פעלט דער גלאַנץ פון די פאַריזער ברייטע בולוואַרן און קאַפעען. פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל זענען פיל פון די לאָנדאָנער קינסטלער מאָלער און פּאָעטן. אין פּריוואַטע ענגע קרייזן פּראָוון זיי פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען, ווי עס דערגייט אָפטמאָל צו נאַריש לעכערליכער האַלטונג, סיי אין עראָטישן

זיך, אָדער „פרייע מאַניערן", עס איז ניט קיין נאַטירליך פרייע האַלטונג, פון די „באָהעמיע־טיפּן".

בלומסבורי געסלעך און סקווערן זענען אייגנאַרטיק און טיילווייז מאָנאָטאָן. דאָ גרופּירט זיך דער שטודירענדער עולם און אָנהויבנדיק מיט דעם וועלט באַרימטן בריטיש מוזעאום, איז וויסן און שטודיום צו־שפּרייט איבער צענדליקער גאַסן און געסלעך פון דעם געגנט.

אַ פיינע נייע אוניווערסיטעט געביידע מיט פיל אַנדערע סטודענטן פונקטן אַרום גאַוער סטריט, דאָ טרעפט מען פיל קאָלירטע יונגעלייט, דאָ הערשט ניט קיין ווייסע הויט העכערקייט ווי אין אַנדערע בעל־הבתישע צענטרען פון לאָנדאָן וועלכע פאַרדינגען ניט קיין צימערן צו טונקל־הויטיקע...

ראַדיקאַלן, גאָר לינקע, טרעפט מען אין דעם געגנט פון בלומסבורי. ענגלישע יונגעלייט און מיידלעך פון וואַרימע היימען וועלכע ווילן עפּעס טאָן פאַר די אַרבעטער־מאַסן, ווילן העלפן די אַרבעטער זיך באַפרייען פון דער קאַפּיטאַליסטיש אומגערעכטער אָרדנונג. טייל בעל־הבתישע זונדלעך און טעכטערלעך מיט „ניו סטייטסמען" און „טיימס" אונטערן אָרעם, מיינען קאָמוניזם און ראַדיקאַליזם צוליב מאָדע און אינטערעס, און טייל טאַקי גאָר ערנסט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסקויפן די זינד פון זייערע רייכע טאַטעס, ביי וועלכע זיי נעמען נאָך דערוויל אויף עסן, און קליידונג, אַחוץ אַנדערע אויסגאַבן...

* * *

פאַרשידענע אַרבעטער געגנטן ווי צענדליקער שמאָלע און ברייטע גאַסן, הונדערטער געסלעך מיט טונקעלע אין רייען אויסגעשטעלטע הייזער, איבער וועלכע מ'איז דורכגעפלויגן מיט „אַ זעג" אָדער „מעסער־עראָפּלאַן" און אַלע אָפּגעשניטן, און צוגעשניטן אויף גלייך ווי מ'שניידט צו בוימעלעך אָדער פלאַנצן אין אַ גאָרטן, בלויז די פאַבריק־קוימענס ניט געעירט. איינצעלנע מאָנומענטן, אָדער פרישע מוניציפּאַליטעט געביי־דעס, מיט פיין איינגעריכטע ביבליאָטעקן, בעדער און שווים פּלעצער, די שיינען אַרויס, אַחוץ די סינעמאַ־געביידעס אין האַנדלס־צענטער פון יעדן געגנט. דאָס שטעלט מיט זיך פאַר: סטעפּני, העקני, בערמאָנדזי און פּאָפּלאַר, ווי די אַרבעטער מענער און פרויען, דאָס לאָנדאָנער פאָלק, שאַפט און אַרבעט. די פנימער זענען ענליך צו אַרבעטער פנימער פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע אַרבעטס־צענטרען. עס פעלט ניט קיין מיסט, רויך און ענגשאַפט, אָבער גאַנץ ריין אין די וווינונגען, מיט מער באַקוועמליכקייטן ווי אין פאַריזער אַרבעטער וווינונגען.

אַחוץ די סינעמאַס וועלכע ווייזן אַמעריקאַנער ליבע־פילמען, איז די האַלב טונקעלע פאַרמאַכטע שענק דעם אַרבעטער'ס רו און שפּיל פּלאַץ, אָדער גאָר ווען אַ לאָרד אָדער דער קעניג באַזוכט דעם געגנט, אַלס אַ

אַנדענקונגס־טאָג. ניט קיין קליינע ראָלע שפּילט אין אַרבעטער לעבן ווי אין בירגערליכן לעבן די פאַרשידענע הינט און פערד געיעגן, אַזוי גוט ווי די פוטבאָל מאַטשן, דער לאָנדאָנער הערט זיך צו צום ראַדיאָ ביים ברענענדיקן קאַמין.

איז וואָס אַרט עס, אויב דער לאָנדאָנער לעבט זיך ניט אויס אין גאַס, אָדער אין אָפענע קאַפע פלעצער ? טאַקי וועניקער טומל, ווער עס פאַר־ליידט דאָס ניט, און וועניקער עפנטליכע צוזאַמענקומען, און וועניקער אויבערפלעכליכע קאָנטשאַפט. צו שליסן באַקאַנטשאַפט דאַרף מען אין לאָנדאָן פאַרשטעלן, מ׳דאַרף רעקאָמענדירן... קיינער וועט ניט שטערן ווען מ׳וועט שפּאַצירן אַליין צווישן 8 מיליאָן מענטשן, און קיינער וועט ניט פאַרטשעפּן, איבערייסן די געדאַנקען, ווען מ׳זיצט אין רעסטאָראַן, אָדער אין אויטאָבוס. קיינער וועט ניט איבערכאַפּן די מאָס ביים שטעלן פראַגן, אָדער ביים געבן ענטפערס. אין לאָנדאָן קען זיך יעדער „באַכקוקן זיינע ביזנעס".

און אפשר בעסער אַזוי ווען יעדער מענטש איז אַ באַזונדערע וועלט, מיט אַ באַזונדער איינגאַנג צו אַ פראָנטאָוער טיר, ווי לאָנדאָן איז צוזאַ־מענגעשטעלט ? קען דען לאָנדאָן זיין פּאַריז, האָבן דען פראָנצויזן לאָנדאָן געבויעט, אָדער לאָנדאָן באַהערשט ? פאַרוואָס ניט קומען פון פּאַריז זיך דאָ אויסרוען די נערוועז, אַזוי גוט ווי ענגלענדער פאָרן קיין פּאַריז שפּאַ־צירן, און זיך פאַרטומלען ?

* * *

אין אַ ווינטער פרימאָרגן וויל אַמאָל לאָנדאָן אָפּטאָן אַ שפּיצל אירע איינוווינער, זי לאָזט זיי ביינאַכט גיין שלאָפן אין אַ שטאָט, און אויפ־כאַפּנדיק דערטאַפּן זיי ניט קיין טאָג און ניט קיין גאַס, לאָנדאָן האָט זיך מיט פאָגע אַרומגעוויקלט און גיי אונטערשייד דאַונינג סטריט פון ווייט־שעפּל.

ווען מענטשן שאַרן זיך צו „ביינאַכטיקע" אויטאָבוסן, רייבן די אויגן צו דערזען איינער דעם צווייטן ביי שוואַך קרענקליכע עלעקטרישע לאָמפּן, דאַן, ווען דער לאָנדאָנער נעמט פּאַראיבל האָבן אויף אין האַלז ביטערער שטאָט־לאָנדאָן, נעמט גאַס נאָך גאַס אַנטפלעקן שטיקער פון לאָנדאָנס גרויס און פאַרנעם. רעקלאַמע נאָך רעקלאַמע נעמען מיט פייער שריפט און צייכנונג דערציילן פון לאָנדאָנס מאָדערנע איינריכ־טונגען, באַקוועמליכקייטן און פיינע סחורות, בריקן און בריקן, אַ וועלט מיט שפּייכלערס, הויבערס און אַנלאָדנער, לאָנדאָנער פאַרט מיט שיפן און שיפלעך, וואָסער טעמזע פירט און צעפירט, ברייגנט און שטעלט צו, צו וועלט און לאָנדאָנער גאַסן.

שטיל ביט באַרימעריש ווערט פּילפאַרביקע שטאָל און אייזן פּיל־שטאָטיקע שטאָט אַנטפּלעקט אַ מאַניפעסטאַציע מיט אומצאָליקע מאָנו־מענטן און קירכעס, און אַ קראַנץ פון פּראַכטפולע פּאַרקן און סקווערן, גערטנער און גרינס, אַ שטאָט מיט אַ אייגנאַרטיקן ריטם, פון לאָנדאָן־סימפאָני.

2

3 סעפּטעמבער 1939 האָט איינער מיט אַ נאָמען נעוויל טשאָמבער־לייַן (פּרעמיער מיניסטער) ערקלערט פון לאָנדאָן, דאָס די שטאָט איז אין מלחמה באַציאונגען מיט בערלין, און לאָנדאָן נעמט זיך עטוואָס ענ־דערן !... די „טאַוער ברידזש" וועלכע וויל כסדר איבערפליען די לענג פון דער טעמזע בלייבט אויפ׳ן זעלבן אָרט, קיין שום גאָס אָדער גאָרטן וועט ניט אַנטלויפן פון לאָנדאָן צוליב מלחמה, בלויז צייטונגען נעמען רעדן מיט מער אימפּעט, זיי די לאָנדאָנער בלעטער וואַרטן אַז בערלין זאָל זיך אָנלייענען מיט אירע אַראָפּגעוואָרפענע פלוג־בלעטלעך און אונ־טערגעבן, און לאָנדאָנער רעקלאַמע וועגט און פענסטער האָבן צוגע־קריגן נייע לאָזונגען וועלכע האָבן ניט צו טאָן מיט אַ קליינע אָדער גרע־סערער צייַן־פּודער פירמע נאָר טאַקי מיט דער גרעסטער אימפּעריע־פירמע פון דער וועלט, די ענגלישע רעגירונג זאָגט : „דיין קוראַזש, דיין מוטיקייט וועט אונז ברייַנגען זיג".

ליגט דען ניט אַ שטיק אמת אין די ווערטער ? (ווי אַזוי מ׳זאָל זיי וועלן אויסטייטשן...)

קאַרטאָנען קעגן גאַזי־באַרבאַריי. עס זעט אויס אַז די בירגערליכע לאָנדאָנער צייטונגס־וועלט נעמט אויפהערן חנפה׳נען די מלוכה־פירער פון בערלין, מ׳נעמט אַלץ מער אָנרופן ביי די אמת׳ע נעמען, לאָנדאָן נעמט בייז ווערן.

זאַמד זעקלעך און לאַטעס אַרום שוי־פענסטער פון שיינע העמדער און קראַוואַטן, און אַרום מלוכה־געביידעס, רייסן זיך פּיל־שפּראָצנדיקע גראָזן דורך פינסטער צענויפגעפּרעסטע זאַק־פּאַנצערס, באַטור־לעבנס שרייען אַרויס, ווילן צוריק אין פעלד, אין גאָרטן גיין, אָבער אַזוי פיל מלחמה־פּאָליציאַנטן אין אַלע ראָגעס, אַזוי פיל מענטשן מיט פאַרשידענע בוכשטאַבן וואָס טראָגן אייזערנע היטלען און פעקלעך מיט גאַז־מאַסקע באַוואָרענישן, איז ווי קענען ערד און גראָזן, נעמען אַנטלויפן, כאַפּן זיי דערווייל אַ בליק צו גאָס ווי עס מאַרשירן דורך יונ־גע חברה אין מיליטערישע קליידער און מיידלעך מיט שטייפע רעקלעך און היטלען מיט לאַנגע הויזן און גרויסע שפּריזן, מיידלעך וועלכע ווילן בלויז איבערלאָזן שמינקע און פּודער און הויכע אָפּצאָסן, פון זייער מילד ווייבערישקייט, מיידלעך וועלכע שטאָלצירן מיט פאַרבאַהאַלטן זייערע

קערפּערליכע פּרויען־טיילן, אָדער גאָר אַזעלכע וועלכע האָפן מ׳זאָל זיי איצט בעסער דערזען...

„ביזנעס עז יוזשל". קלענערע און גרעסערע אויפשריפטן פון שענקען, לאָמבאַרד־טירן, צוגלייך ווי ביי קליידער און שיך געשעפטן, מיט פּאַסן פּאַפּיר אַרומגעקלעפּטע אַרומבאַנדאַזשירטע שויבן ווי געקומענע פון שפּיטאָלן אָדער שלאַכטפעלדער, מיט באַנדאַזשן און זאַמד־קאַמפּרעסן, אָבער אַלע מיט איין קול: אונז איז גאַרניט, מיר האַנדלען, און ווילן געלט פאַרדינען, מיר מוזן אַנגיין, ווייל דאָס איז דער פּולס פון אונזער זיין, „ביזנעס עז יוזשל"...

אָקטאָבער טעג. נאָכדעם ווי היטלער׳ס נאַצי־יונגען האָבן מערדערליך צעשמעטערט האַלב פּוילן, נאָכדעם ווי די שטאָט וואַרשע האָט העלדיש געקעמפט און געמוזט זיך אונטערגעבן מיט טויטע גאַסן און פאַרוואונדעטע, נאָכדעם האָט היטלער גערעדט צו זיין „רייכסטאַג", און פאָרגעשלאָגן דאָס לאָנדאָן זאָל מאַכן שלום!...

טשאַמבערליין ענטפערט פון לאָנדאָן: ניין! לאָנדאָן גייט אָן מיט מלחמה צוגרייטונגען און לאָנדאָנער גאַסן ווערן באַהערשט פון לבנה־נעכט, מיט אַ נאָמען „בלעק־אויט", אויסגעשוואַרצט...

שטעלט זיך אַ לבנה אַוועק גאַנץ אויבן איבער דעכער, און קוקט אַריין אין שטאָט. חוצפּה׳דיק אין מיטן וועג, צעשיקט טויזנטער פּיצינקע אויגן איבער גאַסן און געסלעך ווי די הייזער שאַרן זיך צענויף, האָבן אַ ביסל מורא, מאַכן וועג זי זאָל קענען דורכמאַרשירן, אָבער לבנה טוט זיי גאָרניט, אדרבה, וויל שליסן פריינדשאַפט, בעטן זיך הייזער איבער, גלייכן אויס העלזער און רוקנס, באַווייזן זייערע געטאָקטע קעפּ שניצערייען אין אַלערליי פּראַכטפולע פאָרמען שפּיצן, טורעמס און קופּאָלן וואַקסן אויס אַלץ העכער, און ווי זיי וואָלטן זיך גענומען שטיל סודות איבערגעבן פון די שטילערע דעכער אונטער וועלכע עס לעבן רואיקע מענטשן.

לאַנגע ראָמאַנטישע פאַרנאַכטן, סודות׳פולע נעכט מיט אָן אַ שיעור פאַנטאַזיע שיינקייטן איינגעוויקלט אין אַ מין וואַרטן און האַלב שרעק ווען לבנה איז די הערשערין איבער לאָנדאָן.

* * *

קומען אָן פינסטערע אָקטאָבער און נאָוועמבער־נעכט, פון אונטן ביז גאַנץ אויבן שטייט אַ שטיק פינסטערניש ניט נאָר וואָס מ׳קען זי אָנטאָפּן, מ׳איז איינגעוואַקסן, אַליין אַ טייל פון דער שוואַרצער אומענדליכקייט.

גאָר שנעל שאַרן זיך דורך בלייערנע טעג, בעמען מיט די קרענקליך בלאַסע עלעקטרישע באַלייכטונגען און שמירן אַלץ אָפּ אויף שוואַרץ.

אַרום 6־7 אָוונט ווערט אַ געדראַנג פון שוואַרץ באַוועגליכע פלעקן, זיי פאַרלאָזן געביידעס וועלכע זען אויס ווי לעבערדיקע סוכות, פון וועל־כע עס רייסט זיך דורך שטראַלן ליכט. מענטשן איילן צו זיך אַהיים. מענער און פרויען, יונג און אַלט. די יונגערע מיט קוויטשערייען און געלעכטער, און עלטערע איינגעקורטשעט מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט, אַלץ וואַרט קופּעס־וויַיז ביי פאַרשידענע גאַסן־פּונקטן, ווי עס באַווייזן זיך קריכנדיקע אויטאָבוסן, וועלכע זען אויס ווי אַלטע פאַר־זשאַווערטע קאַסטנס, וועגענער אָן פערד, פאַרמאָגן פיצינקע פייערלעך אויגן מיט וועלכע זיי זשמורען און טאַפּן ווי אַלטע קעץ, זיי נעמען אויף, אָדער די שאָטן־מענטשעלעך שטופּן זיך אַריין, וואַרפן זיך ווי ווילדע חיות צו פאַרצוקן אַ שטיק איבערגעבליבענע ציוויליזאַציע אין פינסטערן דזשונגל אַרום.

אין די מער רייכע גאַסן זען זיך אָן מער ליכט צייכנס, מער מענטשן וועלכע פּלאָנטערן זיך אין אַ ווילדן פינסטערן וואַלד מיט סלופּעס און לאַמטערנעס אַלס בוימער און יעדעס מאָל ביים דורכשפּרייזן די גאַס לויפן אָן אויטאָמאָבילן מיט שפּיצינקע אויגעלעך, זיי ווילן די מענטשע־לעך אַריינכאַפּן, אַ מין שפּיל צווישן גרעסערע און קלענערע חיות אין אַ פינסטער אויסגעלאָשענער שטאָט ווי דער הימל איז פאַרקליידט אין שוואַרצן און די לבנה האָט ערגעץ ווו אַ ראַנדעוווּ מיט אַ בחור.

פיל פּראָסטיטוטקעס וואַקסן אויס ווי פּלעדערמייז אין דער פינס־טער, זיי רופן און פּסיקען, שעמען זיך ניט מער מיט זייער פינסטערער אויפגאַבע, לאָנדאָן אין פינסטערע נעכט איז אויך פול מיט צויבער און פאַנטאַזיע, אָבער מיט פיל שרעק און פּחד.

* * *

זאַמלען זיך מער און מער מענטשן צו פּיקאַדילי, טויזענטער יונגע־לייט און מיידלעך שטראָמען פון אַלע זייטן, טויזענטער סאָלדאַטן לאַכן האַלב שיכור, מיט שרעקעוודיקן געלעכטער, מ׳שרעקט זיך פאַר דעם מאָרגן, פאַר די נאָענטסטע שעה׳ן, ווער ווייס וואָס 1940 וועט פון 1939 איבערנעמען און דערפירן.

מ׳טאַנצט, מ׳נעמט זיך אַרום. שענקען לאָזן אַריין און אַרויס גאַר־געלדיקע מענער און פרויען שטימעס וועלכע פאַרגיין אין אַ טאָן פון געוויינעריי און הילפסלאָזיקייט־לידער, פּראָסטיטוטקעס זוכן זייער פּרנסה אין האַלב ווילדן געפילדער, און פּאָליציי וואַכט איבער דאָס פרייליכע געמויזעכץ, וועלכעס מ׳דאַרף לאָזן איינמאָל אין יאָר עפּנטליך זיך אויסלעבן.

דער הימל פאַרעקשנט איבערגעוואָרפן מיט אַ שוואַרצע פּעלערינע וויל ניט אַראָפּקוקן אונטן, אפילו די לבנה און שטערנס ערגעץ פאַר־

שיקט, פאַרשווונדן אַלע פייער רעקלאַמעס, ביטאַ דער עלעקטרישער רייץ ווי מיט עטליכע מאָנאַטן צוריק אין פּיקאַדילי.

פון זייטיקע אַלטע מלוכה־געביידעס און קירכעס, קומען אָן ווי מיט שווערע טריט הייזעריקע קלאַנגען, ווי פון אַ ווייטן טויזנט יעריקן וואַלד, פון פּראָצעסיעס און קאַמפן וועלכע זענען אין געשיכטע פאַרפלאָכטן און פאַרוויקלט מיט זון אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען צווישן אַלערליי ראַסן און פעלקער אין שטעט און אין דערפער וועלכע האָבן די זייגער קלאַנגען אַלס צייט צעטיילונג מיט אַ ירושה־שנור פאַרבונדן און אַזוי מיט אַלטע טריט ציילט פּיקאַדילי אָפּ איינס, צוויי, דריי, פיר, ביז צוועלף — אָפּגעהאַקט! אַ נייַ יאָר איז געבוירן!

ניט אַלע אָפּענע מיילער, און קינדעריש זוכנדיקע אויגן, דערהערן דאָס נייַע יאָר, אייניציקע דערפילן און שיקן עס איבער צו אַנדערע, מאַן און פרוי נעמען זיך טוליען, וויינענדיקע קלאַנגען און קוויטשערייען הילכן אָפּ אין אַ מין געבעט און פאַרצווייפלונג: אַ קאַפּיטשקע פרייד, אַ ביסעלע צוזאַמענקום און גאַסן־פרייד, אַ ביסעלע שיכרות און טענץ ווילן מענטשן־קינדער, אַ ביסעלע פאַרגעסן טאָג־טעגליכקייט. אָבער דאָס נייַע יאָר 1940 ווי דאָס פריערדיקע, האָט קיין צייט ניט, מיט שפּרייזן טריט איבער קעפּ און דעכער, טרייבט, יאָגט צו אַ מאָרגן פול מיט אַרבעט, שווייס, שרעק, בענקשאַפט און זאָרגן: קינדער, איינגעשפּאַנט אייך אין אייער ציוויליזאַציע־שפּאַן, נעכטען בויען, היינט צעשטערן, נעכטן האָפן, היינט זיך שרעקן, אַ יאָר ווי אַלע אַנדערע צווישן די אויסגעקליבענע יאָרן, וועלכע קינדס־קינדער האַרפן לערנען און געדענקען, אפשר וועט אין אַ יאָר אַרום שוין אַ הימל, אַ לבנה און שטערן אין אייער שמחה אַנטייל נעמען, אפשר וועט איר פאַר׳ן נייַען יאָר זיך ניט שרעקן און אפשר אין ווילדן שיכרות ניט וועלן אַנטלויפן ווייל 365 טעג און נעכט קענען מענטשן קינדער עפּעס לערנען ווי אַזוי וויסנשאַפט און טעכניק, ליכט און פרייד אין אַ געזונט ציוויליזירט לעבן אויסשמידן, ניט קיין דרעסירטע ליכט און פינסטערניש ציוויליזאַציע פון שקלאַפן, געבויעט אויף אַ יאָר שלום און אַ יאָר מלחמה, נאָר אַ מענטשליכע, פון אַ העכער פריידיק לעבן פון ריינעם געזאַנג און ברודערליכקייט.

* * *

ביסלעכווייז ווערט גאַס און סקוועראייַנגעשטילט, רירעוודיקע שאָטנס פאַרשווינדן צוזייטיקע גאַסן ווי אויטאָבוסן צעפירן האַלב אָפּגעריסענע קוויטשערייען און מידע אויגן צו אַלע טיילן לאָנדאָן, צעוואַרפן זיי איבער גאַס און געסלעך ווי שטילע געביידעס מיט שלאָפנדע און האַלב וואַכנדע טאַטע מאַמעס וואַרטן אָפּ זין און טעכטער. ז

שטיל, גאָר שטיל נעמט ערשטע 1940 נאַכט, איין לאָנדאָן, צעלייגט

זיך איבער ברייט און לענג, זייגער קלאַנגען פירן אַריין אַ נייעם פרי־מאָרגן, לאָנדאָן פון פּראַצע און האָרעוואַניע נעמט זיך אויפרייסן פון שלאָף. אָדערדיקע הענט נעמען טאַפּן און אַרויפשלעפּן זייערע גראָע אַרבעטס־קליידער, שאַרן זיך שטיל פון שטוב אַרויס, ניט איבערוועקן ווייב און טאָכטער, זיי די ערשטע פון לאָנדאָנער פאַבריק, ווילן דעם פרימאָרגן פאַרלויפן, פריער קומען צו דער אַרבעט, איידער די זון אויבן האָט צייט זיך אָנצוטאָן.

דער טאָג, אַ פרימאָרגן מיט זיין געוויינליכן גוט־מאָרגן קומט אָן דאָס יאָר 1940 איז אין שפּאַן!

לאנדאנער פראנט (לאָנדאָן טאָג איין, טאָג אויס, 1940־41)

יוני 1940, שטיל אין לאָנדאָנער פּאַרקן לאַנד. דאָס „בינטל" באָטאַ־נישע „קיו־גאַרדנס" וואַרטן מ'זאָל די וווּנדערבאַרע בלומען און פלאַנצן, די וועלט פון אַלע ראַסן געוויקסן, באַזוכן. הייד־פּאַרק גענעצט און וואַרט מ'זאָל די לעצטע געשעענישן קאָמענטירן און דער קלענערער „סט. דזשיימס פּאַרק" וויל דווקא וויסן וואָס עס טוט זיך אין מלוכה'שע געביי־דעס, הייזער וועלכע זענען אויסגעפּלאַכטן און אויסגעקנאָטן אין דראַבנע שפּיציקע שניצערייען ווייס־גראָ טובלנדיק זיך אין אַ ים פון זו־נען־שטראַלן, אַרומגעצוימטע מיט שטעכיק דראָט, מ'טאָר ניט צוקומען.

„רידזשענטס פּאַרק" אין וועלכן די פיר־פיסיקע חיה וועלט האָט געדונגען האָטעלן, איז אויך ניט רויִק, די זאַלאָגישע איינוווינער ציי־לען די טעג ביז זונטיק ווען קליינשטעטלדיקע און דאָרפישע מענטשן וועלן קומען זיך מיט זיי אַרומכאַפּן, דערווייל ציען זיי זיך אויס פויל און רעדן צווישן זיך וועגן מענטשליכע חיה־קאַמפן.

שוואַנען מיט לאַנג מאַיעסטעטישע ווייסע זילבער־העלזער שפּאַ־צירן אַזוי מיט חשיבות איבערן קליינעם וואַסער, גראָז, ווערימלעך און פויגל מיט די אַלטע פאַר־מלחמה'דיקע „צוויץ־צוויץ" לידער, און יונגע לופטיקע מיידלעך פירן שיינע געפּיעשטשעטע הינט, צו וועלכע זיי רעדן אַזוי ווייכינקע סאַמעט ווי נאָר ענגלישע פיין־ערצויגענע מיטל־קלאַס קינדער זענען פעהיק מיט פיינער איינגעהאַלטענער פריינדליכקייט און טאַקט.

אָט ווייכינקע טריטעלעך פון באַיאָרטע ווייבעלעך מיט גראָע האָר, אויף דינינקע פיסעלעך מיט שפּיצינקע בעקעלעך, האַלב־קלוגע און ער־פאַרענע אויגעלעך, זיי פירן זיך מיט הינטעלעך פון אַלערליי פאַרבן און הינטישע געזיכטער, דער קאָליר און פאַרב פון זייערע קליידער און האָנט בייטלעך פּאַסן ניט צו הינטישע פעלכלעך פאַרבן, ווי ביי די יונ־גערע פריילינס, זיי שוועבן דורך „רידזשענטס־פּאַרק" און „קענזינגטאָן

פאַרק״ מיט הנאה און זיסלעכקייט, רעדן ביט ווי פריינד צו זייערע הינט, נאַר טאַקי ווי צו קליינע קינדער און אייניקלעך, און ווילן כאַטש דאָס אַ אומבאַקאַנטער דורכגייער זאָל אויך צוהאָרכן אַ זיסן שמייכל צו אַזאַ אייניקל...

אויך פאַרזויערטע מוידן מיט קנאַכיקע פּנימער און האַלב שפּיציקע בליקן איינגעטונקט אין פּודער, די פרייליינס אויף הויכע האַרטע פּיס, פירן זיך מיט קליינע גראָבע הינטלעך, רעדן צו זיי שטילינקע, רופן זיי: „מזיי בחור״, „מיין זיסקייט״ און פון די הינטישע פּנימער קען מען אָנזען אַזאַ ביטערן רחמנות אויף זייערע האַרנטעס און אויף זיך זעלבסט, ביי־דע געניסן ניט קיין פרייהייט...

„העמפּסטעד־היטה״ ווידער, דאָ האָבן זיך בוים און לאָנקע, בערגל און גראָז, אין געיעג פאַרפלאָכטן, דאָ איבער שטאָטישע קוימענס און איבער גאָסן־אַספאַלט, זיך פאַרגלוסט אין יאָגעלעך צו שפּילן, אַרומגע־מען און שטיפן, פאַרבאַהאַלטן זיך, די זון אין פינסטערע קוסטעס אַריינ־נאַרן, יונגלעריש אָן שום לאָנדאָנער ערנסטקייט אָדער בעל־הבתישער פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווילד און צאַפּלדיק גראָזן און בוימער איבער פעלדער אַקסלען פאַרוואָרפן און מ׳לאַכט פון דער אַט נידעריקער שטאָט וועלכע יאָגט זיך מיט אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן דעם שטויב אין מויל אַריינבאַפּן און דעם קאָפּ מיט טומל פון אייזן שטאָל און האַמער צו פאַר־הילכן.

ניין, העמפּסטעד היטה וויל אין שטאָט ניט אַריינקריכן, אַרט ניט וואָס מענטשן מיידן אויס אין אַ וואָכן טאָג, קענען פון פאַבריק און קראָם קיין שעה ניט אָפּרייסן, וואַרט אויף זונטיקן און ספּעציעלע יום־טובים ווען יונג און אַלט, טאַטע מאַמע און קינדער וועלן אין שויס פון אירע ווייכע גראָזן מיט נאַטור שפּילעוודיקייט זיך באַהעפטן, קינדעריש און מיט נאַטירליכע באַקן שמייכלען און לונגען מיט עמערס לופט אָנפּילן.

האָבן זיך אַריינגעצויגן באַלאָנען.

גרויסע אומבאַהאָלפענע ווייס זילבערדיקע אָן פיסיקע העלפאַנטן, ניט געקאָנט פּאַקן קיין צימערן אין „ראַסעל סקווער״, און אפילו ביט ביי „פּאַדינגטאָן״, איז געשלאָפן אין די פּאַרקן.

יונגען אין טונקל בלאָע אוניפאָרמען פאָרן זיך אַרום די ריזיקע העלפאַנטן, זיי מאַכן זיי קריכן אויבן און בעטן זיי אַרונטערקומען, גאַנצע טעג מיט אָנגעפּילטע גאַז בייכער, בלייבן באַלאָנען הענגען איבער שטאָ־טישע דעכער, שטעלן אָן זייערע גרויסע אויערן, ווילן הימל געשפּרעכן אויפכאַפּן.

זיי, די באַלאָנען, דערמאָנען די מיידלעך און די איינצל פאַרבלאָנ־דזשעטע מידע מענער, דאָס אויסער די טויערן פון די פּאַרקן, שטייט אַ שטאָט אין סכנה.

די נעכט אַזעלכע רואיקע, די פיינע פּאַלאַצן, קירכן־שניצערייען פאַרלירן בייטאָגיקע זון שאַרפקייט נאָכדעם ווי לאַנג זומערדיקע טעג מיט האַנדל, וואַנדל, צייטונגס אויסגעשרייען גייען אָפּ. די טעמזע ווערט ווי איינגעקורטשעט, פאַרבאַהאַלט זיך אונטער פינסטערע בריקן און נעמט זיך טוליען צום שאָטנדיקן פּאַרלאַמענט, אַ מין מילדע ווייכקייט ווי מיט אַ צאַרטע פרויען־האַנט געפירט איבער טורעם שפּיצן, קופּאָלן און אַריסטאָקראַטישע אַלטע הייזער אין לאָנדאָנער שיינעם גרויסן פאַרנעם.

איינצעלנע בוימער, רייסן זיך אָפּ פון סקווערן און פּאַרקן פון לע־גיאָנען מלוכות, זיי נעמען זיך שאַרן צו רייכע און האַלב רייכע שטילע גאַסן, מיט גרינע אומפאַרקעמטע קעפּ פאַר׳גנב׳ענען זיי זיך נעבן פענ־סטער, ווילן הערן די ראַדיאָ נייעס, גלעטן טונקעלע בין השמשות ווענט און אונטער טירן מ׳זאָל זיי לאָזן די נאַכט דאָ פאַרברייננגען, שושקען זיך איבער מיט ווינטעלעך יענע זאָלן זיך האַלטן אָנשטענדיק, ווי ס׳פּאַסט נעבן ענגליש בעל הבתישע מענטשן וועלכע פאַרליידן ניט קיין טומל.

* * *

לאָנדאָן איז שטיל. פּאַריז האָט זיך אונטערגעגעבן אָן קאַמף, פראַנקרייך האָט זיך אונטערגעגעבן נאָך עטליכע וואָכן בלוטיקן, נאָך עטליכע וואָכן ביטערן געראַנגל, ווי דער פרעמיער מיניסטער טשאָר־טשיל פּראָבירט לאָנדאָן באַרואיקן, „אַז די צייט וועט אַרבעטן אויף ענג־לאַנד׳ס זייט״, און דער נייער „פירער״ אין פראַנקרייך, מאַרשאַל פּעטיין, ערקלערט דאָס „צוליב צו ווייניק קינדער, צו ווייניק פאַרבינדעטע און צו ווייניק געווער״...

לאָנדאָן בלייבט אַליין! לאָנדאָן קוקט רואיק צו ווי בלוטיקע גע־שיכטע מאַרשירט אין מאַדריד, אַדיס־אַבאַבאַ, טיראַנאַ, פּראַגאַ, ווין, און גאָר צום בלוטיקסטן וואַרשע, די הויפּט שטאָט פון שפּאַניע, אַביסיניע, אַלבאַניע, טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך און פּוילן.

די 8 מיליאָן לאָנדאָנער לייענען און הערן דורך ראַדיאָ, זען שטיק־לעך פילמען, בילדער פון טויט, פּיין און פאַרניכטונג אין אַלע טיילן פון אייראָפּע, לאָנדאָן שוויגט, לאָנדאָן „קוקט נאָך אירע ביזנעס״...

אָט ביי די טויערן פון שוועסטער פּאַריז, אָט ניטאָ מער פראַנקרייך נאָכדעם ווי בריסל און ראָטערדאַם ליגן צעשלאָגענע, נאָכדעם ווי קאָ־פּענהאַגן און אָסלאָ זענען באַלאַגערטע.

אָט איז דער שונא אין „סקאָטלאַנד״ און אין „מידלאַנד״ און דאַן דאָס אָפּטע געשריי אין מיטן דער נאַכט, לאָנדאָן נעמט ווינען מיט אַ טראַגישער שטימע!

עפּעס ווי פאַרבאַהאַלטענע אין שויס אָנגעזאַמלטע ביטערע טענער פון הונדערטער יאָרן בויען און שמידן, קלאַפּן און דורכלעכערן דעם ריי־

זיקן שטח. אַ ביינאַכטיק הייס אָטעמדיקע זומער נאַכט, די שטאָט לאָנדאָן צערייסט זיך מיט אַ טראַגיש ריטשען, ביט פון בייטאָגיקער געוויינעריי ווי דער האַלב בלאָער הימל ווערט פאַראַטן, אויסגעבן, די קליינע שוואַרצע „מערדער־פויגל", נאָר אין דרימל, אין שלאָף און רו־צייט ווען קערפער און נשמה דאַרפן זיך אָנגאַרטלען מיט מאָרגנדיקן לעבנס־טאָג.

אַלע שטאָטישע ווענט בלייבן שטיין אומבאַוועגליך, בלויז באַשעפענישן אויף צוויי פיס, האַלב טונקעלע רירעוודיקע און שרעקעוודיקע, נערוועז־טומלדיקע מענטשעלעך, ווי אויסגעשפיגן ווי שטאָטישער אינגעווייד, נעמען זוכן טיפע קעלערס גרובער, שטופן זיך צו היילן וועלכע שטייען מיט אָפענע מיילער זיך מחיה צו זיין מיט לעבעדיק לעבן. אַמאָל ליגט מען אין די גרובן עטליכע שעה, אַמאָל ביז פרי און יעדעס מאָל דערוויסט מען זיך האַלב פון צייטונגען און האַלב פון אויטאָבוסן, און מעטראָ קאָמוניקאַציע זיג־זאַגן וועגן און אומוועגן, דאָס די אָדער יענע באַקאַנטע גאַס איז געטראָפן געוואָרן, דער אָדער יענער לאָנדאָנער געגנט איז איבערגעפאַלן געוואָרן, פונקט דאָרט האָבן זיך באָמבעס פאַרטשעפעט און צעשמעטערט קאָפ און גלידער פון הייזער באַגראָבנדיק אונטער זיך די לעבעדיקע, אָדער די לעבעדיקע האָט צום גליק ניט פאַסירט !...

2

7 סעפטעמבער. אַ שבת טאָג, וואַרים און געמיטליך. אינדערפרי און בייטאָק, לופט־אַלאַרמען, אויבן קומט פאָר אַ קאַמף, „פויגל" מיט שטאָלענע הערצער, און מערדערישע אינסטינקטן גליטשן זיך איבערן גלאַט בלאָען לאָנדאָנער הימל, און געזונטע דרייסטע יונגען וועמען לאָנדאָן געהערט עטוואָס אָן, זיי כאַפּן זיך אַרויף מיט מאַשינען, פאַרטרייבן די פרעמדע אָנפאַלער. טויזנטער יונגע און עלטערע מענטשן גלאָצן צום הימל, ציילן די רירעוודיקע פינטעלעך און פרובירן טרעפן, אונטערשיידן די טראַסקערייען פון באָמבעס אָדער האַרמאַטן־פאַרטיידיקונג, אָט נעמט זיך אַזאַ מין שוואַרץ פינטעלע ציען צו דער ערד און לאָזט נאָך זיך אַ שוואַרצן רויך, מענטשן אונטן פרייען זיך און פאַטשן בראַוואָ.

נאַכט פאַלט צו. נאַכט אַלאַרם ווערט באַלד פון טראַסקערייען פאַרטויבט אַזוי אַז דער הימל צינדט זיך אַזש אָן פון קלאַפעריי. דער גאַנצער מזרח טייל פון לאָנדאָן, דער האַפּן טייל און די יידישע „איסט־ענד" איז איבערגעדעקט מיט אַ רויטער טוך, דאַכט זיך אַז גאַנץ לאָנדאָן ווערט פון פלאַמען אַרומגעכאַפּט, דער ריזיקער בנין פון 8 מיליאָן אָטעמדיקע מענטשן ווערט אין אַ אַש בית עולם פאַרוואַנדלט, לאָנדאָן ברענט !

אַ גערענגל, אַ געלויף צו זוכן אַ גרוב, עס פעלן אויס פאָרבאַהאַלטענישן, די פייער לאַווע צעשפרייט זיך און מענטשן האָבן זיך ביט ווי

אויסצובאַהאַלטן, די גרויסע פּראַקטישע שטאָט לאָנדאָן זעט אויס הילפסלאָז.

פרימאָרגן, אַ ראַדיאָ שטימע דערציילט פון הונדערטער טויטע און הונדערטער פאַרוואונדעטע אַרום לאָנדאָנער האָפן, און מענטשן בעמען אַרומגיין באַטראַכטן דעם חורבן אין פאַרשידענע טיילן פון „איסט־ענד" און „שאָרדיטש".

סעפּטעמבער טעג! גרויזאַמע בלוטיקע בייטאָג און ביינאַכט אָנפאַלן, דער ריזיקער לאָנדאָנער גוף ווערט געשניטן, צוהאַקט פון אַלע זייטן, יעדן פרימאָרגן זוכן לעבעדיק צעשראָקענע מענטשן זייער לאָנדאָן, אָט שטייט נאָך פאָרט די שטאָט, אָט נאָך אַלץ דאָ גאַסן, אָט אַרבעט מען, און מען צעפירט, מען ברענגט און פאַרקויפט, לאָנדאָן באַשליסט אָנצוגיין!

אונטערגרונט-שעלטערס

די לעבעדיקע מענטשן ווילן ניט אונטערגיין, מ׳זוכט שוץ, פייערלעשער און אָרדנונגס־היטער, הילפס־ברייגער און טרייסטער, אַלע ווייזן אַרויס אומבאַשרייבליכן מוט, און גוטסקייט, זיי באַפליגלען מיט פריינדליכקייט די אַלע עיפּוש׳דיקע „טילבורים", גרעסערע און קלענערע לעכער, און גרובן, אַ ים פון גוטער ענערגיע, און אָפּפערוויליקייט, ביז די טויערן פון מעגליכקייטן, מעגליכקייטן וועלכע ליגן אין די הענט פון לאָנדאָנער רייכע שטאָט טיילן, מיט גרויסע לײדיקע פּאַלאַצן און געבײדעס, פיל האָטעלן און באַקוועמע צימערן, אָבער אויף דעם אַלעמען ליגט אַ שטעמפּל „מיינס" און די ענגלישע רעגירונג איז נאָך ניט אַזוי פיל דעמאָקראַטיש דעם שטעמפּל פון פריוואַט אייגענטום אַרונטערצורייסן צוליב מענטשליכע לײדן, צוליב מענטשליך לעבן, אין אָרימע אַרבעטער קוואַרטאַלן.

די אונטערגרונט באַן עפענונגען איז געשטורעמט געוואָרן, צענדליקער טויזענטער מענטשן האָבן געשטורעמט די ערדישע שטאָל און צעמענט עפענונגען וועלכע זיי אַליין האָבן אונטער וועמענס קאָמאַנדע געלעכערט און געבויעט, דאָ אונטן בלייבן זיי ליגן ווי צענויפגעוואָרפענע שטיקער מיסט און אָטעמען פייכטקייט און מיקראָבן. קינד, מוטער און פאָטער, פון טויזענטער מענטשן ווערט איין שטיק שמוציק צענויפגעקאָרטשעטע מאַסע, ווייל אויבן פירן „גרויסע" און „שטאַרקע" דאָס וואָס מ׳רופט אָן פּאָליטיק אוןווירטשאַפט.

עכטע ענגלענדער, אָט צו וועלכע עס „געהערט" די גרעסטע אימפּעריע אין דער וועלט געשיכטע, ליגן ניט אין ערטער ווי „די זון גייט קיינמאָל ניט אונטער" נאָר ווי די זון קומט קיינמאָל ניט צו.

פּלאַקאַטן, אונטערגרונט אַפּישן רעדן: „אַן ענגליש קאָמפּלעקשן ענוויד אָלל אָווער דהי וואָרלד" (אַ ענגליש געזיכט איז די וועלט מקנא) און דאָ ליגן מענטשן מיט געל מידע פּנימער. אַ ריזיקער לייב האַלט ביים אַראָפּשפּרינגען פון וואַנט איינצושלינגען דעם אָנקומענדען צוג, ווערט באַצייכנט מיט „קראַפט און פאַרזיכערונג" פון אַ בוי־געזעלשאַפט, און מענטשן אין דעם געבוי אונטער דער ערד.

„סקאַטש ווהייט לייבל" גלעט מיט אַזאַ פּרעכטיק נאַטור בילד, אַזוי באַרגיק מיט וואַסערלעך און אויבן אַ בלאָער הימל, און אַ טונקל ברוי־נער נעגער געזיכט פון אַ ציין פּודער רעקלאַמע לאַכט מיט אַזעלכע ווײַ־סע ציינער פון אָט דער ווייס הויטיקער ציוויליזאַציע...

אַזוי יענע נאַכט. ווי מידע וואַנדערער געפאַלן מיט האַק און פּאַק אין חלשות, ליגן מענטשן אויסגעלייגט און צעגויפגעוואָרפן ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ אָנקומענדער שיף, ביים ברעג פון אַ טייך. די באַנען־„שיפן" שלענגלען זיך דורך אַלע ווײַלע ביז 12 בײַנאַכט ווי די מאַסע באַגעגנט זיי ניט מיט פרייד, פאַרקערט אומצופרידענע בליקן אויף עלטערע און יונגערע פּנימער, וועלכע קוקן נאָך די אינעוועניקסטע פּאַסאַזשירן וועלכע פאָרן מסתמא צו ריינע ווייכע לופטיקע געלעגערס (?) מ׳קען צוליב זיי ניט פרי איינשלאָפן... בלויז די קינדער מיט אויסגע־שמירטע פּנימלעך פאַלן צו מיד צו בײַנערדיקע מאַמעס הענטלעך און פיסלעך צעגויפגעפלאָכטן אָפּטמאָל דריי און פיר קינדער נעבן אַ מו־טער, די לופט ווערט שטיקענדער און הייסער, אַ הוסטעריי, אַ שעלטע־ריי, אינעוועניקסטער בלינדער צאָרן ווערט איבערגעשיקט פון איין מאַ־מעס געזיכט צו אַ צווייטער, פון איין הוסטענדיק האַרץ צו אַ צווייטער פלאַכער ברוסט, ביז אַרום פיר, פינף פאַרטאָק ווען אינדרויסן איז דער „אַלץ־קלאָר" סיגנאַל געגעבן, נעמען זיך פעקלעך מענטשן און פעקלעך שמאַטעס רוקן אַרויס, געפינען אייגענע פיר ווענט.

פאַרשידענע „שעלטערס" און פאַרשידן מענטשן מאַטעריאַל. דער ענגלענדער פון דער זעלבער גאַס און דערבייאיק הויז טרעפט זיך איצט צוזאַמען אין איין גרוב, לייגט זיך צו, צו דער זעלבער אונטערגרונט וואַנט און מוז צוביסלעך נעמען רעדן ניט פאַרגעשטעלטערהייט, די מער האָרעפּאַשנע געגנטן ווערן פיל היימישער און באַמיען זיך מיט לידער און געלעכטער אינאיינעם צו פאַרווײַלן.

אָבער אויך „פרעמדער־האַס" געפינט אַ פּלאַץ צווישן די אומגליק־ליך־פאַרפּירטע אין די שעלטערס אין טייל פלעצער. ברומט מען קעגן טונקל־הויטיקע פון אינזל „ציפּרוס" וועלכע פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, הגם פיל יונגע מענער פון „ציפּרוס" זענען אין ענגלישע באַטאַליאָנען. און אין פיל פלעצער איז מען אומצופרידן מיט ברוין־הויטיקע, וועלכע עס האָט פאַרגלוסט פון באָמביי, צו קומען אָנקוקן די ענגלי־

שע שטאָט לאָנדאָן, די שטאָט וועלכע רעגירט מיט זייער בלאָען הימל און שטילע וואַסערן אין אינדיע, און אין פיל פּלעצער ברומט מען קעגן יידן, אַז די מענטשן וועלכע ווערן די לעצטע צוויי טויזנט יאָר געוואָרפן פון איין לאַנד צו אַ צווייטן, ווי זייערע געסלעך אין ווייטשעפּל זענען צווישן די ערשטע לאָנדאָנער גאַסן קרבנות, אָדער גאָר אומצופרידענע בליקן צו דייטשישע און עסטרייכישע פּליכטלינגע, די טראַגישע מענטשן יידן און אַנטי־נאַציס וועלכע האָבן די ערשטע באַצאָלט פאַר היטלער בלוטיקער הערשאַפט.

3

יעדן אינדערפרי ווערט לאָנדאָן אויפסניי געבוירן. אַרבעטסזאַמע און אומדערשראָקענע אַרבעטס־מענטשן לעבן און אַרבעטן צווישן, און אין רואינען.

טייל מענטשן פון „איסט־ענד" ווערן איבערגעפירט אויף דערווײלע צו מער זיכערע ניט קיין פאַבריקס־געגנטן, טייל מוטערס מיט קינדער פאַרלאָזן לאָנדאָן, אָבער אין אַלגעמיין זענען גאַסן פול מיט האַנדל, די אינוואַזיע־שרעק איז פאַרטריבן, פון די צייטונגען, וועלכע דערציילן פון הונדערטער אַראָפּגעשאָסענע דייטשישע עראָפּלאַנען ביי די פּאָרטן, און ביי די טויערן פון לאָנדאָן.

די לאָנדאָנער מאַמעס ווערן אַלע טאָג אָנגעפרעגט דורך בריוו צי זיי זענען געזונט, און צי דאָס הויז שטייט. יונגע זין „ערגעץ אין ענג־לאַנד" האָבן זיך געטרייסט מיט די ראָלן, מאַמעס פלעגן אָפּוואַרטן בריוו פון „מאַזשינאָ ליין" און „דונקירק"...

די רייכע און מיטל־קלאַס רעסטאָראַנען און האָטעלן סערווירן נאָך פון שענסטן און בעסטן, און די לאָנדאָנער האָבן זיך אויסגעלערנט צו אונטערשיידן דאָס ברומעריי פון עראָפּלאַנען, מ'דערקענט „אייגענע" און „פרעמדע". מ'זאָגט מביבות אויף „אַנטי־לופט" האַרמאַטן קנאַלע־רייען און צום אינטערעסאַנטסטן איז דער הימל, מ'האַלט אים אַ גאַנצע נאַכט אין באַשמירן, באַמאַליעווען מיט פאַסן, אַזוי פיל ליכט־לויפער האַלטן אין איין אַרומזוכן און בישטערן צווישן וואָלקנס און שטערן, אָבער הימל קומט יעדן פרימאָרגן מיט איר אייגענער הויט.

* * *

אויך רייכערע שטאָט טיילן נעמען צאָלן, די האַנדלס־גאַסן ווי באָנד סטריט, אָקספאָרד סטריט און בערקלעי סקווער, פּיקאַדילי און אַנדערע געגנטן, אַלע באַקומען שווערע קלעפּ.

אַזוי פיל רייכקייט און מענטשליכע האַרעוואַניע, אַזוי פיל מענטש־ליכער גענוס (ווען מ'זאָל עס צעטיילן), געשעפטן ווי „פּעטער־ראָבינ־

סאָן" און „לואיס", פון אַלץ געמאַכט אַ תל, ריזיקע הייזער זענען איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקעלעטן.

בייטאָק קען מען זיך אַרומזען וואָס די אַלערליי באָמבע־פייפערייען איבערן קאָפ, די שטיקער פאַלנדע בליי נעבן פּליצע, נעכטן אָוונט, גאַסן און הייזער דערציילן.

גרויסע ריזיקע הייזער, שיינע גאַסן, זענען ווי געפאַלענע לייבן און אַזעלכע טראַגיש־קאָמישע פּנימער באַקומען די צעפאַלענע און צעשאָטענע בנינים.

מיטל־קלאַס און אָרימע אַרבעטער הייזער רעדן מיט באַזונדערע בעבעכע אייגנשאַפטן, אָפטמאָל בלייבט אַ פּיאַנאָ שטיין אויפ׳ן דורכגעשפּאָלטענעם צווייטן שטאָק, כאָטש זיך אַרויפכאַפּן און נעמען שפּילן שאָפּינס טרויער־מאַרש...

קיך געשיר, און שפּיגלען, בלייבן אָפטמאָל אומבאַשעדיקט, דאָ קוקט אַראָפּ אַ פאַמיליען־בילד און דאָ שיינט אַרויס אַ קלאַסיש ווערק פון שעקספּיר אָדער דיקענס.

אָט אַ אָפענע אַפּטייק אויפגעפּראַלט, זיך באַווייזן מיט אַלע פלעשעלעך קעגן פאַרשידענע קראַנקהייטן, אָן טירן, אָן פענסטער, פּאַליצעס האָבן זיך דעמאָנסטראַטיוו פאַר יעדן דורכגייער פאַנאַנדערגעשפּיליעט, אָבער צווישן די הונדערטער גרעסערע און קלענערע פלעשלעך־צוזאָמענמישונגען אויף די פּאַליצעס זעט מען ניט קיין מיטל קעגן מלחמות אויף אַ רפואה...

טראַגיש זען אויס אָרימע אַרבעטער הייזער, צעפּיצלטע ווענט און דעכער באַווייזן זייער שטוב־איינגעווייד, אַלץ קוקט אַרויס מיט אומגעריכטער אָפּדעקונג, עפּעס ווי פון אַ שלאָפנדן די קאָלדרע אַראָפּגעריסן, און „ביזנעס עז יוזשל" הענגט אַראָפּ פון קליין־קרעמעריש צעבראָכענע טירן און פענסטער.

פאַרנאַכט צו נעמען זיך ציען פּראָצעסיעס איבער שטאָטישע גאַסן, שפּאַנענדע פּעקל־דעמאָנסטראַציעס צו קעלערן און גרובן פון מזרח, מערב, צפון און דרום, יעדער זוכט אַ באַשטימט אָרט ווי איבערצוואַרטן די טויט־נאַכט.

די איסט־ענדער יידישע מענער און פרויען, און די וועסט־ענדער גריכישע און איטאַליענישע פרויען, זיי זענען מער דענערווירט, ווי די ענגלענדער. עפּעס ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַן אויפגאַבע, זיי מוזן זיך ראַטעווען, ווייל זיי מוזן אָנהאַלטן זייער שטאַם אין פאַרוואָרפענע לענדער.

קומט זיך צושאַרן אַ לבנה און נעמט זיך צוקוקן, ווייל זען, ווי אַזוי צעפאַלענע הייזער און צעשראָקענע מענטשן זען אויס. זי באַטראַכט די ווונדן פון צע׳הרג׳עטע נעסטן, קוקט אַריין דורך אָפענע דעכער און וויל

גאָר ניט אָפּטרעטן. מערדעריש גיט זי זיך אַ שטעל אַוועק אינדערמיט שטאָט און דעקט אויף מער דעכער, מער מענטשליכע נעסטן, און אויבן שפּאַנען אַרום מערדער מאַשינען, זיי צעוואַרפן און צילעווען גיפטיקע שפּיזן און גלייך אין מענטשליכע הערצער!...

* * *

אין פינסטערע אָקטאָבער און נאָוועמבער נעכט, נאָכדעם ווי בלייערנע טעג האָבן געברייגנגט פיל באָמבעס מיט צענדליקער דער'הרג'עטע, אין אַזעלכע נעכט פילט זיך לאָנדאָן אַ ביסעלע זיכערער, נעפּל, רעגן, דערלאָזט ניט אַזוי פיל נאַכט־באַזוכער אין שטאָט אַריין.

פלאָנטערט מען זיך אַמאָל אַריין צווישן שקעלעטן־גאַסן, און מ'קען קיין אָפּענעם וועג ניט פּאַקן, איז ווי די חורבות וואָלטן געוואָלט מענטש אַריינשלעפּן, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע לעכערדיקע גופים זיך געוואָלט וואַרפן אויף מענטש, צוליב זייערע פאַרשניטענע יאָרן בקמה נעמען פאַר אויסגעברענטער און פאַרניכטעטער אינגעווייד, זיי קוקן זיך צו, צו די „זוך־ליכטער" אויבן אפשר וועט געלונגען צו פּאַקן דעם מלאך־המות און אים אַרונטערשלעפּן?

די גאַסן נעמען אויף שנעל אַראָפּראַמען אָנגעפאַלענע שטיקער, אַרבעטער עגבערן די ערד, באַמיען זיך שטאָטישע איינריכטונגען צו פאַריכטן, גאַז און עלעקטרי ווערט אויף שנעל מיט דראָטן פאַרצויגן, לאָנדאָן גרייט זיך צום ווינטער, און דאָ קומט אָן דער צווייטער גרויסער איבערפאַל!

29 דעצעמבער. אַ געוויינליכער זונטיק נאָכמיטאָק כמעט אָן לופט וואָרנונגען, און די „איסט־ענד" פּרובירט צוביסלעך אַרויסשטעלן אַ פּוס נאָכדעם ווי מ'האָט זי עטליכע טעג צורו געלאָזט.

ווי נאָר עס ווערט פינסטער קומט אַ וואָרנונג מיט אַ קנאַלעריי, לאַנד מינעס און פייער באָמבעס, און הייזער שטייען שוין אין פלאַמען.

שאָרדיטש און ליווערפּול סטריט געגנט זיינען באַוואָרפן מיט פאַלנדע „שטעקעלעך", דער וועג צו ווייטשעפּל דורך וואַלאַנס רויד איז ווי איין פראָנט־ליניע, שטיקער הייזער ברעכן זיך, שטיקער שאָסיי אַנטרונט פון אונטער די פיס, דאָס זשומעריי אויבן אַלץ שטאַרקער, די פייערן אַרום אַלץ געדיכטער, שויבן וויינעריי פון אַלע זייטן, די געסלעך זענען אָפּגעליידיקט פון מענטשן, בלויז פייערלעשער און איינצעלנע לייט, וועלכע זענען צעטומלט פון די בילדער אַרום.

אַרום דער שפּיטאָל געביידע וואַלאַנס רויד טומלט זיך, מענטשן ביי לאַסט אויטאָמאָבילן אין ווייסע כאַלאַטן, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער פּאַקן אָן וועגענער מיט קראַנקע מענטשן מיט אויסערגעווענליכער געשיקטקייט און מוט, און אַרום פאַלן כסדר הייזער, שטיקער

גלאָז און שראַפּנעלן ווי געצילעוועט אין די קראַנקן־וועגענער, און די שאָפערן פרעגן ביי אַ פאַרבלאָנדזשעטן דורכגייער ווו דער וועג איז זיכער...

די פלאַמען אין ווייטשעפּלער געסלעך קומען זיך צונויפן, שאַפן אַ פאַרייניקטן רויט בלוטיקן הימל, דער ווינט צעיאָגט שטיקער ווענט און דעכער, עס יאָגט מיט שטיקער פייער, עס רעגנט מיט פייער, דאַכט זיך אַז געבליבן איז נאָר דער שפּאַן ווו מ'שטייט, ניט זיך צו רירן, ווייל אַרום און אַרום איז אַלץ אָפּגעברענט!

* * *

דער גרוב פון „סאַן־מעריס" אונטערגרונט איז באַלאַגערט פון הונ־דערטער פרויען, עלטערע מענער און קינדער. יעדעס פּיצל פּייכטער גרונט איז פאַרנומען מיט פּאַק און מענטשליכער מאַסע. די נאַסע ווענט און שטיקנדע אַטמאָספערע מיט קרעכצערייען און גרויליכע געשיכטעס, ווערט אַלץ שטיקענדער, דאָ און דאָרט שטופּט מען דורך אַ פאַר'חלש'ט בלאַס מיידל צום „גיכן־הילף" ווינקל, וועלכער זעט אויס אַזוי שמוציק און שטיקנד ווי אַלע אַנדערע ווינקלען אין דעם לאַבירינט, און אַט צע־וויינט זיך אַ מוטער מיט איר טאָכטער, ווייל זייער הויז, זייער נעסט איז אין פלאַמען און אַנדערע פרויען פּרובירן זיי באַרואיקן אַז זייער לאַגע איז אויך ניט בעסער, באַלד קומען אָן אָרדנער וועלכע בעטן מ'זאָל זיך מער צונויפענקורטשען ווייל מער לעבעדיק מאַטעריאַל ווערט אַהערצו איבערגעפירט פון אַנדערע ברענענדיקע שעלטערס...

יידישע פרויען, מיט מידע נערוועזע פּנימער, און קריסטליך בייזע קנאַכיקע פּנימער, מענער, פרויען און קינדער, נעמען זיך קורטשען אין שמאַטעס, קאָלדרעס און דעקן. עס איז פאַר האַלבער נאַכט, אַרום און אַרום אויבן ברענט און קראַכט, דאָ וויל די צונויפגעדריקטע שטיקנדע מאַסע איינשלאָפן. מ'קומט אַראָפּצולויפן מיט דעם „אָלל־קליר" סיגנאַל, אָבער ניט פיל געטרויען אַזעלכעס אין מיטן דער נאַכט, איינצעלנע פאַר־לאָזן, און טיילן זיך אָפּ פון דער מאַסע.

אויבן איז ווי אַ פייערדיקע בייטשן סימפאָניע, קערפּערס פון ברע־נענדיקע מיסיאָנערן הייזער, קירכעס און געשעפטן, אַלץ ווערט אַרונ־טערגעשווענקט צום באָדן, וואַסערדיקע שטראַמען וויקלען זיך אַרום ווי שלאַנגען, געניטע פייערלעשער העגט פירן אָן מיט דעם קאַמף.

ווי ניט צו פאַרשטיין, אַנגעצונדן און אַנטלאָפן. זאָלן זיי זיך האָבן דערשראָקן פאַר דעם בילד געזען פון אויבן, אָדער עס האָט זיי אויסגע־פעלט פאַרניכטונגס־מאַטעריאַל, זענען זיי געלאָפן צוברייגגען?

מענטשן נעמען ביסלעכוויז אַרויסקריכן פון באַרעס, יונגערע שטייען אַרום פלאַמענדע פראָנטאָווע ווייטשעפּל־געשעפטן, עלטערע

לויפן געפינען זייערע היימען, וועלכע די ברענענדיקע שכנים צוזאַמען מיט'ן בייזן ווינט ווילן גאַנץ ווייטשעפל אין אַ ברענענדיקן ווילדן קאַראַהאַד אַריינפלאַנטערן, אַ קאַראַהאַד פון בלוט, טרערן און פאַרצווייפלונג, טויט און פאַרניכטונג אין האַרץ פון יידישן האָרעפּאַשנעם קוואַרטאַל.

די „סיטי" אין פלאַמען!

אַרום אַלדגייט און ליווערפּול סטריט סטאַציע איז דער וועג פאַרשטעלט מיט פייער און וואַסער, דורך „טשיפּסייד" ביז „בענק" און „סאַן פּאָלס" קירכע איז ווי צווישן אַ פייער לעגענדע פון טויזנט און וויפל נעכט, אַ מין אויסגעטראַכטע שטורקאַצן־לעגענדע פון אַ געניאַלן מוח וועלכער האָט באַוויזן אַ מייסטערשטיק פון צעשטערונג.

ריזיקע הייזער געביידעס שפּאַצירן אַרום גאַס איין און גאַס אויס מיט אָנגעצונדענע בייכער, פון אַלע שמאָלע און ברייטערע פּאַסאַזשן שטעקן אַרויס פלאַמענדע רויטע צינגער, זיי נעמען אַריין אַלץ מער און מער ביוראָס, בענק און פאַרשידענע פירמעס אין זייער שדים־טאַנץ. אָט דאַכט זיך אַז זיי לאָזן צו דער מוטער־באַנק „אָף ענגלאַנד", זיי ווילן צוּלייכטן, דאָס ענגלישע קאַפּיטאַל איבערציילן, און אָט נעמען זיי זיך אַן ביי די פּאַלעס און טאַנצן, דרייען זיך הקפות, אַרום דעם קופּאָל פון „סאַן פּאָל".

פייערלעשער ראַנגלען זיך מיט עטליכע געביידעס, זיי צעשיקן שטראָמען אין צענדליקער רעגנבויגנס, אָבער גיי נעם אונטער אַ קאַמף מיט אַזאַ ברענענדיקער מחנה פון אַלע זייטן, לאָזן זיך די ווילד געוואָרענע פירקאַנטיקע באַשעפענישן אַליין צעפּרעסן, לאָזן זיי אויסגיין ווי ליכט, הנאה האָבן פון זעלבסט־אומקום, לאָזן זיי אויסטאַנצן אַ לעצטן פייערדיקן טאַנץ אונטער אַ האַלב שוואַרצן הימל.

ביי יעדן פונאַנדערפאַל פון אַ שטיק פליצע אָדער זייט, פון פייער רציחה'דיקע שויבן און טירן קאָמבינאַציע צעשרייען זיי זיך מיט אויסערגעוויינליכער זיך אָנזעטעקדיקער היץ, זיי דראָען מיט טויט צו פרעמדער מענטשליכער דערנענטערונג.

* * *

וואָס נענטער צו „האָלבאָרן" ווערט דער הימל אָפּגעקילט און בלאַסער. דער וועג ביז „וועסט ענד" ווערט באַגלייט פון אַ טונקעלן שטילן הימל, אַלץ אַרום איז כמעט ווי פאַרזונקען אין שלאָף, אַלץ זעט דאָ אויס פון אַ צווייטער וועלט.

— ווו זענען אָט ערגעץ יענע פייערן?" פרעגן איינצעלנע דורכ־

גייער און קאַפּע־זיצער. עס לאָזט זיך קוים גלויבן דאָס איין טייל לאָנדאָן זאָל אַזוי ווייט זיין אָפּגעזונדערט פון אַ צווייט לאָנדאָן, אָט ערגעץ דאָרט שטייט זיך אַ ברענענדיק פאַנטאַסטישע שטאָט מיט׳ן נאָמען „סיטי אָף לאָנדאָן״ און אַ ביסעלע ווייטער צו מזרח אַ טראַגיש יידיש „ווייטשעפּל״.

די „סיטי״ האַלט מען אין איין לעשן און מיט דער פאַרניכטונג פון גרויסע טיילן „סיטי״ גייט אָפּ אַ שטיק פון ענגלישע טראַדיציע, און שטאַלץ פון יאָרהונדערטער.

4

ווינטער מאָנאַטן 1941 לאָנדאָן איז מיט רעגנס און בלייערנע טעג, פון צייט צו צייט לופט וואָרנונגען און „בליץ״ נעכט מיט מענטשלעכע קרבנות און צעשטערטע הייזער, אָבער לאָנדאָן זאַמלט אָן כוחות צום פרישן זומער.

עס קומען אָן פרילינג מאָנאַטן ווי לאָנדאָן פאָלגט נאָך דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון גריכנלאַנד און יוגאָסלאַוויע, לאָנדאָן האָט אפילו געשיקט הילף צו גריכנלאַנד, אָבער די צוויי העלדישע קליינע מלוכות קענען ניט מער אויסהאַלטן, אַטענס און בעלגראַד איז אין דייטשישע און איטאַליענישע הענט.

אַ אַפּאַטישע שטימונג הענגט איבער לאָנדאָן, מ׳שרעקט זיך און מ׳גרייט זיך פאַר די אָנקומענדע מאָנאַטן. די גאַסן ווערן ביסלעכוויז אויסגעליידיקט פון יונגע מענער, פיל פרויען פאַרביטן זייערע שיינע מאַנטלען אויף שטייפע מענער רעקלעך, זייערע פיין באַאַרבעטע קעפּלעך אַרונטערגערוקט אונטער דאַשקעס, און פיל פרויען נעמען פאַרטרעטן מענער אין פאַרשידענע פאַכן און מלוכה׳שע דינסטן, מ׳זעט מער און מער סאָלדאַטן פון פאַרשידענע אויסלאַנדס „רעגירונגען״ און פון דאָמיניאָנס, לאָנדאָן ווערט מער און מער מיליטאַריזירט און אין די טונקעלע און שוואַרצע נעכט וואַקסט פּראָסטיטוציע אויס אין יעדן ווינקל.

פיל רייכערע געגנטן זענען האַלב אויסגעליידיקט ווייל די הערן און דאַמען לעבן אין מער זיכערע פּראָווינץ געגנטן, עס נעמט צוביסלעך אויספעלן בוטיקע לעבנס־פּראָדוקטן אין שפּייז קראָמען, און אַרבעטער רעסטאָראַנען און קאַפעען פאַרמאָגן שוין באַלד גאָרניט צו קלויבן פון אַזוי אויך שטענדיק די זעלבע קאָך־צוגרייטונגען.

מאַרקן און האַליעס מיט די שענסטע וועלט פרוכטן צו ביליקע פּרייזן, דאָס אַלץ זעט מען כמעט ווי ניט אָן, אַחוץ אין רייכערע רעסטאָראַן־פעןסטער. לאָנדאָנער האָפן קריגט וועניקער אַריין עסנוואַרג, און גאָר וועניק קאָלאָניאַלע פרוכטן.

דער לאָנדאָנער פאַרלירט טראָץ דעם ניט זיין פריינדליכקייט און העפליכקייט, אדרבה, אין אַ געוויסן זין איז איצט נענטער צו אים צוצו־

קומען, לאָנדאָן האָט לעצטענס מער פּאַרייניקט אירע בירגער, מ׳וויל זיך אײנער מיט דעם אַנדערן שנעלער באַקענען, מ׳ווילצלט זיך איבער טויט־געפאַרן.

* * *

10 מאַי. דער טאָג שמעקט מיט זומערדיק לעבן, גרינס און בלומען רייסן זיך דורך פאַרשטעלטע גאַסן און אפילו אויף׳ן שויס פון צעפאַלע־נע הייזער וואַקסן זיי אויס. מאַי וויל וויזן, אַז ער האָט כשר פאַרדינט זיין נאָמען אַלס שענסטער און מילדסטער חודש פון יאָר, אפילו אין „פאַרנעפּלטן־לאָנדאָן".

פאַמעליך, ביט זיכער, שלייכט זיך נאָכט אין שטאָט אַריין, ווו עס לויפט איר נאָך אַ ליכטיקע לבנה און זי שטעלט זיך ווי תמיד אַוועק גאַנץ אויבן אַריינקוקן, זי קען מיט׳ן אויג אַרומנעמען גאַנצע און צע־אַקערטע גאַסן, חורבות און פאַרבליבענע שיינקייטן, בישקשה, לאָנדאָן פאַרמאָגט נאָך גענוג צו באַזוכן און באַטראַכטן...

אַרום 11 בייַנאַכט ווילן זיך קליינע שוואַכע וועגט אויסשפּאַנען, אײדער אַזאַ לעבן מיט אַ געוואַלטיקער קני׳ ציטערניש איז שוין בעסער אַט ווי קעגנאיבער יענע הייזער וועלכע זענען שוין „איבערגעקומען" וואָס די לבנה וויל דווקא אַריינקוקן אין׳ צימער איז אַרויסגעשליידערט די שויבן דורכ׳ן פענסטער, נאָ, זע, ווי מענטשן כאַפּן זייערע בשמות אין זייערע הענט, זייערע קינדער אונטער׳ן אָרעם, און לויפן, לויפן זוכן טיפע גרובער !...

מענטשן באַגראָבענע מיט ביר גלעזער אין די הענט, פונקט האָט זיך באַמבע פאַרגלוסט אַריינפאַלן כאַפּן אַ טרונק אָבער געלאָפן פון אויבן מיט צו גרויסן אימפעט, אַט ברענען פאַרשידענע טיילן לאָנדאָן, דאַכט זיך ניט ווייט פון באַרימטע באַן סטאַציעס ווי „וויקטאָריאַ" און „יוסטאָן", אַט שטייען ווידער הייזער אין פלאַמען און עס פעלן אויס לע־שער הענט מיט לעש־מכשירים, כאָטש אַנשטעלן אַלע לאָנדאָנער אויף די דעכער זיי זאָלן פאַרדושן, צודושן די לאַנגע דינע שטעקעלעך באָמ־בעס וועלכע פרעסן אויף גראָב־בייכיקע מאַסיווע הייזער.

ביסלעכוויז פאַרשווינדן די צעלאָזענע פייערווערק וועלכע זענען מאַסנוויז אַרונטערגעקומען ווי מיט צעגאָסענע טרערן, דער הימל־לאָקאָמאָטיוו הערט אויף צו פאָרן אויף פייערדיקע רעדער, בלויז די לבנה שטייט אַליין צעשפּרייט אין מיטן שטאָט, מערדעריש קוקט זי זיך צו ווי מענטשן פאַרברעכן מיט די הענט צוליב זייערע פאַרלוירענע נאָענטע משפחה מיטגלידער, און היימיש אײנגעבאַקענע נעסטן, די לבנה קוקט זיך די גאַנצע צייט צו ווי פון לעבן ווערט טויט און ווי לאָנדאָן שטייט אין פלאַמען !...

11 מאַי. נאָכדעם ווי פאַרניכטער גייט אָפּ האָט זונטיקדיקער פרימאָרגן צו קעמפן מיט שטיקער פייער, די זון שטופּט זיך דורך צו „וועסט ענדער" און „איסט ענדער" גאַסן און געסלעך, מיין גאָט, זי דערקענט ניט איר נעכטיק פאַרמעגן, ניט אירע טורעמס און שפּיצן, עס פעלן פיל יונגערע און עלטערע לעבנס וועלכע מ'קען ניט אַרויסשלעפּן פון אונטער שטיין און ציגל, שוין איינמאָל ווי שטאָט גיט דער זון אַ קבלת־פּנים !...

לאַנד מינעס, אויפרייס באָמבעס, אויל באָמבעס, און צינד באָמבעס, אַלע מינים טויט אָנשיקענישן וועלכע זענען געפלויגן איבער קעפּ צייט לעצטן סעפּטעמבער, האָבן זיך מיט שאַרפקייט ווידער אַ נעם געטאָן צו אַלע טיילן פון לאָנדאָן און צווישן די אָנגעזעענע לאָנדאָנער געביידע קרבנות, איז דער פאַרלאַמענטאַרישער זיצונגס־זאַל אינדערמיט, ווי געצילט קעגן פאַרבליבענע דעמאָקראַטיע !...

טויזענטער אַרבעטס מענטשן און אָנגעשטעלטע פון אַלע עקן לאָנדאָן קומען זונטיק פרי זען צי זייערע „ברויט־פלעצער" שטייען נאָך, צאַפּלענדיק ווערן זיי פאַרהאַלטן פון די חורבות ווען זיי קומען צו גרעיט פּאָרטלאַנד סטריט און אָקספאָרד סטריט, אָט קליפּסטאָן סטריט און דיאין סטריט און פיל אַנדערע אַרבעטס גאַסן און געשעפטס אונטערנעמונגען נעכטן אין פולן פראַכט, היינט אַ באַרג אַש. אַ לעבן פון אַ מענטש, אַ לעבן פון אַ הויז, וואָס וויפל איז דאָס ווערט ? ווי מיט כישוף. אָט נעכטן חשוב'דיק געגרויסט זיך מיט שטייפע מינעס פון מאָדערנער ציוויליזאַציע, און היינט, נאָר שקעלעטן, ביינערדיקע ווענטלעך אָן פליש, אָן בלוט. פון מענטש ווערט נאָך ווייניקער.

איז זיך געשטאַנען אַ קיילעכדיקע געביידע ווי באַרימטע פידלער און פּיאַנאָ שפּילער פלעגן געבן קאָנצערטן פאַר שטיל ערצויגענע מיטל קלאַס ווייבער און אינטעליגענט אויסזעענדע מיידלעך „וואָס האָבן ליב מוזיק", אָט הענגען נאָך אָפּישן פון קומענדע באַך און בעטהאָוון קאָנצערטן, איז דער קאָנצערט זאַל געבליבן ביי דער קיילעכדיקער וואַנט, דער הימל קען פריי אַריינקוקן אָן אַ בילעט, אָבער די זון וועט ניט געפינען קיין פלאַץ צו זיצן, ווייל אַלץ איז פון אינעווייניק פאַרשוואונדן ווי אַ שטעל אָפּ מיט אַ טאָסקאַניני שטעקעלע, אַ סימפאָניע פון געבויעטן לעבן אינדערמיטן.

שטייען שטיקער מוזיק אין פאָרם פון לעבעדיקע עלטערע שפּילער, מיט גוטמוטיקע פנימער קוקן זיי און באַטראַכטן פיצלעך אַרויסגעראַטעוועטע אינסטרומענטן, ווי עטליכע זענען מקנא איינעם מיט אַ גאַנצער ניט אָפּגעברענטער פידל, דאָס אַלץ אַרויסגעראַטעוועט פון „קווינס האָלל".

צווישן רעשטלעך פון אַ צעשאָטן בעל הבתישקייט ווי אַ ראַדיאָ,

פֿאָטאָגראַפֿן־אַלבומען, און שיסלען, ליגט אַ בוך מיט אַ קעפּל: „די שרעק פֿאַר דעם לעבן“, דערנעבן אַ חתן־כּלה פֿאָטאָגראַפֿיע...

ניט נאָר שטיקער מענטשן, און הייזער ווערן געשליידערט, פֿאַרוואָרפֿן פֿון זייערע פּלעצער, אויך ביימער, טראָטואַרן, און שטיקער ערד בלייבן אַמאָל הענגען אין דער לופֿטן, די לעצטע כּדי מ׳זאָל קענען אויסאַרבעטן שפּאַצירן, פֿאָרן, איבער דעכער.

צייטונגען דערציילן מיט צאָרן און שרעק פֿון נעכטיקן חורבן, און ווי ניט צום גלייבן, דאָס לעבן געבליבענע אין שרעקליך צעגראַמירטן „איסט־ענד“ און „וועסט־ענד“ גרייט זיך אָטעמען, עסן, שפּאַצירן, אַ זונטיק טאָג פֿאַר מיליאָנען טראַגיש פֿאַרנאַרטע מענטשן וועלכע גייען אָנפֿילן די שטאָט לאָנדאָן מיט לעבן.

יוני טעג. לאָנדאָן איז האַלב צענומען און דורכגעלעכערט. פֿיל „וועסט־ענדער“ געשעפֿטן האָבן אויף שנעל באַוויזן צו פֿאַריכטן און צו פֿאַרלאַטן זייערע ריזיקע פֿעסטע געביידעס און טייל זענען געבליבן ביי אייזערנע שטאַנגען.

די „איסט־ענדער“ גאַסן זענען מער לופֿטיק, פֿילע דורכגענג און קרומע הייזער זענען פֿאַרשוווּנדן, מענטשן קריכן באַטאַפּן אַלע זייטן פֿון האַלב איינגעלייגטע הייזער, זיי פֿאַרענדיקן די מלאכה וואָס די עראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן, די אָרימע הייזקעס און אַלטע גראָע פֿאַבריקווענט ווערן אָנגעפּירט פֿון נאָך לעבעדיקן אַרום, מענטשן אַרום האָבן ווילן צו לעבן און אָנצוגיין. די „סיטי“ איז ווי אַ שטאָט אויסגעגראָבן פֿון טויזענטער יאָרן צוריק, דאָס אַלטע רוים מיט די רואינען איז קליין און איינפֿאַך אין פֿאַרגלייך מיט דעם אָנבליק פֿון פּראַכטפֿולע הייזער וועלכע זענען אין פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס מיט אויסשטרעקענדע הענט און פֿליגלען, רייסן זיך צום הימל מאָנען חשבון.

גאַנצע גאַסן, אַ גאַנץ געגנט מיט אַ טראַגיש־פּאָעטישן אויסזען, אָבער מער און מער פֿלאַכקייט פֿאַרנעמט דאָס פּלאַץ פֿון געוועזענע שטאַרקע מאַסיווע האַנדלס און בענק פּלעצער. די מאָלערישע שאַגאַל אָדער פּיקאַססאָ פּיראַמידן פֿאַרשווינדן צוביסלעך יעדן טאָג, ווייל די האַנדלס־וועלט פֿון לאָנדאָן האָט קיין פּלאַץ, קיין זין פֿאַר שיינע גרויסאַרטיקע חורבות.

ווען די שטאָט לאָנדאָן אָטעמט אָפּ

באַלד נאָכ׳ן לעצטן „גרויסן בליץ“ דערוויסט זיך לאָנדאָן דאָס אַ „חשובֿ׳ער“ גאַסט איז אַריינגעפֿלויגן אויף אַ „באַזוך“ אין סקאָטלאַנד, ניט קיין אַנדערער ווי היטלער׳ס רעכטע מערדערישע האַנט האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ קוק צו געבן אין לאַנד פֿון שונא „וווּ ער האָט ערוואַרט

אויל, צו קענען צוריקפאָרן"... די לאָנדאָנער פרעסע קען קיין סך מער ניט דערציילן ווי זיך לערנען טרעפן לויט דער מאָס פון צענזור, אָבער וואָס אַרט עס לאָנדאָנער גאַסן און פּאַרקן, וואָס אַרט עס אירע איינוווי־נער וועלכע זענען דורכגעגאַנגען „שוויס, בלוט און טרערן", אַ זומער איז דאָ, מ'קען דערוויייל כאַפּן אַ טרונק ביר אין דערבייאיקער לעבן גע־בליבענער שענק, און מיט די קליידער קופּאָנען וועט מען זיך אויך אַן עצה געבן, די מיידלעך ווייזן באַלד אַז זיי קענען זיך באַגיין אָן זאָקן...

אמת, דער קאַמף פאַר דאָס גריכישע אינזל קרעט איז פאַרלוירן, די נאַציס האָבן באַוויזן אַ אינזל אויך צו עראָבערן, אָבער לאָנדאָן איז פיל שטאַרקער ווי מיט אַ יאָר צוריק, לאָנדאָן איז מיט אַ ביסעלע שרעק און אַ ביסעלע מוט, אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן און שטאַאַטס־מענער שרייען אַז „זיי קענען עס נעמען"...

* * *

23 יוני. די לאָנדאָנער פרעסע צעשרייט זיך מיט ריזן קעפּ דאָס נאַ־צי־דייטשלאַנד איז באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד!...

מיט אַ טאָג פריער זונטיק פרי האָט דער ענגלישער ראַדיאָ אָנגע־זאָגט די נייעס אין לאָנדאָנער שטובן און דער דורכשניטליכער לאָנדאָ־נער בירגער האָט דערשפּירט דאָס רוסלאַנד נעמט איבער דעם קאַמף, און ווי באַלד דער פּרעמיער מיניסטער טשאָרטשיל ערקלערט מאָסקווע אַלס פאַרבינדעטן, פאַרוואָס ניט, דער לאָנדאָנער האָט ליב אַזעלכע פאַרבינדעטע...

ציטערן און זאָגן נביאות די לאָנדאָנער צייטונגען צי רוסלאַנד וועט לאַנג אויסהאַלטן, אויף לאַנג געבן לאָנדאָן אָפּרו, און בכלל צי מ'קען זיך שטיצן אויף אַזאַ מאַכט וועלכע האָט ניט געשיקט די מיליטערישע פירער שטודירן אין קעמברידזש...

פאַלן טאַקע פוילישע שטעט, גיסן זיך טייכן בלוט אויף פוילישער ערד, ווערן טאַקע פאַרניכטעט אָרימע בעל הבתישקייטן פון פוילישע, יידישע און אוקראַאינישע מאַסן, אָבער רוסלאַנד האַלט אויס, רוסלאַנד דאָס לאַנד פון טראַגישע עפּאָפּייעס (און אפשר טראַגישע פלאָנטערנישן), דאָס לאַנד פון אויפגעוואַכטן אַרבעטער און פּויער, האַלט אויס און האָט קיין אַנדער וועג ווי אויסצוהאַלטן!

איצט ווענדעט זיך ווידער אין לאָנדאָן, צי וויל לאָנדאָן רו אויף אַ שטיקל צייט, צי וויל לאָנדאָן צוקוקן זיך ווי ביי מאַדריד און וואַרשע, אָדער לאָנדאָן וויל זיך פאַרבינדן אויף לעבן און טויט מיט מאָסקווע און לענינגראַד?